יחזקאל בריס

•

אויף קידוש השם

ירחמיאל בריקס

אויף קידוש השם

ירחמיאל בריקס

אויף קידוש השם

און אַנדערע דערציילונגען

מיט א הקדמה

פון דר. א. מוקדוני

ארויסגעגעבן פון
ירחמיאל בריקס
בוך־קאָמיטעט
ניו יאָרק, נ. י.

מיט דער מיטהילף
פון
דוד איגנאַטאָוו
ליטעראַטור פאָנד

ניו־יאָרק
1952

For the Sanctitication of God's Name

By

RACHMIL BRYKS

Copyright 1952
RACHMIL BRYKS
73 West 105th Street
New York 25, N. Y.

Printed in U.S.A.

200

א האַרציקן דאַנק מיין ליבן און חשובן חבר, דעם שריפטשטעלער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט נישט געקאַרגט קיין צייט און מי, מיט ראָט און טאָט, אז דאָס ספר זאָל קענען דערשיינען.

און אויך מיין הארציקסטן דאַנק צו די חשובע קאָלעגן, וואָס האָבן געלייענט אין מאַנוסקריפט „אויף קידוש השם" און „אַ קאָץ אין געטאָ", און האָבן מיך הערמוטיקט און פיל בייגעטראָגן, אַז די ווערק זאָלן דערשיינען צוזאַמען: יוסף אַפּאַטאָשו, יצחק באַשעוויס, דר. ש. ביקל, מרדכי דאַנציס, מרדכי יאָפּע, ה. לייוויק, א. גלאַנץ־לעיעלעס, מאַני לייב (זיין בריוו וועגן דער דערציילונג „אַ קאָץ אין געטאָ" איז פאַרעפנטלעכט אין בוך), דר. א. מוקדוני, ש. ניגער, אהרן צייטלין, אברהם רייזען און מלך ראַוויטש.

איך דאַנק אויך האַרציק דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ציקאָ פרויען צענטראַלע, און יודל באָרנשטיין פאַר זייערע ביישטייערונגען.

דער מחבר.

אינהאַלט :

ערשטער טייל

1. פאָרוואָרט פון דר. א. מוקדוני
2. „אויף קידוש השם"

צווייטער טייל

1. אַ בריוו פון מאַני לייב
2. „אַ קאַץ אין געטאָ"
3. „בערעלע אין געטאָ"

לזכר עולם

דאָס ספר לזכרון מיינע נאָענטסטע: מיין פאָטער ר׳ טוביה ז״ל. ער איז געווען אַן איש תמים; אַ חסיד, אַ האַרציקער בעל תפילה און בעל קורא, ער האָט כמעט נישט נהנה געווען פון עולם־הזה. מיין מוטער פערל הינדע. מיין שוועסטער אסתר מיט איר מאַן יחיאל און צוויי קינדערלעך משה׳לע און רחל׳ע, מיין שוועסטער טאָבטשע מיט איר מאַן יידל און קינדעלע. מיין שוועסטער לאה און מאַן. זיי אַלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם אין טרעב־לינקע, אום שמחת תורה, אין יאָר 1942, צוזאַמען מיט מיין משפחה פון א פאָר הונדערט נפשות פון מיין געבורטס שטעטל סקאַרזשיסק.

מיין ברודער יצחק, וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ אין יאָר 1944. מיין ברודער שמחה אלעזר, אַ קעמפער פאַר אַ יושר־דיקער וועלט. אין יאָר 1939 האָט ער אויך געקעמפט אין דער פּוילישער אַרמיי קעגן די נאַציס. אין יאָר 1944 האָט ער געהאָלפן באַפרייען פּוילן. דערנאָך איז ער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער יידישער רעליגיעזער פאַראייניקונג אין סקאַרזשיסק. צוויי טעג פאַר זיין חופה, דעם 17טן יוני, 1946, האָט אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט דערשאָסן אים, שמחה׳ן צוזאַמען מיט זיין כלה — סאָניאַ מילשטיין. דער חתן איז אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר און די כלה צוויי און צוואַנציק. ביידע ליגן אין איין קבר אויפן קיעלצער בית עולם.

השם ינקום דמם!

ירחמיאל בריקס



מיין פאָטער ר׳ טוביה בן ר׳ אליהו, זכרונו לברכה, אומגעקומען על קידוש השם אין טרעבלינקע, שמחת תורה תש״ג, 1942

פאָרוואָרט פון דר. א. מוקדוני

צום בוך פון ירחמיאל בריקס „אויף קידוש השם״

געדענקט אוישוויץ!

אוישוויץ איז אָקאָרשט געווען די מאָרד־פאַבריק, די אומ־ברענגונגס־פאַבריק פון מיליאָנען יידן.

איז צוזאמען מיט עמלק געדענקט אוישוויץ!

אוישוויץ איז דער גרוילעכער סימבאָל פון דעם דייטשן בעסטיאַליזם.

פון דאָס גוטע און פון דאָס שלעכטע בלייבן סימבאָלן, קורצע סימבאָלן, אין וועלכע עפּעס גרויסעס און עפּעס שיינס ווערן אריינגעלייגט.

אוישוויץ דאַרף בלייבן דער קין־צייכן אויפן שטערן פון דייטשישן פאָלק.

און מיט דעם דאָזיקן צייכן אויפן שטערן וועט דאָס דייטשע פאָלק גיין צווישן פעלקער, גיין ווי א מנודה, ווי א מאָסן־מערדער פון אומשולדיקע מאסן, פון מאסן וואָס זייער איינציקע זינד איז געווען — זיי זיינען געבוירן געוואָרן יידן.

געדענקט אוישוויץ און איר וועט געדענקן זעקס מיליאָן קדושים.

געדענקט אוישוויץ און איר וועט געדענקן דעם מערדער פון א דריטל פון אונדזער פאָלק.

געדענקט אוישוויץ! — דאָס דאַרפן מיר אריינהאַמערן אין די קעפּ פון יידן. ווייל עס זיינען דאָ יידן מיט א גאָר קורצן זכרון. און זיי ווילן זייער זכרון נאָך קירצער מאַכן. זיי ווילן פארגעסן, וואָס גיכער פארגעסן.

אָט פאַר די יידן דאַרפן מיר האָבן ירחמיאל בריקס בוך „אוישוויץ״.

ירחמיאל בריקס איז געווען אין אוישוויץ, ער האָט געזען אוישוויץ מיט די אויגן פון א קינסטלער.

ער האָט געזען אַפילו דאָס וואָס די דייטשע בעסטיעס האָבן געוואָלט באַהאַלטן.

ער פאַרמאָגט די שאַרפע אויגן פון א קינסטלער, וואָס דרינגען אריין ווי מיט עקס-ריי שטראַלן אינעווייניק, אין דער וויסטער נשמה פון די דייטשע בעסטיעס.

איך האָב געלייענט דאָס בוך אין כתב-יד. איך האָב עט־לעכע נעכט נישט געשלאָפן. אָבער איך וועל שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן אוישוויץ. דעם גאַנצן גרויל פון אוישוויץ האָט איר אין דעם בוך. איר האָט דעם גרויל פון א מיליאָנען־מאָרד.

איר וועט לייענען און איר וועט נישט שלאָפן, ווי איך, אַ פּאָר נעכט. אָבער איר וועט ביז דער לעצטער מינוט פון אייער לעבן ניט פאַרגעסן אוישוויץ.

און מיר טאָרן ניט פאַרגעסן.

ווען מיר ווילן, חלילה, פאַרגעסן, ווערן מיר שותפים פון די דייטשן.

זיי ווילן, אז די וועלט זאָל פאַרגעסן, ווי יעדער מערדער וויל עס. אבער מיר וועלן ניט פארגעסן און מיר וועלן ניט לאָזן דער וועלט צו פאַרגעסן.

יידן, געדענקט אַליין אוישוויץ און לאָזט דער וועלט ניט פאַרגעסן אוישוויץ!

אויב מיר וועלן, חלילה, פאַרגעסן, קענען מיר און די וועלט האָבן נאָך אַן אוישוויץ און נאָך אַן אוישוויץ...

לייענט ירחמיאל בריקס בוך. ער איז געווען אין אוישוויץ און די השגחה האָט אים באַשירמט פון טויט, כדי ער זאָל קענען דערציילן אונדז און דער וועלט וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן.

ער איז צו אונדז געשיקט געוואָרן צו דערציילן וועגן דעם גרעסטן גרויל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט...

דר. א. מוקדוני

מיאַמי ביטש, 16 פעב., 1952.

„די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיין
די צונג און ס׳געוויסן פון אַ געיאָגט
און געפייניקט פאָלק.“
— י. ל. פרץ

אויף קידוש השם

דאָס איז געווען אין די טעג פון די חדשים אלול און תשרי, אין יאָר טויזנט ניין הונדערט פיר און פערציק.

אַלע געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן, וואו עס האָבן זיך געפונען יידן, האָבן די נאַציס געהאַט ליקווידירט. בלויז אין לאָדזשער געטאָ האָבן זיך נאָך געפונען אַרום זיבעציק טויזנט יידן, אויסגעמאַטערטע פון שקלאַפעריי און הונגער.

די געטאָ איז באַשטאַנען פון פאַבריקן; און יידן האָבן געמוזט אויס־אַרבעטן אַלערליי סחורות און געווער, וואָס האָבן גענוצט די דייטשן אויף צו פירן די מלחמה. די דייטשע משגיחים איבערן געטאָ האָבן פון דער יידישער שקלאַפעריי פאַרדינט שווערע מיליאָנען, — האָבן זיי זיך באַמיט וואָס לענגער אויפצוהאַלטן די געטאָ. דאָס האָט זיי אויך געהאָלפן ניט צו דאַרפן גיין אויפן פראָנט

יידן זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן שוין די מלחמה איבער־לעבן; זיי האָבן זיך דאָך אַרויסגעדרייט פון אַזויפיל סעלעקציעס און עפּידעמיעס; און אַט שטייט דאָך שוין די רויטע־אַרמיי ביי די ברעגן פון יענער זייט ווייסל, לופט־אַלאַרמען קומען שוין פאַר טאָג און נאַכט.

בשעת איין אַלאַרם אַזאַ, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע דריי שעה, האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און באַוועגונג אין גאַנצן געטאָ. הונדערטער עראָפּלאַנען זיינען אַדורכגעפלויגן פון מערב אויף מזרח. קיין איין אָפּ־ווער־מאַשין האָט ניט אַרויסגעשאָסן. דער בעסטער סימן, אַז דער דייטש האָט שוין ניט מיט וואָס צו פּידלען. איבער דער געטאָ־צוים, אויף די וועגן, זעט מען אַנטלויפן די פאָלקס־דייטשן מיטן לעבעדיקן און טויטן אינעווונטאַר.

מען זעט שלעפּן גאַנצע קאָלומנעס מיט פאַרוווּנדעטע דייטשע זעלנער. מען שלעפּט צעבראָכענע אויטאָס און טיילן פון עראָפּלאַנען.

יידן האָבן אַריינגעטייטשט: „מיט וואָס עס הייבט זיך אָן, מיט דעם זעלבן ענדיקט זיך“.

אויפדערנאַכט איז איין ייד צום צווייטן געלאָפן אָנזאָגן אַ בשורה, אַז די רוסן זיינען שויף אויף ד ע ר זייט ווייסל, און גאַנץ וואַרשע איז שוין פאַרנומען.

פון גרויס חדוה און דערוואַרטונג האָט מען די נאַכט ניט געקענט שלאָפן.

צומאָרגנס האָבן יידן דערציילט, אַז די רויטע־אַרמיי גייט ווי אַ לאַווינע; זי איז שוין אין ראַדאָם. אַ שעה שפּעטער האָט מען דער־ציילט, אַז זי איז שוין אין אָפּאָטשנע און אין קאָנסק. נאָך אַ שעה שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז די רויטע־אַרמיי איז שוין אין טאָמאַשעוו־מאַזאָ־וויעצק, אין פּיעטריקאָוו־טריבולאַנסק און אין קאָלושעק.

אינזשיניער הירש האָט אַרויסגענומען די לאַנדקאַרטע, וואָס ער האָט ערגעץ געהאַט באַהאַלטן, זי אויסגעשפּרייט איבערן טיש און געוויזן מיטן פינגער פאַר אַ קראַנץ שכנים, וואָס זיינען געשטאַנען איינגעבויגן איבערן טיש: „זעט איר, יידן, — האָט ער געטייטלט, — זיי קומען דורך די אַלע וועגן, וואָס פירן קיין לאָדזש. געציילטע שעהן און מיר זייענן באַפרייט!".

זיין פרוי דבורה לאה האָט צוגעגעבן: „זיי וועלן קומען פון זגיערזשער וועג, פון פּאַביאַניצער, קאָנסטאַנטינער און בזשעזשינער וועג".

דער אַלטער סאַמפּאַלינסקי האָט אויסגעשריען: „נו וואָס האָב איך גע־זאָגט, יידן?? בטחון! האָט בטחון! עס קאָן געמאָלט זיין, אַז די זעלנער ביי די דראָטן האָבן שוין אויך אָפּגעצויגן און מיר וויסן גאָרנישט. מען וואָלט באַדאַרפט אַרויסשיקן וועמען, ער זאָל אַ קוק געבן".

* * *

פון אַלע פּאַרטייען האָט מען געשאַפן אַ צייטווייליקן צענטראַל קאָ־מיטעט. דאָס פּאָלק טאָר מען נישט לאָזן אויף הפקר אין אַזאַ צייט. עס האָט זיך שטילערהייט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ מיליץ.

פרומע יידן האָבן מתפלל געווען אַז די באַפרייער זאָלן מצליח זיין.

אויף אַ פּלאַץ פון אַ שניידער „באַטריב" (פאַבריק) איז געשטאַנען אַן עולם יידן.

ביי דער וואַנט פון „באַטריב" זיינען געשטאַנען צוויי טישן — איינער אויף דעם צווייטן, דערנעבן אַ שטול.

די מאַסע האָט צעטרעטן דאָס ביסל בלעטער פון רעטעך, בורעקעס און מערן־נאַטש, וואָס יידן האָבן איינגעזעצט, כדי צו שטילן דעם הונ־גער. זיי האָבן געהאָפט, אַז די געוויקסן וועלן צייטיק ווערן — און אַצינד איז אויס פון זייער פּראַצע. יעדער איינער איז געווען נייגעריק און האָט אומגעדולדיק געוואַרט, וואָס עס וועט דאָ זאָגן דער גאַו־לייטער האַנס ביבאָוו, ימח שמו וזכרו!

אין אַ ווינקל זיינען געשטאַנען אינזשיניער הירש, זיין פרוי דבורה

לאה און בײדע קינדער. זײ האָבן זיך צוזאַמענגעטוליעט פון אַ פּאַרגעפּיל װעגן עפּעס שלעכטס.

ס'איז אָנגעקומען דער דײטש האַנס ביבאָװ מיט דעם יודען־עלטסטן מרדכי חיים רומקאָװסקי. פון שרעק האָט זיך די מאַסע אַ װיג־געגעבן, װי זי װאָלט אַ שמיץ באַקומען מיט אַן אַראַפּניק. האַנס ביבאָװ איז אַרויפגעקראָכן אויף די טישן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַזוי װי אַן אַקטיאָר בעת אַן אויפטריט. מיט אַ העפלעך שמײכעלע האָט ער געזאָגט: „גוטען מאָרגען".

ייִדן זײנען איבערראַשט געװאָרן. האַנס ביבאָװ האָט דאָס גלײך דער־פילט און ער האָט אָנגעהויבן:

„מײנע ליבע יודען! איך װעל צו אײך רײדן װי אײער עלטסטער. מײנע ליבע שװעסטער און ברידער! איר האָט פּאַר דער װערמאַכט גע־טרײ געאַרבעט. איצט, װען די רוסן דערנענטערן זיך — מוזן מיר װײטער האָבן אײערע הענט, מיר זאָלן װײטער קענען פירן דעם קריג. דײטש־לאַנד איז צעשמעטערט! גאַנץ דײטשלאַנד ליגט אין טרימער!"

ייִדן, האַלבע מתים, פאַרפּײניקטע פון הונגער, קלעפּ און טויט־שרעק, האָבן געפילט אַ זיסן טעם פון נקמה.

ביבאָװ האָט אויפגעהויבן זײן שטימע:

„איך טראָג איבער די פאַבריקן, די מאַשינען, די סחורות, אַלצדינג. עס קאָנען פאָרן גאַנצע פאַמיליעס: פון אַלטע לײט ביז קלײנע קינדער, כדי איר זאָלט זיך ניט צעשײדן; פּאַקט אַלצדינג אײן. איך פיר איבער דעם רעסאָרט (פאַבריק) קײן װין. יעדן טאָג װעל איך איבערטראָגן אַ צװײטן רעסאָרט. אין װין װעט איר ניט דאַרפן שטײן אין דער רײ נאָך זופּ. איר װעט באַקומען שפּײז אַלײן צו קאָכן. איך שװער אײך, אַז עס װעט אײך קײן האָר פון קאָפּ ניט פעלן!"

מיט אַ טאָן, װי מען גיט װעמען אַ גוטע עצה האָט ער װײטער גערעדט:

„װער עס װעט דאָ בלײבן, דער װעט אומקומען פון די רוסישע באָמ־בעס. עפּנט בײנאַכט די פענצטער װעט איר הערן, װי נאָענט דער פראָנט איז. װען די רוסן װעלן קומען, װעלן זײ אײך סײ־װי טויטן, װײל מיט אײער אַרבעט האָט איר אונדז געהאָלפן פירן קריג קעגן זײ. מאַכט װאָס שנעלער, װאָס גרעסערע פּעק, װעלן מיר גיכער זיך קענען ראַטעװען. גע־דענקט, די צײט איז קורץ!".

דער געשטאַפּאָ־מאַן האַנס ביבאָװ האָט געזען, אַז די האַלבע־מתים, װאָס רינגלען אים אַרום אין אַ געדיכטן ראָד, קוקן צו אים אַרויף מיט אומצוטרוי, האָט ער זיך אויפגעקאָכט. פון כעס איז די רויטע יוכע אים

געקומען אין פּרצוף אַריין. מיט זיינע געזונטע חזיר־קיילערישע פויסטן האָט ער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט און געשריען: „וואָס? איר גלויבט מיר נישט? ווען איך וואָלט אייך געוואָלט טויטן האָב איך פאַר אייך מורא? איך וואָלט אייך אַלעמען גענומען אויפן פריד־האָף (בית־עולם) און אין מינוטן אייך אויסגעשאָסן ווי די הינט — איר זאַו־יודען!״...

די יידן האָבן דערפילט אַז אַצינד האָט ער געזאָגט דעם אמת.

ביבאָוו האָט זיך צעשריגן:

— איר וועט פּאַקן פּעק??!

האָט מען געענטפערט:

— יאָ!

— איר וועט פאָרן צו דער אַרבעט??!

— יאָ!

— איצטער זאָגט איר יאָ, דערנאָך וועט איר ניט וועלן! אַלזאָ, וועט איר פאָרן פרייוויליק צו דער אַרבעט??!

— יאָ! — האָבן אויסגערופן די האַלב־טויטע.

— אַלזאָ אַלע פאָרן פרייוויליק! —

מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די טישן אויף דער ערד.

דערנאָך איז אַרויפגעקראָכן אויפן טיש דער „עלטסטער־דער־יודען״ מרדכי־חיים רומקאָווסקי. יידן האָבן דערוואַרט פון אים עפּעס אַ טרייסט־וואָרט, אָבער ער האָט גאַנץ רואיק נאָר געזאָגט:

— מיינע ליבע שוועסטער און ברידער, די געטאָ ווערט איבערגע־טראָגן. זאָלט איר זיך האַלטן צוזאַמען. גאַנצע פאַמיליעס זאָלן פאָרן אין איינעם, כדי איר זאָלט אייך נישט צעשיידן.

ווען ביידע האָבן פאַרלאָזט דעם פּלאַץ האָבן יידן קאָמענטירט זייערע רייד.

דבורה לאה האָט געפרעגט איר מאַן דעם אינזשיניער הירש:

— וואָס וועט דאָ זיין?

האָט אינזשיניער הירש צוריקגעענטפערט:

— וואָס טוט מען?

— זאָל זיין וואָס ס׳זאָל זיין! — האָט זיך אַריינגעמישט דער אַלטער סאַמפּאָלינסקי. — מיר האָבן שוין דערלעבט זייער סוף! אַז אַ דייטש זאָל צו אונדז אַזוי ריידן: „מיינע ליבע יודען; מיינע ליבע ברידער און שוועסטער״... האָבן מיר שוין דערלעבט זייער מפּלה, זיינען זיי שוין טיף אין דר׳ערד! — ער איז אַוועק מיט רעש.

דבורה־לאה האָט אויף איין האַנט געטראָגן איר דריי־יאָריקן שמחה׳לען און מיט דער צווייטער געפירט איר זיבן יאָריקע רבקה׳לע. „דאָס בעסטע וואָלט געווען — האָט זי געזאָגט צום מאַן — ווען מיר קענען זיך דאָ ער־געץ אויסבאַהאַלטן, אָבער...״ — זי האָט ניט פאַרענדיקט, ווייל זי איז געוואָרן מיטגעריסן מיט דער לויפנדיקער מאַסע: עס איז אָנגעקומען אַ דייטש, זיינען זיך אַלע צעלאָפן פון פּלאַץ, ווי טויבן פאַר אַ רויבפויגל.

* * *

פון די ווענט האָבן אַראָפּגעשריגן פּלאַקאַטן אויף דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און יידיש:

„מאָרגן ווערן איבערגעטראָגן די שניידער־באַטריבן נומער איינס און נומער צוויי. אַלע אַרבעטער פון די דאָזיקע באַטריבן זאָלן מיט זייער געפּעק און פאַמיליעס זיין אַכט אינדערפרי אויפן באַנהאָף מאַרישין־ראַדאגאסט״.

פאַרטאָג זיינען הונדערטער יידן מיט די פּעקלעך אַהינגעגאַנגען. זיי האָבן קיינעם נישט געטראָפן. זיי האָבן געוואַרט אַ לאַנגע צייט און קיין צוג איז נישט געווען האָבן זיי דאָך באַשיימפּערלעך געזען, אַז די מלחמה איז שוין געענדיקט... קיין דייטש זעט מען נישט פאַר די אויגן אויפן טאָג־שיין. האָבן די יידן גענומען די פּעקלעך און זיינען אַהיים־געגאַנגען.

דער אַלטער סאַמפּאָלינסקי איז אין איין אָטעם אַריינגעלאָפן צום אינ־זשיניער הירש און האָט אים דאָס דערציילט. ער האָט נאָך צוגעגעבן, „אַז די באַן שטייט, אַלע וועגן זיינען אָפּגעשניטן״...

דערצו האָט נאָך די אַפּראָוויזאַציע אַרויסגעגעבן אַ ראַציע (צוטייל) הערינג. דאָס האָבן יידן ניט געזען זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן. אינזשיניער הירש האָט זיך אָפּגעלעקט די פינגער פון דאָס פּיצעלע הערינג און האָט געזאָגט: — „מען דערציילט, אַז מען וועט באַקומען שאָקאָלאַד, רייז, ווייס־ברויט און נאָך אַ סך גוטע זאַכן. דאָס זיינען אַלץ גוטע סימנים. די שפּייזן זיינען געגאַנגען קיין דייטשלאַנד, נאָר דער וועג איז אָפּגע־שניטן, זיינען די וואַגאָנעס געבליבן אין געטאָ״...

— איצטער חנפענען זיך די דייטשן צו אונדז — האָט דער יונגער דיכטער סאַמפּאָלינסקי פילאָזאָפירט — וועלן מיר באַקומען די שפּייז...

צומאָרגנס איז די יידישע פּאָליציי מיט די פּעסער פון אַרבעטס־אַמט (יעדערער האָט געהאַט אַ פּאַס מיט אַ פאָטאָגראַפיע אין אַרבעטס־אַמט. דאָס האָט געניצט פאַר די דייטשן ביי פאַרשיידענע אַקציעס) געגאַנגען איבער די שטובן נאָך די מענטשן, וואָס דאַרפן ווערן „איבערגעטראָגן״.

זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַ פּאָר טויזנט מענטשן און מיט די טראַמווייען האָט מען זיי צוגעפירט קיין מאַרישין־ראַדאָגאָסט. עס זיינען מיטגעפאָרן די מאַשינען, טישן, בענק פון די באַטריבן.

די איבערגעבליבענע האָבן אין דעם געזען אַ גוטן סימן: די באַטריבן אַנטלויפן!

שפּעטער איז אָנגעקומען די „שופּע" (שוץ־פּאָליציי). אין דעם האָבן יידן ערשט רעכט געזען אַ גוטן סימן: ניט קיין „עס־עס", ניט קיין „געשטאַפּאָ", נאָר אַ שוץ־פּאָליציי.

יעדער מיטגליד פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט אָנגעפירט מיט דער „אַקציע" אַריבערצוטראָגן די געטאָ. יידישע פּאָליציי, פייערלעשער, קוימענקערער, טרעגער און די „שו־פּע" — אַלע האָבן געהאָלפן, געכאַפּט יידן אַזוי ווי הינט־שלעגער כאַפּן הינט. מען האָט פאַרפולט די וואַגאָנען צוויי מאָל טעגלעך מיט פינף אָדער צען טויזנט יידן.

* * *

איבער די פּוילישע פעלדער, פאַרגאָסן מיט גאָלד פון זון־ליכט, האָט זיך געצויגן אַ לאַסט־צוג פון אַריבער הונדערט וואַגאָנען. יעדער וואַגאָן באַוואַכט פון „עס־עס" מיט מאַשין־געווער.

ביים אַריינציילן די יידן אין די וואַגאָנען האָט יעדערער פון זיי באַקומען אַ ברויט מיט אַ פערטל קילאָ צוקער. ביים טראַנספּאָרטירן זיינען פון דער ראַמפּע אין די וואַגאָנען אַריין אונטערגעשטעלט געווען ברייטע ברעטער, אַרומגעקלאַפּט מיט לייסטלעך, כדי עס זאָל זיין לייכטער אַרויפצוגיין מיט די פּעק; די „עס־עס" האָבן אַפילו אַריינגעגעבן אין די וואַגאָנען פעסער וואַסער און שוואַרצע קאַווע. פאַר דעם אַריינגיין אין די וואַגאָנען האָט יעדער געקריגן ברויט מיט זופּ וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט. אין דעם אַלעם האָבן יידן געזען בלויז גוטע סימנים.

משפחות האָבן זיך באַמיט זיין צוזאַמען. דאָס ברויט איז יעדן געווען אַ שאָד גלייך אויפצועסן: אפשר וועט מען דאַרפן פאָרן לאַנגע טעג, איז בעסער זיך איינצוטיילן.

אין איינעם פון אָט די וואַגאָנען איז אויך געפאָרן אינזשיניער הירש, זיין פרוי דבורה־לאה און די צוויי קינדער: די זיבן־יאָריקע רבקה'לע און דער דריי־יאָריקער שמחה'לע.

עס זיינען דאָ אויך געווען נאָך עטלעכע מאַמעס מיט קינדער. פון צווישן אַלע קינדער האָט באַזונדערס אַרויסגעשיינט די זיבן־יאָריקע רבקה'לע. זי האָט געהאַט בלאָנדע לאָקן, הימל־בלויע אויגן. זי איז געווען אַ רירעווודיקע און נייגעריקע. אַלץ געוואָלט וויסן. זי האָט וועגן אַלץ געהאַלטן

אין איין שטעלן פראַגן. אַ סך זאַכן האָט זי נישט געפרעגט, נאָר אַליין געוואָלט זען מיט די אויגן און אָנרירן מיט די הענטלעך.

רבקה׳לע איז די גאַנצע צייט געשטאַנעןביים פענצטערל, וואָס איז געווען דורכצוגיין מיט שטעכל־דראָט אין דער לענג און דער ברייט, און האָט אַרויסגעקוקט.

אַזוי ווי זי איז געווען קליין איז זי אַרויפגעקראָכן אויף איר רוקן־זאַק. זי האָט באַוואונדערט יעדער זאַך:

„אוי, גרינע פעלדער!... אוי, שיינע קיעלעך!... אוי, הינער!... אוי, אַזאַ שיינער וואַלד!״...

רבקה׳לען האָט דאָס אַלץ אויסגעזען ווי אַ חלום.

ביז האַרבסט, טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק, איז זי געווען צוזאַמען מיט די עלטערן ביי איר באָבען אין שטעטעלע סאניק. פאַר דער אויסזידלונג פון סאניק האָט איר פאָטער, אינזשיניער הירש, פאַר אַ גאָר גרויסע סומע געלט, חוץ גאָלד און בריליאַנטן, זיך געקויפט אַן איינשטעלונג אין אַ רעסאָרט (פאַבריק). אַזוי ווי ער איז געווען אַ ראַדיאָ־טעכניקער און די דייטשן האָבן זיך אין אים געגויטיקט, האָבן זיי אים געלאָזט זיין צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער; און שפּעטער, זאַלבעפירט, זיי אַריינ־געשיקט אין לאָדזשער געטאָ.

די זון האָט פאַרגאָסן מיט גאָלד די פוילישע לאַנדשאַפטן. ס׳איז גע־ווען דער גאָלדענער פוילישער האַרבסט. ס׳האָט געשמעקט מיט צייטיקע פּירות און רייפע תבואות. רבקה׳לע האָט טיף איינגעאָטעמט די שמעקנ־דיקע לופט. זי האָט זיך פאַרטראַכט איבער די פייגעלעך, וואָס זי האָט געזען פאַרבייפליען. זי האָט געוואָלט זיין אַזוי פריי ווי זיי: קאָנען פליען וואו זי וויל און ווען זי וויל. זי האָט באַקומען אַ חשק זיך צו קאָלערן אין דעם הויכן גרינעם גראָז, אויסציען זיך מיט די הענט און פיס און אַזוי איינשלאָפן, ווי זי פלעגט דאָס טאָן ביי איר זיידעניו אויפן פעלד אין סאַניק.

יעדער איינער האָט זיך געשטויסן צום פענצטערל, כאַפּן אַ ביסל לופט און געבן אַ בליק אויף דער וועלט.

פון דעם געשטויס האָט זיך רבקה׳לע אויפגעכאַפּט פון איר חלום.

* * *

אַ האַלבע וואָגנט פון וואַגאָן איז געווען פאַרלייגט מיט ברויט. דאָס ברויט איז געלעגן הפקר.

— וואָס דער מענטש איז! — האָט דער דיכטער סאַמפּאָלינסקי זיך געוואונדערט, — ביז נעכטן, אין געטאָ, האָט מען דאָס שטיקל ברויט באַ־

האַלטן ניט נאָר פון פרעמדע, נאָר אַפילו פאַר אייגענע; אַז מען איז נאָר אַ ביסעלע זאַט און מען האָט צו גאַנצע ברויט — האָט שוין קיינער נישט קיין מורא אַז מען וועט אים באַגנבענען; נאָר דורך הונגער האָט דער דייטש אונדז געמאַכט פאַר אויס מענטשן! — האָט עס פון אים אַרויסגעשריגן.

ער האָט געקוקט אַרום זיך און געזען: אין ווינקל אין וואַגאָן האָט מען פאַרהאַנגען מיט אַ ליילעך און אַזוי איז אימפּראָוויזירט געוואָרן אַ בית־הכסא.

אינדערמיט וואַגאָן שטייען צוויי פולע פעסער וואַסער און אַ פולער עמער מיט שוואַרצע קאַווע. נאָך עפּעס: יעדער, וואָס האָט געררויכערט, האָט באַקומען ביים אַריינגיין אין וואַגאָן צו הונדערט פּאַפּיראָסן. (אין געטאָ האָט מען כמעט קיין פּאַפּיראָסן פאַר די אויגן נישט געזען.)

יאָ, אין דעם אַלעם האָבן יידן געזען לויטער גוטע סימנים. ער, סאַמפּאָלינסקי, אויך. ווי נאָר די „עס־עס״־לייט האָבן צוגעמאַכט דעם וואַגאָן האָט ער, מרדכי סאַמפּאָלינסקי, געזאָגט:

— הערט יידן, מיר מוזן אָרגאַניזירן דעם וואַגאָן עס זאָל דאָ נישט הערשן קיין אַנאַרכיע; מיר דאַרפן אויסוויילן אַן עלטסטן, דאָס איז ס׳ערשטע...

סאַמפּאָלינסקי האָט דאָ אין וואַגאָן געהאַט זיין גאַנצע משפחה. פאַר דער מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער און די קריטיק האָט דאָס בוך וואַרעם אויפגענומען. אין געטאָ האָט ער געאַרבעט אין אַ ביוראָ — זעט ער טאַקע אויס אַ ביסל בעסער ווי די אַנדערע. טייל זיינע מאַנוסקריפּטן האָט ער באַגראָבן אין אַ קעלער אין געטאָ און אַ טייל פירט ער איצט מיט.

סאַמפּאָלינסקי האָט מיט זיינע רייד דערוועקט צוטרוי און ער האָט ווייטער גערעדט:

— ס׳ערשטע מוזן מיר געדענקען דאָס וואַסער ניט אויסצוטרינקען מיט איינמאָל. מיר ווייסן ניט וויפיל טעג עס וועט אונדז אויסקומען צו פאָרן אין דעם וואַגאָן!

— ריכטיק! — האָט אַ יונגערמאַן אויסגעשריגן, — אינעם יאָר טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק האָבן מיך די דייטשן געשלעפּט זיבן טעג און זיבן נעכט אין אַ וואַגאָן, זיינען יענעם צוג אַ פּאָר טויזנט יידן אויסגעשטאָרבן פון הונגער און דורשט.

אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן:

— איך זאָג אַז סאַמפּאָלינסקי זאָל זיין דער עלטסטער!

אַלע האָבן מסכים געווען.

סאָמפּאָלינסקי האָט געזאָגט:

— כאָטש מיר האָבן צוויי פּולע פּעסער וואַסער, זאָל ביז מאָרגן קיינער ניט נעמען קיין טראָפּן. מיטן ברויט אויך דאָס זעלבע. זאָל אויך קיינער ניט פּאַראומרייניקן דעם וואַגאָן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיין יונגערן ברודער, ער זאָל נעמען אַ בלייפעדער מיט אַ בויגן פּאַפּיר און זאָל פאַרשרייבן יעדע סטאַ־ציע, וואָס מען פאָרט אַדורך כדי מען זאָל האָבן אַ באַגריף וווהין מען פאָרט. אַלץ איז געוואָרן אויסגעפירט ווי סאָמפּאָלינסקי האָט געזאָגט.

סאָמפּאָלינסקי איז געווען פון מיטעלן ווּוקס, אַ ברונעט מיט אַן איידל פּנים און ברילן מיט טונקעלע ראַמען.

זיין פאָטער, אַ נידעריק־געוויקסיקער יידל, האָט אויפגעפּאַקט זיין פּעקל, אַרויסגענומען זיין העמערל און האָט אין די ווענט אַריינגעקלאַפּט טשוועקעס זאָגנדיק:

— יידן, טוט אייך אויס די מלבושים און הענגט דאָ אויף.

אַ יונגערמאַן זאָגט אים:

— ר' ייד, אַזוי ווי איך זע זייט איר אַ פּראַקטישער מענטש, אַפילו אַ האַמער מיט טשוועקעס נעמט איר מיט.

— וואָס דען, יונגערמאַן? — פרעגט ער אים צוריק, — מיר קאָנען אַמאָל אָנקומען אין אַן אָרט וווּ מען וועט זיך נויטיקן אין אַזעלכע זאַכן. איך, יונגערמאַן, האָב מיך שוין אין מיין לעבן ניט איינמאָל געצויגן פון שטאָט אין שטעטל, פון שטעטל אין שטאָט — בין איך שוין געניט אין יעדער קלייניקייט. דערמאָנט אייך ווי מיר האָבן אויסגעזען ווען מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין געטאָ, אַזוי ווי מיר זיינען געגאַנגען און געשטאַנען. איז טאַקע גוט, וואָס זיי האָבן דאָסמאָל דערלויבט מיטצונעמען ביז פופציק קילאָ באַגאַזש אויף יעדן קאָפּ.

דער יונגערמאַן דערציילט: „איך ווייס פון יידן, וואָס האָבן מיט־גענומען בעטגעוואַנט, אַפילו מלבושים און וועש אויף זומער און אויף ווינטער, און אַפילו מעבל אויך."

— דאָס באַווייזט, — רופט זיך אָן אַן אינזשיניער הירש, — אַז מיר פאָרן טאַקע אויף אַרבעט. היינט זיינען שוין אַנדערע צייטן. זיי נויטיקן זיך אין אונדזערע הענט. מיט אונדזער באַגאַזש גייען עקסטרע וואַגאָנען. איר זעט אַליין אַז מיר האָבן אַפילו אַריינבאַקומען צו גאַנצע ברויטן, אַ ביסל צוקער, צוויי פעסער וואַסער און אַן עמער קאַווע. פאַרן צומאַכן דעם וואַגאָן האָט ביבאָוו געפרעגט, צי אַלע האָבן באַקומען דעם צוטייל.

אַן עלטער מיידל האָט געהאַלטן אין איין וויינען, וואָס זי האָט ניט

איר באַגאַזש: אינדערהיים האָט זי אַנגעגרייט אַ רוקן־זאַק. זי איז גע־לעגן באַהאַלטן ערגעץ, האָבן זי די דייטשן אַרויסגעצויגן. זיי האָבן איר געהאַט דערלויבט מיטצונעמען די פּעק, אָבער עס איז געווען צו ווייט אַהיימצוגיין; און איצטער — וואָס זאָל זי טאָן? זי טענה׳ט, אַז אַלע דאַרפן פון זייערע פּעקלעך איר מאַכן אַ פּעקל. טרייסט מען זי, אַז ווען מ׳וועט אַראָפּנעמען דעם באַגאַזש, וועט מען שוין זען עפּעס צו טאָן.

סאַמפּאָלינסקי׳ס קוזין דערציילט:

— איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט פאָרן. איך בין זיכער, אַז די רוסן קאָנען יעדן טאָג אונדז באַפרייען. ווען די פּאָליציי האָבן אויפגע־בראָכן בוידעמער און קעלערן, בין איך געלעגן אין אַ רואינע אויף אַ בוי־דעם. איך האָב געהאַט אַרויסגעריסן די ליים פון פולאָפּ און האָב מיך דאָרטן אַריינגערוקט מיט די פיס. אַזוי בין איך געלעגן אין אַ פּרעס און די עפענונג האָב איך אַרומגעלייגט מיט די שטיקער ליים. עס וואָלט קיי־נעם ניט איינגעפאַלן, אַז דאָ קען זיך געפינען אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אָבער ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אויסהאַלטן אָן ברויט און אָן וואַסער? און דאָ אַ פאַראָרדנונג: טויט־שטראָף פאַר די, וועלכע מ׳וועט געפינען אויף דעם שטח. נאָך צוויי וואָכן האָב איך מיך צוגעשטעלט, ווייל אפשר פאָרן מיר טאַקע אויף אַרבעט? איז בעסער וואָס לענגער אָפּשלעפּן דעם טויט. די באַפרייאונג מוז דאָך אַמאָל קומען!

— איך זאָג אייך, יידן, — רופט זיך אָפּ דער אַלטער סאַמפּאָלינסקי, — די רוסן וועלן אונדז נאָך אויפן וועג באַפרייען!

אינזשיניער הירש דערציילט ווי ער, זיין פרוי און קינדער צוזאַמען מיטן גאַנצן הויף שכנים, זיינען געלעגן אויף אַ בוידעם. זיי זיינען שיעור ניט דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט. די פּאָליציי איז געלאָפן מיט העק, אויפגעבראָכן טירן, אַזש דאָס הויז האָט געציטערט. אונדזער הויז — דערציילט ער —איז געווען אַ הילצערנס, צוויי שטאָק מיט אַ שפּיציקן דאַך, מיט פּאַציאַטן (בוידעם־שטובן). אַרום די פּאַציאַטן זיינען געווען קאַמערן — און אָט די קאַמערן האָט די פּאָליציי טאַקע געבראָכן. מיר זיינען געלעגן אויפן שפּיץ סאַמע אונטערן דאַך. מען האָט געהאַט אַריינ־געצויגן די לייטער צו אונדז, און שטעלט אייך פאָר, זיי איז ניט איינ־געפאַלן, אַז דאָ ליגן ביז צוואַנציק יידן מיט קינדער. אַזוי זיינען מיר איבערגעקומען מיט טויט־שרעק איבער צוויי וואָכן.

סאַמפּאָלינסקיס יונגערער ברודער רופט אויס די סטאַציעס וואָס ער האָט פאַרשריבן׳ ער האָט געזען — דערציילט ער — אַ פאָלקס־דייטש אין ציוויל, מיט אַ ביקס, היטן אַ קליין בריקל, וואָס גייט דורך דעם ראָוו פון

שאָסיי צום וואַלד. — „ער וויל ניט גיין אויפן פראָנט, האָט ער זיך געקויפט אַ פּאָסטן”, — קאָמענטירט ער. — אויף איין אָרט אין וואַלד האָב איך געזען אַ מאַסע האַרמאַטן. דאָרט וועט זיכער זיין אַ פּאָזיציע — טייטשט ער אויס..

אינזשיניער הירש רופט זיך אָן:

— אויב אַזוי, איז דאָך פּאַר אונדז בעסער וואָס מען נעמט אונדז אַוועק וואָס ווייטער פון דאַנען.

דאָ מישט זיך אַריין סאָמפּאָלינסקי:

— ווען איר בלייבט דאָ האָט איר אַ שאַנס באַלד באַפרייט צו ווערן. שטעלט אייך פאָר איר האָט דערלעבט דעם מאָמענט צו זען ווי די רויטע אַרמיי מאַרשירט אַריין און די דייטשן אַנטלויפן. זיי וואַרפן ס'געווער און איך שניידט פון זיי שטיקער! איר נעמט נקמה! אָבער אַז מען פאַרשלעפּט אונדז טיף קיין דייטשלאַנד — איז ווער ווייסט ווי לאַנג די מלחמה קען זיך נאָך שלעפּן?

דער אַלטער סאָמפּאָלינסקי שפּרינגט אויף אין כעס:

— בייס דיר אָפּ דעם צונג! דו וועסט זען, אויפן וועג וועלן מיר באַפרייט ווערן! די דייטשן לויפן שוין ווי די געסמטע מייז.

— טאַטע דו ביסט נאַאיוו, — ענטפערט אים דער זון, — די אַלע קלאַנגען פאַרשפּרייט דאָך געשטאַפּאָ אַליין דורך אונדזער „זאָנדער” (יידישע פּאָליציי וואָס האָט דירעקט געאַרבעט מיט דער „געשטאַפּאָ”). ער טראָגט איבער די געטאָ, דער הענקער ביבאָוו, ימח שמו! דער וואָס האָט ליקווידירט אַלע געטאָס אַרום לאָדזש, דער וואָס האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעשאָסן טויזנטער יידן, אים גלויבסטו? זיי האָבן געזאָגט אַז אונדזער טראַנספּאָרט פאָרט קיין ווין. איך גלויב ניט אַז דער הענקער גייט אונדז ראַטעווען פון באָמבעס! האָסט דאָך געהערט וואָס די „עס-עס” האָבן געזאָגט: „די יודען פאָרען פריוויליק”... הלוואי זאָל עס זיין צום גוטן!

ס'איז טאַקע געווען דער ריינער אמת. די דייטשן איז געלונגען צו פאַרשפּרייטן האַפערדיקע ידיעות. די „זאָנדער” האָט אַליין אין דעם שטאַרק געגלויבט; און יידן האָבן אַריינגעטייטשט: „אָ, אַז די „זאָנדער” דערציילט — ווייס זי עס דאָך פון די דייטשן”.

אַ „געשטאַפּאָ” אָפּיציר האָט אַ „זאָנדער” אָפּיציר געהאַט איבערגעגעבן אַ „סוד”, אַז די רויטע אַרמיי שטייט שוין הינטער לאָדזש. האָט ער אַזאַ גוטע בשורה ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך און האָט גלייך דער-

ציילט פאַר זיינע אָפיצירן, די אָפיצירן — צו די פשוטע „שערעגאָווצעס״; און בליץ שנעל האָט זיך דער קלאַנג צעטראָגן איבערן גאַנצן געטאָ.

* * *

נאָך סאָמפּאָלינסקיס גאַרנישט־האָפערדיקע רייד איז שטיל געוואָרן אין וואַגאָן און יעדער האָט געטראַכט פאַר זיך.

* * *

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און האָט געפאַרבט דעם הימל פורפור־רויט. די באַן האָט דורכגעשניטן אַ בלעטער־וואַלד. דער וואַלד האָט אויסגעזען ווי אונטערגעצונדן.

רבקה׳לע האָט דאָס דערזען.

— אוי, דער וואַלד ברענט! — האָט זי אויסגעשריען. איר מאַמע דבורה לאה האָט זיך צוגעשטויסן צום פענצטערל. ס׳האָבן פאַר איר אויפ־געטויכט די אַמאָליקע צייטן אין שטעטל סאַניק: דער וואַלד, דער טייך, די גרויסע לאָנקעס, דער זון־אונטערגאַנג הינטערן סאָד. די פאַרנאַכטן, ווען זי פלעגט זיך טרעפן מיט דעם, וואָס איז היינט איר מאַן, אָן דעם וויסן פון אירע עלטערן. „איז דען נישט גלייכער — האָט זי געטראַכט — איינמאָל צו געבן אַ קוק אויף גאָט׳ס וועלט און שטאַרבן?״.

דערווייל האָט אַ יונגערמאַן זיך צוגערירט מיט אַ טעפל צו די פעסער וואַסער. האָט סאָמפּאָלינסקיס קוזין זיך צעשריגן אויף אים מיט די פויסטן. סאָמפּאָלינסקי האָט גענומען איינטענהן מיט גוטן:

— יונגערמאַן, אַלע האָבן איינשטימיק אָנגענומען, אַז מיר טרינקען נישט ביז מאָרגן אינדערפרי — מוזט איר זיין אַן אויסנאַם?

— אַ קליין ביסל נאָר — בעט ער זיך.

סאָמפּאָלינסקי קלערט אים אויף: „אויב איר וועט טרינקען, וועלן שוין אַלע וועלן. היינט האָט איר דאָך שוין געטרונקען — און ווער ווייסט וויפיל טעג מיר וועלן זיין אָן וואַסער? אפילו מאָרגן באַקומט יעדערער נאָר איין טעפעלע, נישט מער!״

באַלד האָבן זיך עטלעכע יידן אַוועקגעשטעלט היטן די פעסער וואַ־סער. די באַן שניידט אַלץ ווייטער און ווייטער. ס׳ווערט נאַכט. דער דיכטער סאָמפּאָלינסקי קוקט אַרויס דורכן פענצטערל, זעט אַז דער צוג פאָרט דורך אַ סטאַציע, וואָס איז באַלויכטן מיט גרויסע עלעקטרישע לעמפּ אויף הויכע אייזערנע סלופּעס. „מיר דוכט זיך — רופט ער זיך אָן — מיר זיינען שוין נאָך די פּוילישע גרענעצן. ערשטנס, זיינען די סטאַציעס באַלויכטן ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געווען. צווייטנס, ביי אונדז

אין פוילן זיינען גאָר נישטאָ אַזעלכע הויכע אייזערנע עלעקטרישע סלופּעס, נאָר האָלצענע. די סטאַציעס באַווייזן, אַז מיר זיינען שוין אין דייטשלאַנד". ער וויל זען אויף וואָס פאַר אַ סטאַציע זיי זיינען, אָבער דער צוג פאָרט אויף די הינטערשטע רעלסן. זאָגט ער אַן דעם יונגערן ברודער, ווי ווייט מעגלעך, זען אויפצוכאַפּן די נעמען פון די סטאַציעס און פאַרשרייבן.

ער האָט געהאַט באַשלאָסן: ווען דער צוג וועט אָנקומען אויפן אָרט, וועט ער אַריינפּאַקן אַ בריוול ערגעץ אין אַ שפּאַרע פון וואַגאָן, כדי דער פרישער טראַנספּאָרט, וואָס וועט דאָ פאָרן, זאָל שוין יאָ וויסן וווהין ער פאָרט...

אינזשיניער הירש זאָגט: „לויט אַלע סימנים פאָרן מיר טאַקע קיין ווין אויף אַרבעט. אַז נישט, צו וואָס וואָלט ביבאָוו מיטגעשיקט מיט אונדז די מאַשינען?"

ס'האָט פּלוצלונג געגעבן אַ בליץ און אַ דונער. עס האָט זיך געדאכט, אַז דער וואַגאָן פליט הויך אַרויף און אָט ווערט ער צעשמעטערט. אויף איניקע סעקונדן זיינען אַלע בלינד געוואָרן. יעדער האָט געזען זיין לעצטע מינוט. אַצינד האָט שוין יעדערער געהאַט געגוג פּלאַץ. עס האָט שוין קיינעם ניט געדאַרשטן. אַן אימהדיק קרעכצן פון אַ יונגנמאַן האָט אַלעמען פּלוצלונג צוריקגעבראַכט צום באַוווסטזיין. דער יונגערמאַן האָט אין אַ ווינקל אויפגעבראָכן אַ פענצטערל, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, געזוכט אַ פּלאַץ אַרויסצושפּרינגען פון וואַגאָן, דערנאָך צוריקגעפאַלן אויף אַ קופּע יידן מיט אַ קויל אין קינבאַק און אַן אָפּגעשאָסענע נאָז. ער האָט נאָר באַוויזן אויסצושרייען: „יידן, נעמט נקמה!"

— רבונו של עולם, הלוואי האָב איך די זכיה צו שטאַרבן אין וואַגאָן, — ווינטשט זיך אַן עלטערער ייד, — וועל איך נאָך אפשר קומען צו קבר ישראל!

דער פאָטער פון געשאָסענעם זאָגט קדיש מיט געוויין. רבקה'לען האָט פאַרקלעמט ביים הערצל און זי האָט אויך מיטגעוויינט.

משפחות דריקן זיך פעסטער צונויף, טוליען זיך.

דבורה־לאה האָט אַרומגענומען מיט די הענט איר מאַן און די קינדער און זי האָט געזאָגט:

— גאָט, צעשייד אונדז נישט. ווי אַזוי עס וועט זיין און וואָס עס וועט זיין, זאָלן מיר כאָטש זיין צוזאַמען!

* * *

ווען עס האָט נאָך געבליט דער פאַרטאָג האָט שוין רבקהלע אַרויס־געקוקט דורכן פענצטערל. אַ טייל יידן האָבן גיך אָפּגעכאַפּט אַ דאַווענען. אַ טייל האָבן עפּעס געגעסן כאַפּנדיק. סאַמפּאָלינסקיס ברודער איז געשטאַנען מיטן בויגן פּאַפּיר און בליישטיפט, אויסגעקוקט עפּעס אַ סטאַציע צו פאַרשרייבן.

יעדערער האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן: וווהין וועט מען פאָרט אָנ־קומען? פאָרט מען טאַקע קיין ווין אויף אַרבעט, ווי די „עס־עס" האָבן געזאָגט ביים אַריינצײלן אין וואַגאָן?

פלוצלונג האָט רבקה׳לע אַ געשריי געטאָן:

„אוי, זע נאַר! זאָל די מאַמעשי זען!".

זי האָט דאָס געזאָגט אויף אַזאַ אופן, אַז די מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן צום פענצטערל, אַרויסגעקוקט און דערזען: אַ טאָפּלטן צוים פון שטעכנ־דיקע דראָט, אויף זשעלבערט סלופּעס. הינטערן צוים — באַראַקן, באַראַקן אָן אַ שיעור. אויפן פּלאַץ — משונהדיקע מענטשן, מאַכן דעם איינדרוק פון משוגעים, ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן. אַרום און אַרום וואַך־בודקעס מיט מאַשין־ביקסן. דבורה־לאה האָט געגעבן אַ געשריי:

— אוי, אַ בראָך איז צו אונדז! אַ לאַגער! זיי האָבן אונדז ווידער אָפּגענאַרט! מענטשן, טוט אייך שוין אָן דאָס בעסטע וואָס איר פאַרמאָגט!

דבורה־לאה האָט ביידע קינדער אָנגעטאָן די בעסערע מלבושימלעך און שיכעלעך, קרעכצנדיק: „מען וועט ביי אונדז אַלצדינג צונעמען. טאָ לאָמיר כאָטש האָבן אויף זיך דאָס בעסערע, מ׳שטיינס געזאָגט".

אינזשיניער הירש האָט אויסגעפּאַקט זיינע ווינטער־שיך פון רוקנזאַק. אויך דעם ווינטער־מאַנטל האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן.

נאָך איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט זיינען מיט אַ ווילד גע־שריי אויפגעריסן געוואָרן די טירן פון די וואַגאָנען:

— אַלע אַרונטער! אַלעס איבערלאָזן אין וואַגאָן! ראַוס! ראַוס! לאָס! לאָס!

יעדערער איז צום ערשטן צוגעלאָפן כאַפּן אַ ברויט. ס׳האָט ווײ גע־טאָן, פאַרוואָס מען האָט אַליין אַוועקגעוואָרפן די געלעגנהייט אָנצועסן זיך צו דער זעט און נאָך מיט ברויט, וואָס דאָס האָט זיך איצט געטראָפן איינמאָל פאַר די אַלע מלחמה־יאָרן. דערווייל טראַסקען שטעקנס איבער די גופים:

— ראַוס! ראַוס! לאָס! לאָס!... — דאָס שלאָגן די „קאַנאַדער" — יידן אַלטע „העפטלינגען", וואָס זיינען שוין אין אוישוויץ דורכגעגאַנגען אַלע

גיהנמס, און איצט האָבן זיי געהאַט (אַ קורצע צייט פאַרן פאַרברענט ווערן) בעסערע באַדינגונגען. זיי האָבן געטראָגן קאַצעטן־קליידער: בלוי־ווייסע שטרייפן, מיט דרייעקנדיקע ווינקלען רויטע און געלע (רויט — פּאָליטי־שער פאַרברעכער און געל — יידן־פאַרברעכער), און נומערן אויף דער לינקער ברוסט פון דער בלוזע, און אויף די הויזן פוןביידע זייטן. און אויף דער לינקער האַנט אויסגעברענטע נומערן. איצט האָבן זיי אויסגע־לאָדן די „טראַנספּאָרטן"... צוליב דעם וואָס זיי האָבן געהאַט צו עסן, האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן: „קאַנאַדער". די דייטשן פלעגן זיי באַטויבן מיט אָפּיום. זיי האָבן אַלעמען געיאָגט פון די וואַגאָנען מיט קלעפּ, קיינער זאָל גאָרנישט מיטנעמען. אינזשיניער הירש און דבורה־לאה מיט די קינדער האָבן זיך קוים אַרויסגעדרייט פון אונטער זייערע שטעקנס און אַרויס פון וואַגאָן.

אַזוי ווי דער אַלטער סאַמפּאָלינסקי איז אַרויס פון וואַגאָן אויף דער ראַמפּע, האָט אים אַ יונגער „קאַנאַדער" גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין פּנים, ער האָט אים צעבלוטיקט און געזידלט מיט ניבול־פּה־רייד. דער אַלטער האָט דערקענט, אַז דער „קאַנאַדער" איז טויט־שיכור און איז אַ ייד, האָט ער אויסגעשריגן:

— איר זענט דאָך אַ ייד! ווי קען איין ייד הרגענען דעם צווייטן?

דער „קאַנאַדער" האָט גלייך אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט מער קיין האַנט ניט אויפגעהויבן און אפילו קיין געשריי נישט געטאָן. ווען די „עס־עס" זיינען צוגעקומען — האָט ער זיך ווייטער גענומען צו דער „אַרבעט". (שלאָגן האָבן זיי דאָך געמוזט, האָבן זיי געשלאָגן עלטערע, ווייל עלטערע זיינען דאָך סיי־ווי גלייך געגאַנגען אין אויוון אַריין).

דערווייל פליען אַלץ נאָך שטעקנס. דער קאָמענדאַנט פון דער „קאַנאַ־דער" באַפעלט:

— פרויען און קינדער בלייבן אויפן פּלאַץ! מענער אויף דער צווייטער זייט! לאָס! לאָס!

מאַנסלייט קושן זיך מיט פרויען און קינדער. די „קאַנאַדער" רייסן זיי אָפּ. דעם גרעסטן טייל איז ניט מעגלעך אָפּצורייסן — אַרבעטן די שטעקנס. אויף דער ראַמפּע ליגן צעבלוטיקטע, צעהרגעטע.

די קאַנאַדער" האָבן אינזשינער הירשן געריסן פון זיין פרוי און קינדער. די קינדער האָבן מאוימדיק געוויינט. די מאַמע האָט שמחה'לען און רבקה'לען געהאַלטן אין די אָרעמס. זיי האָבן צום טאַטן אויסגע־שטרעקט די הענטלעך און געיאָמערט:

— טאַטאַ! טאַטאַ!

הירש האָט באַשלאָסן וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין וועט ער זיך נישט צעשיידן מיט זיין משפחה. פּלוצלונג האָבן זיך אַלע פיר אַרומגעקלאַמערט. זיי האָבן אויסגעזען ווי איין בוים מיט צווייגן.... עס האָט זיך באַוויזן אַן „עס־עס" אָפיציר. די „קאַנאַדער" האָבן געוווסט, אַז זייערע קוילן וועט די משפּחה ניט אויסמיידן, און זיי אַליין, (די „קאַנאַדער") דערוואַרט אויך ניט קיין גוטס, פאַר נישט אויספירן די באַפעלן. האָבן די „קאַנאַדער" מיט געוואַלדן, מיט הענט און מיט שטעקנס אָפּגעשפּאָלטן אינזשיניער הירשן פון זיין משפּחה, ווי מיט שאַרפע העק.

ווען זיי האָבן אים געשלעפּט, האָט ער זיך מיט אַלע כוחות צוריק־געריסן צו זיין פרוי און קינדער, וואָס האָבן מיט פאַרצווייפלונג־געוויין געשטרעקט צו אים די הענט.

דער דיכטער סאָמפּאָלינסקי האָט אַ פרעג געטאָן דעם קאָמענדאַנט פון דער „קאַנאַדער":

— האָט איר נישט גאָט אין האַרצן? און ווי קען גאָט דאָס אַלץ צוזען?

דער קאָמענדאַנט, פון מיטעלן וווקס, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברוין פּנים און שוואַרצע וואָנצעלעך, אַ געוועזענער „וואוילער־יונג" פון באַלוט אין לאָדזש — מושל קיילער האָט מען אים גערופן — האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן: „גאָט? דאָ גיבט ניט גאָט! אפשר דאָרטן!" ער ווייזט מיטן שטעקן אַהין ווו עס פירט אַ וועג צו דער שטאָט און ער שרייט אויס:

„דאָ איז אוישוויץ!"

— זיי האָבן דאָך אונדז אָפּגענאַרט! — פאַרקלאָגט זיך אַ ייד.

— אָפּגענאַרט! — קרימט מושל קיילער איבער. — איר האָט אַלץ באַדאַרפט טאָן און דאָ אַהער נישט קומען. דאָ גייט אַלעס אין אויוון אַריין! דאָ קומט מען אַריין דורכן טויער און מען גייט אַרויס דורכן קוימען!

יידן פאַרשטייען אים גאָרנישט וואָס ער זאָגט. מושל קיילער רעדט ווייטער:

יידעלעך, גיט'ס אַלצדינג אָפּ, ווייל דאָרטן וועט מען אייך סיי ווי אַלעס צונעמען! דאָרטן... דאַרף מען שוין גאָרנישט!

איבערגעשראָקענע גיבן אים יידן אַלץ וואָס זיי האָבן. איין יונגערמאַן האָט אים געגעבן אַ זייגערל, האָט ער עס באַקוקט, געוואָרפן אויף דער ערד, צעטרעטן מיט די שווערע שטיוול און זיך צעשריגן:

— אַזאַ דרעק?! עפּעס גוטס באַהאַלט איר פאַר זיי?!

אַ צווייטער האָט אים געגעבן אַ באַנקנאָט — פופציק דייטשע מאַרק,

האָט ער דאָס צעריסן אויף פּיצלעך „געלט האָט דאָ קיין ווערט נישט! קענסט דיך אונטערווישן מיטן געלט! דאָ איז אוישוויץ!"

דער יונגער „קאַנאַדער", וואָס האָט צעשלאָגן דעם אַלטן סאַמפּאַ־לינסקין, האָט דערזען זיין אייגענע פרוי מיטן קינד. ער איז צוגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זי האָט אים נישט באַמערקט. ווען ער האָט אויסגעשריגן: חנה! — האָט זי אויסגעשטרעקט איין האַנט מיט אַ געשריי: — לייבל! — זיי האָבן זיך צעקושט. אויף עטלעכע סעקונדן האָבן זיי ביידע פאַרגעסן ווו זיי געפינען זיך. דאָס קינד האָט זיך שטאַרק צע־וויינט. עס האָט מורא געקריגן פאַר לייבלען. חנה האָט אים אָנגעקוקט. ערשט איצט האָט זי געזען, ווי ער איז איינגאַנצן משונה־צורה געוואָרן. ער זעט דאָ אויס ווי אַ ווילדע אויסגעפּאַשעטע חיה. ביי ביידן זיינען גע־שטאַנען טרערן אין די אויגן. חנה האָט געטראַכט: וואָס דאָ זאָל ניט זיין, אָבער אַ געראַטעוועטע איז זי שוין מיט איר קינד. דער טאַטע וועט שוין זאָרגן: אַבי זי האָט געמיינט, אַז ער לעבט שוין נישט. לייבל האָט זיך גלייך באַהערשט: וועט זי גיין מיטן קינד, קומען ביידע אין אויוון אַריין. ס'בעסטע וואָלט געווען איבערצוגעבן דאָס קינד אין די הענט פון אַן עלטערער פרוי. חנה איז נאָך יונג. זי האָט אַ שאַנס איבערצולעבן די מלחמה. די דייטשן נויטיקן זיך היינט אין אַרבעטס־הענט.

פון יעדן טראַנספּאָרט־רייסט ער אַרויס די קינדער פון די יונגע מאַ־מעס און ער וואַרפט זיי אַריין אין די הענט פון עלטערעפרויען, אויף אַזאַן אופן קאָן ער נאָך ראַטעווען אַ ביסל יונגע לעבנס. דאָס מאַכט ער, פאַר־שטייט זיך, ווען די דייטשן זעען נישט... צוליב דעם וואָס ער איז געווען שיכור, און צוליב דעם, וואָס ער איז געוווינט געווען צו ראַטעווען יונגע מאַמעס, און אויך דערפאַר, וואָס ער איז געווען איבערצייגט, אַז צוליב דעם קינד וועלן מוזן ביידע אומקומען — האָט ער פון חנה'ן בליץ־שנעל אַ כאַפּ געגעבן דאָס קינד: „מיר מוזן געבן אַ קרבן — אפשר וועסט דו זיך ראַטעווען!"

— ניין! — האָט חנה געשריגן. זי האָט זיך מיט אים געאַמפּערט. דאָס קינד איז געבליבן אין אירע הענט. פּלוצלונג זיינען אָנגעקומען די „עס־עס" און אַלץ איז שטיל געבליבן.

אַ טויטע שטילקייט. אַן „עס־עס" אָפיציר האָט גערעדט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— הערט מאָל צו! איר ברויכט נישט האָבן קיין אַנגסט! היער זייט איר געבראַכט צו אַרבעטן; פרויען, קינדער, אַלטע לויטע קומען אין

איין ערהאָלונגס־לאַגער! קראַנקע — אין שפּיטאָל! איר מוזט רואיק אונד פאַרנונפטיק זיין! — האָט ער אַקצענטירט.

דאָקטאָר מענגעלע, אַ דייטש אין „עס־עס" מונדיר, קלייבט אַרויס די קראַנקע און קאַליקעס.

צוויי אַרעסטאַנטן אין ציוויל־קליידער, מיט ווייסע לענטעס און אַ רויטן קרייץ אויף די לינקע אָרעמס, טראָגן די אויסגעקליבענע אויף אַ פעלד־בעטל און לייגן זיי אַריין אין אַ ווייסן אויטאָ מיט אַ רויטן קרייץ.

דער גרעסטער טייל פון טראַנספּאָרט איז זיי מקנא.

— אָט זעט איר, — זאָגט איין ייד צו די שכנים, — זיי פירט מען גלייך אין שפּיטאָל אַריין.

— מען זעט באַלד, — רופט זיך מיט קנאה אָפּ אַ צווייטער, — אַז זיי וועט דאָ גאָרנישט פעלן.

— זעסט, ער פאַרגינט זיי שוין נישט. ער איז זיי שוין מקנא, — זאָגט אים מוסר אַ דריטער, — שוין די העכסטע צייט ,אַז ס'זאָל זיי גוט זיין. זיי האָבן נאָך ווייניק געליטן אין געטאָ?

די קליינע רבקה'לע האָט דאָס אַלץ געזען און געהערט. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער מוטערס קלייד. עס האָט זי געוואָרפן פון שרעק. זי האָט געוואָלט עפּעס ווי אַריינקריכן אין דער מאַמען, מען זאָל זי אינ־גאַנצן נישט זען. דבורה־לאה האָט מיט איין האַנט רבקה'לען צוגעדריקט צו זיך, אויף דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן שמחהלען. ער האָט זיך אַרומגעקלאַמערט מיט די הענטעלעך אַרום דער מאַמעס האַלדז, דאָס קעפּעלע איינגעגראָבן אין אירע ברוסטן, געוויינט און זיך מיט זיין גאַנצן קערפּערל צוגעדרוקט צו דער מאַמעס לייב. יעדער גליד האָט געשריגן: „שיץ מיך! שיץ מיך!"

דער פאָטער, אינזשיניער הירש, איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט צווישן די מענער, ער האָט אָנגעהויבן זיך רייסן צו זיין פרוי און קינדער, אָבער מערדערישע קלעפּ האָבן אים צוריקגעטריבן אַ צעבלוטיקטן און אַ צעהרגעטן.

* * *

— צו פינף אין אַ ריי! — וואַרפט אַ באַפעל דער קאָמענדאַנט מוישל קיילער. די „קאַנאַדער" שטעלן אויס צו פינף אין אַ ריי — מיט נבול־פה, מיט קללות און קלעפּ. זיי זיינען אַזוי אויסגעשולט, אַז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מינוט שטייט דער גאַנצער טראַספּאָרט אין אַ מיליטערישער אָרדענונג אין פינף רייען.

עס קומט אָן דר. מענגעלע אין „עס־עס"־מונדיר, ער רויכערט אַ

פּאַפּיראָס צו טויטן די מיקראָבן. פּאַרביי אים מאַרשירן אַדורך אַלע רייען. סעלעקציע... ער קוקט יעדן איינעם אין פּנים אַריין. די אויגן שטעכן ווי שפּיזן. ער ווייזט מיטן ווייז־פינגער: וועמען — רעכטס, וועמען — לינקס. דאָס הייסט, ווער עס זאָל גלייך גיין אין אויוון אַריין, און ווער עס זאָל זיך נאָך פּייניקן.

לעבן אים שטייען „עס־עס", אויסגעצויגן די ביקסן מיט די באַיאָ־נעטן, היטן, אַז יעדער איינער זאָל גיין אויף דער אָנגעוויזענער זייט.

אַביסל ווייטער שטייען מחנות „עס־עס" און היטן, אַז קיינער זאָל נישט אַריבערלויפן פון איין זייט אויף דער צווייטער.

אינזשיניער הירש האָט זיך געוווּנדערט: „צו וואָס דאַרף מען דאָ אַזוי פיל „עס־עס" מיט געווער? ווער וועט דאָ אַנטלויפן? אַלע ווילן דאָך אַרבעטן! צוליב דעם האָט מען זיי דאָך אַריבערגעבראַכט אַהער...

ווען הירש איז צוגעקומען צו דאָקטאָר מענגעלע און יענער האָט הירשן געזען אַ צעבלוטיקטן, האָט ער אים געוויזן מיטן פינגער אויף לינקס: צו די אַלטע, קראַנקע און מאַמעס מיט קינדער.

עלטערע און שוואַכע, פרויען מיט קינדער, האָט דר. מענגעלע געשיקט אויף דער לינקער זייט. די יונגע — אויף דער רעכטער. סאַמפּאַלינסקי האָט געבעטן צוגיין מיטן פאָטער און דר. מענגעלע האָט אים דערלויבט מיטצוגיין.

ווען דבורה־לאה מיט די קינדער זיינען צוגעקומען צום דר. מענגעלע און ער האָט דערזען רבקה׳לען מיט אירע הימל־בלויע אויגן און בלאָנדע לאָקן, איז אים געקומען אויפן זינען: אַן אַריש קינד? ער האָט געגאַפט עטלעכע סעקונדן. צוליב זיין צביעותדיק שמייכעלע האָט רבקהלע פּלוצ־לינג צו אים צוריקגעשמייכלט. ער האָט באַטראַכט דבורה־לאה׳ן מיט שמחה׳לען, וואָס האָט איינגעראָבן זיין קעפּעלע אין אירע ברוסטן.. מיט־אַמאָל איז אים איינגעפאַלן ער וועט זיי ניט שיקן גלייך אין אויוון אַריין! און טאָן וועט ער דאָס צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס, זאָלן אַלע זען, אַז מאַמעס מיט קינדער לעבן אויך אין אוישוויץ און באַקומען דעם זעלבן צוטייל, וואָס די פּראָדוקטיווע. צווייטנס, האָט ער אין זינען געהאַט אַדורכ־צופירן אַ סאַדיסטיש שטיקל אַרבעט. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער — און מיט אַ האַלב האַרץ:

— אויף רעכטס!

* * *

דער יונגער „קאַנאַדער" איז דערווייל ניט אָפּגעטראָטן פון פּלאַץ, וווּ זיין פרוי און קינד זיינען געשטאַנען. ער האָט שוין אַזוי אויסגעפּאַסט,

אַז ער זאָל דאָ מוזן האַלטן אָרדענונג. גערופן האָט מען אים לייבל פּאַנ־פּאַטש (ער האָט געפּאַנפּעט אונטער דער נאָז). פון פאַך איז ער געווען אַ טרעגער.

אין לאַדזשער געטאָ האָט ער געהערט צו דער „ווייסער גוואַרדיע" — אַ צוויי־פּיסיק פערד. ער האָט געשלעפּט אַ וואָגן מיט מעל; און תמיד איז ער געווען איינגעווייסט. די טרעגער זיינען געווען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע. זיי האָבן זיך אָפּט געהאָלפן פון די זעק. — איינמאָל האָט די פּאָ־ליציי לייבלען געפּאַקט ביים העלפן זיך מיט אַ ביסל מעל, כדי צו שטילן דעם שרעקלעכן הונגער פון פרוי און קינד. עס איז פאָרגעקומען אַ פּראָ־צעס. רומקאָווסקי׳ס געריכט האָט אים אנערקענט אַלס קריגספאַרברעכער און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן: „אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ".

ער איז געשיקט געוואָרן אויף אַ זיכערן טויט, טאַקע אַהער קיין אוישוויץ. אָבער באַלד, ביים אַראָפּגיין פון וואַגאָן, האָט דער דר. מענגעלע געזען, אַז לייבל פּאַנפּאַטש איז נאָך גאַנץ קרעפטיק און אַז די האַלטונג זיינע איז אַזוי, ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען אַ תושב. האָט ער אים ביי דער סעלעקציע געפרעגט: „פאַרוואָס האָט מען דיר דאָ אַהערגעשיקט?" האָט לייבל גאַנץ פּשוט אים געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס דער ריכטער האָט אים פאָרגעלייענט אין געטאָ בעתן אורטייל:

— איך בין קריגס־פאַרברעכער!

דר. מענגעלען איז לייבל געפעלן געוואָרן, האָט ער אים גלייך איבער־געגעבן אין אַרבעטס־קאָמאַנדע. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז אַריבער צו דער „קאַנאַדע" אויף דער ראַמפּע, אָפּצונעמען די „טראַנס־פּאָרטן". אין יעדן לאָדזשער „טראַנספּאָרט" האָט ער געזוכט דעם פּרע־זעס רומקאָווסקי׳ן. ער האָט געוואָלט אָן אים נקמה נעמען מיט די אייגענע הענט. פרעמדע האָט ער געשלאָגן, באַקאַנטע האָט ער זיך באַמיט צו העלפן. אין יעדן לאָדזשער „טראַנספּאָרט" האָט ער אויך געזוכט זיין פרוי און קינד. איצט איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: מעגלעך אַז דער דר. מענ־געלע וועט אים זיין פרוי און קינד העלפן. ער וועט אים בעטן...

ווען מענגעלע איז צוגעקומען צו זיין פרוי און קינד האָט לייבל זיך אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער, וואָס האַלט ערן־וואַך, און האָט צום דאָקטאָר גערעדט מיט הכנעה און אין איין אָטעם:

— הער דאָקטאָר, איך מעלדע געהאָרכזאַם: דאָס איסט מיין פרוי און קינד... איך ביטע...

דר. מענגעלע האָט אים ניט געלאָזט אויסריידן. ער האָט אַ וויינ געטאָן מיטן פינגער: „לינקס!"

— אויב אַזוי, הער דאָקטאָר, — האָט לייבל געזאָגט — וויל איך מיט־גיין מיט מיין פרוי.

— דו קאָנסט גיין! — האָט דר. מענגעלע געענטפערט.

דער טאַטע איז מיטגעגאַנגען מיט זיין פרוי און קינד. אויסער אים, לייבל פאַנפאַטש, האָט בשעת מעשה קיינער ניט געוווסט וווהין מען גייט. פון די אַלע וואָס זיינען געגאַנגען לינקס — סיי מענער, סיי אַלטע לייט, סיי פרויען מיט קינדער — האָט מען געשאַפן איין גרויסע קאָלומנע, צו פינף אין איין ריי. די קאָלומנע האָט מאַרשירט די ערשטע, שטאַרק באַוואַכט פון „עס־עס".

פאַרויס, ווי אַ פאַרפיר־ליכטל, איז געפאָרן אַ פעלד־קיך מיט זופּ, וואָס האָט אַזש פאַררייסן מיט איר געשמאַק.

* * *

די וואָס דר. מענגעלע האָט געשיקט רעכטס, זיינען געגאַנגען אין דער צווייטער קאָלומנע, פרויען באַזונדער און מענער באַזונדער, אויך צו פינף אין אַ ריי.

די צווייטע קאָלומנע האָט מקנא געווען דער ערשטער: „זיי וועלן באַלד באַקומען אַ וואַרעמע זופּ צו עסן!"

* * *

— אַבי מען שרעקט זיך, — רופט זיך אָפּ דער דיכטער סאַמפּאָלינסקי צו זיין שכן.

— וואָס דען מיינט איר? — באַקומט ער אַן ענטפער, — אוודאי!

— דער רבונו של עולם איז דאָ אויך דאָ! — האַלט אונטער דער צעשלאָגענער אַלטער סאַמפּאָלינסקי, דער דריטער פון דעם פינפטל, וואָס גייט אין דער ריי, — נישט געזאָרגט יידן, מען באַדאַרף נאָר האָבן בטחון!

פאַרנט האָבן די דייטשן, פּאַר אַ טריק, געמאַכט אַ לאַגער פון אַלערליי קאַליקעס. אַז ביידע קאָלומנעס האָבן פאַרביימאַרשירט דעם לאַגער, האָבן זיי דערזען הונדערטער קאַליקעס דווקא גוט געקליידטע, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען צופרידן וואָס זיי געפינען זיך דאָ... דאָס האָט די דורכמאַרשירנדיקע באַרואיקט. איינער דעם צווייטן האָט געמוטיקט:

— איר זעט? — האָט מען געוויזן צו די קאַליקעס — אַבי מיר האָבן זיך אומזיסט געשראָקן.

— דאָ וועט בעסער זיין ווי אין געטאָ! — האָט איין ייד אויסגעשריגן כמעט ווי מיט פרייד.

* * *

ווען די ערשטע קאָלומנע איז אַריינגעקומען אין לאַגער, האָט אַן „עס־עס" אָפיציר, שטייענדיק אויף אַ טיש, צו זיי גערעדט:

„הערט מאַל צו! איר זענט אַלע שוואַכע מענטשן: עלטערע, מאַמעס מיט קינדער, איר קומט אַלע אין איין ערהאָלונגס־לאַגער. דאָס איז אייך באַוואוסט, יאָוואָל?

— יאָוואָל! — האָבן אַלע אויסגערופן.

— אָבער מיינע ליבע, — האָט דער „עס־עס" מאַן ווייטער העפלעך גערעדט, — איר מוזט זיך אויסבאָדן נאָך אַזאַ שווערע רייזע. די קליידער ווערן דעזינפעקצירט. ציט אייך אויס, נאָר רואיק, לייגט אַוועק אייערע קליידער אין אָרדנונג, זיי זאָלן זיך ניט אויסמישן. וואָס שנעלער וועט פאַר אייך זיין בעסער, ווייל עס וואַרט אויף אייך אַ גוטע געשמאַקע, וואַרעמע זופּ. זי וועט קאַלט ווערן!

דער יונגער „קאַנאַדער" לייבל פּאַנפּאַטש — ער איינער האָט גע־ וווסט, וואָס דאָס אַלץ באַטייט. אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין פרוי און די איבעריקע זאָלן וויסן, אַז זיי גייען אין אויוון אַריין. האָט ער געשוויגן. אָבער דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט, געוואָלט נקמה נעמען פאַר דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעזען און פאַר דעם אַלעם, וואָס ער האָט געמוזט אויספירן: שלאָגן יידן געצוווּנגענערהייט. ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן צו זיין ווייב און קינד. אַצינד איז אַלץ פאַרשפּילט: פרוי און קינד וועלן באַלד פאַרגאַזט ווערן, ער אויך. ס׳געוויסן האָט אים געפּייניקט: פאַרוואָס האָט ער אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, אַזויפיל יידן צעבלוטיקט אין די אויגן פון די „עס־עס", צו וויזן ווי געטריי ער דינט זיי? פאַרוואָס האָט ער נישט בעסער אַן „עס־עס" מאַן דערמאָרדעט — וואָלט ער כאָטש געהאַט אַ געפיל פון נקמה און וואָלט געגאַנגען צום טויט מיט אַ רואיק געוויסן?

לייבל האָט געהאַט אין דער הויזן־טאַש אַ שאַרף מעסערל, וואָס ער האָט זיך „אָרגאַניזירט" ביי דער באַן. דאָס מעסערל האָט ער זעלטן גע־ נוצט. ער האָט עס נאָר שטענדיק געשאַרפט, כדי עס זאָל ניט טעמפּ ווערן. פון דעם מעסערל האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן. פאַר דעם האָט גע־ דראָט טויט. דאָס האָט שוין געהייסן ביי די דייטשן: באַזיצן וואַפן... ווען ער האָט באַקומען אין דער האַנט אַריין דאָס מעסערל האָט ער זיך דער־ מאָנט: „אָט מיט אַזאַ מעסערל האָב איך דאָך נישט איין שגץ, וואָס איז געקומען הרגענען יידן ביי מיר אין פעפער־געסל, מיט מיינע הענט דער־ שטאָכן. אפשר וועט דאָס מעסערל מיר צונוץ קומען אַמאָל דאָ, אין אוישוויץ?"

לייבל האָט צוגעקוקט, ווי די יידן ציען פון זיך אַראָפּ די מלבושים, ווי זיין פרוי האָט שוין דאָס קינד אויסגעטאָן און ווי זי טוט זיך שוין אויס אַליין אויך. די אָרדנערס און דער „עס־עס" אָפיציר זיינען אַרומגע־

גאַנגען קאָנטראָלירן, צי אַלע טוען זיך אויס. ווען דער „עס־עס" מאַן איז צוגעקומען צו לייבלען און ער האָט געזען, אַז ער איז נאָך אײנגאַנצן אין די מלבושים, האָט ער אים מיט כעס געפרעגט:

— וואָרום ציסטו זיך נישט אויס, דו שווײן?

אין לייבלען האָט אויפגעברויזט דער אײנגעהאַלטענער צאָרן פון דער גאַנצער צייט. אין איין אויגנבליק האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער. מיט איין האַנט האָט ער דעם אָפיציר אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ צום קאַרק און מיטן מעסער האָט ער אים געגעבן עטלעכע מאָל אַ „פידל אַ דורך" איבערן האַלדז. דאָס איז געשען אַזוי בליץ שנעל, אַז איידער דער אָפיציר האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, האָט שוין פון זיין האַלדז געשפּריצט דאָס בלוט.

באַלד זיינען אָנגעקומען הונדערטער „עס־עס", וואָס האָבן געשאָסן אין דער מאַסע. פון די קוילן זיינען געפאַלן הונדערטער פרויען, מענער און קינדער.

פינקטלעך פינף מינוט האָט געדויערט דאָס שיסעריי. קיין איין סעקונדע ניט ווייניקער אָדער מער. דער קאָמענדאַנט האָט געקוקט אויפן זייגער. קיין אויספאָרשונג האָבן די דייטשן ניט געמאַכט. דעם דערמאָרדעטן „עס־עס" אָפיציר האָט מען גלייך אַוועקגעטראָגן.

לייבל האָט תיכף נאָכן אָפּפאַרטיקן דעם „עס־עס" אָפיציר גענומען זיין פרוי און קינד און האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר פון דער גאַז־קאַמער, אַזוי איז זיי געלונגען אויסצומיידן די קוילן.

די דערשאָסענע זיינען געבליבן ליגן אויף די מלבושים. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין בלוט. אַ גרויסער טייל האָט נאָך געקרעכצט. מען האָט זיי געשלעפּט אין קרעמאַטאָריום.

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט. לייבל מיט זיין פרוי און קינד זיינען אַריינגעגאַנגען די ערשטע. יעדער האָט באַקומען אין די הענט אַריין אַ ווייס האַנטוך מיט אַ גרין שטיקל זייף, אויף וועלכע ס'זיינען געווען דריי בוכשטאַבן R. I. F. (ראשי תיבות פון: „ריין יודען־פעטס"). מען האָט די מענטשן אַריינגעקוקט מיט עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלעך אין מויל, נאָז און שטאָלץ־דאַרם — געזוכט גאָלד, בריליאַנטן. ווער עס האָט געהאַט גאָלדענע ציין, דעם האָט מען געמאַכט אַ צייכן מיט טוש אויף דער פּלייצע, כדי פאַרן פאַרברענען זאָל מען אים די גאָלדענע ציין אַרויסציען.

לייבל האָט געהאַלטן ביי די הענט זיין פרוי און קינד. ער איז מונטער געגאַנגען צום טויט, אָבער ער האָט אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן, ווי דער אַלטער סאָמפּאָלינסקי, וועמען ער האָט היינט צעשלאָגן ביים אַרויסגיין

פון וואַגאָן, האָט אים געשטעלט די פראַגע: „ווי קען איין ייד דעם צווייטן אַזוי שלאָגן? פאַר וואָס?״ לייבלס האַרץ ווערט איצטער געשניטן ווי מיט מעסערס. עס גייען אים נאָך די פאַרצווייפלטע אויגן פון אַלטן סאַמפּאַ־לינסקי׳ן. פאַר זיין פרוי, האָט לייבל אויסגעמאָלן, אַז דאָ וועט זי נישט מוזן אַרבעטן אַזוי שווער ווי אין געטאָ; אַז עסן איז דאָ פאַראַן מער ווי אין געטאָ. ער איז שוין דאָ אַ תושב, וועט ער איר העלפן. עס וועט איר לייכטער זיין ווי די אַנדערע. הינטער זיך האָט לייבל דערהערט אַ באַ־קאַנטע שטימע: — נו, הער אינזשינער הירש, מען האָט זיך ווייטער געטראָפן, ביידע צעבלוטיקטע און ביידע גייען מיר צוזאַמען, האַ?

„ס׳גייט נאָך אַלץ די זעלבע סדרה, טאַטע.״ האָט זיין זון דער דיכטער מיט טרויער אין זיין שטים צוגעוואָרפן.

לייבל האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען דעם עלטערן ייד, וואָס ער האָט אים צעבלוטיקט. ער (לייבל) האָט גיך זיין פּנים אויסגעדרייט, זייערע אויגן זאָלן זיך ניט צוזאַמענטרעפן. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אין גאַז־קאַמער.

— יאָ, הער סאַמפּאָלינסקי, — האָט אינזשיניער הירש אַרויסגעקרעכצט. — איר האָט געזאָגט, אַז איר זייט זיכער, אַז די רוסן וועלן אונדז פון צוג באַפרייען, האַ? ווו איז אַמעריקע? ענגלאַנד? רוסלאַנד? און ווו איז גאָט?! גאָט!!...

דער זאַל איז געווען אַ הויכער, די ווענט זיינען געווען לאַקירט מיטן קאָליר פון יונגע באַנאַנען. אויף אַלע זייטן זיינען געווען איינגעמויערט געשליפענע שפּיגלען. אויף איין זייט זיינען געווען שענקלעך מיט לאַנגע בענק, אַזוי, ווי להבדיל, אין אַ מקווה.

דער אַלטער סאַמפּאָלינסקי האָט הירש׳ן געטרייסט:

— לאָמיר נאָר איבערקומען די באָד, עס וועט שוין גוט זיין, בטחון!

עס האָט זיך אויפגעעפנט אַן אייזערנע טיר. אַ ציטערנדיקער פייף פון אַ פייפל האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. דאָס איז געווען אַ לאַנגע נידעריקע קאַמער מיט אַ שיפּע און נאַסע פּאָדלאָגע אַזוי ווי אין אַ באָד.

אַן „עס־עס״־מאַן האָט העפלעך געמאָלדן, אַז יעדער איינער דאַרף דאָ איבערלאָזן זיין האַנטוך. נאָך דער באָד וועט מען צוריקנעמען, מען זאָל זיך צואײַלן, ווייל דער טוש ווערט קאַלט.

ער האָט אַריינגעציילט צו פינפטלעך און ער האָט געהאַלטן אין איין אויסשרייען:

— ביטע שעהן, דער נענטסטער!

לייבל איז אַריין דער ערשטער. ער האָט געפירט זיין פרוי און קינד ביי דער האַנט. ווען די קאַמער איז געוואָרן איבערגעפולט האָט מען צו־

געמאַכט די אייזערנע טיר. אינדערמיט קאַמער זיינען געווען פּירקאַנטיקע אייזערנע רערן מיט לעכעלעך ווי אין אַ זיפּ. פון דאַנען איז אַריינגעקומען דער ציקלאָן־גאַז.

אין דרויסן האָט געוואַרט אויף דער „באָד" נאָך אַ פּאַרטיע פון דעם טראַנספּאָרט.

* * *

אין דעם זעלבן לאַגער, בירקענאַו־אוישוויץ, אויף אַ צווייטן פעלד, האָט מען אַריינגעפירט די קאַלומנע פרויען און די קאַלומנע מענער, וואָס דאָקטאָר מענגעלע האָט געשיקט אויף רעכטס. דאָ האָט זיך געפונען אַן איינשטאָקיקע רויטע מויער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַבריק. דאָס איז געווען אַ באָד.

די פרויען האָט מען גלייך צוגעפירט צו דער באָד.

אין דרויסן אויפן זאַמד, צווישן די טויזנטער יונגע פרויען, וואָס האָבן געוואַרט זיך אויסצובאָדן, זיינען אויך געלעגן דבורה־לאה מיט רבקה׳לען און שמחה׳לען. די מאַמעס, פון וועלכע מען האָט אַוועקגעריסן די קינדער האָבן געקוקט מיט קנאה... די קינדער האָבן זיך אויס מורא געטוליעט צו דער מאַמען.

טייל מיידלעך האָבן זיך פאַרנומען מיט די קינדער. די וואָס האָבן געהאַט פאַרשטעקט אַ פּיצל ברויט, האָבן זיך געטיילט מיט די קינדער.

רבקה׳לען האָט געפּייניקט דער דורשט. זי האָט געוויינט און געשריגן: וואַסער, וואַסער.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג.

פיר מיידלעך, וואָס זיינען שוין דאָ תושבים, אַרבעטן אין דער קיך, האָבן בגנבה, אַן דעם וויסן פון דער „עס־עס", צוגעבראַכט עמערס וואַסער און פונאַנדערגעטיילט צו ביסלעך. די מיידלעך טרייסטן די פרויען. זיי דערציילן, אַז זיי זיינען קראָקעווער, אַז עס זיינען דאָ אַמאָל געווען ערגערע צייטן, מען דאַרף נישט זאָרגן. ס׳איז שוין באַלד אויס מלחמה.

אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, אָנגעטאָן אין אַ קאַצעט־אוניפאָרם פון ווייס־בלויע פּאַסן מיט אַ רויטן ווינקל און אַ נומער אויף דער לינקער ברוסט — איז אָנגעלאָפן מיט אַ קוראַזש, האַלטנדיק אַ גרויסע מעטאַלענע פּושקע. אַזוי ווי אַ צייטונגס־פאַרקויפער, וואָס רופט אויס די לעצטע נייעס, האָט ער געשריגן: — קורוועס, קורוועס! צדקה תציל ממות! גיטץ גאָלד! געלט! בריליאַנטן! גיט אַלצדינג וואָס איר האָט! צדקה תציל ממות!

יעדער האָט געגעבן וואָס ער האָט נאָך געהאַט.

די פרויען האָבן אים געפרעגט ווו זיי קומען, האָט ער זיי געענט־פערט: — אין „האַ" („H") לאַגער! דאָס האָט געהייסן: אין הימל אַריין.

קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען זיין איראָניע, האָט ער אויסגעשריגן: „אַ פרישע מענאַזשעריע"! און איז אַוועקגעלאָפן מיט אַ פולע פושקע צי־רונג.

* * *

איבערן צוים, נישט ווייט ווו די פרויען זיינען געזעסן, האָט זיך גע־פונען אַ לאַגער פון אַ פּאָר הונדערט קאַליקעס: איין־פיסיקע מיט קו־ליעס, איין־הענטיקע, איין־אויגיקע, בלינדע, הויקערדיקע, כלערליי קריפּלען.

דאָס עסן וואָס די דייטשן האָבן צוגענומען פון די יידישע טראַנספּאָרטן, האָבן די קאַליקעס באַקומען. אָבער זיי האָבן עקסטראַ באַקומען צופיל און די דייטשן האָבן זיי דערלויבט אַריבערצוואַרפן איבער די דראָטן אין צווייטן לאַגער אַריין פאַר די הונגעריקע העפטלינגען.

ווען דער יונגער „קאַנאַדער" איז אַוועק מיט דער פושקע, האָבן די קאַליקעס אַריבערגעוואָרפן שטיקער קוכן, שטיקער חלה, שטיקער וויס־ברויט.

די אויסגעהונגערטע פרויען זיינען צוגעלאָפן און געכאַפּט.. איינע פון דער צווייטער האָט געריסן פון די הענט.

דבורה־לאה איז אויך צוגעגאַנגען מיט ביידע קינדער. אַ קאַליקע מיט צווי קוליעס האָט זי באַמערקט, האָט ער זי צוגערופן און האָט איר אַרויס־געוואָרפן אַ האַלבן קוכן.

דבורה־לאה האָט אים געדאַנקט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין די קריפּ־לען, זיך איינגעהערט אין זייער שפּראַך און האָט זיך איבערצייגט, אַז צווישן זיי געפינט זיך ניט קיין איין ייד: דאָס זיינען סאַמע פּאָליאַקן. זיי האָבן געטראָגן ציווילע קליידער, האָבן אויסגעזען אויסגערוט, נישט פאַרפייניקט. האָט זי געזאָגט צו איר שכנ'טע:

— איר זעט, אומזיסט האָבן מיר זיך געשראָקן, אויב אַפילו אַ זעלכע קאַליקעס האָבן דאָ אַזוי גוט, טאָ וואָס האָבן מיר, געזונטע, מורא צו האָבן?

— דאָ וועלן מיר בעסער האָבן ווי אין געטאָ, — האָט איר די שכנה געענטפערט, — מיר וועלן אַרבעטן, פרויען מיט קינדער, אַלטע און שוואַכע גייען אין אַ דערהאָלונגס־לאַגער. עס וועט זיי דאָרט אויך גאָרנישט פעלן.

— זיכער! זיכער! — האָבן אַנדערע צוגעשטימט.

* * *

ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט, האָט מען ענדלעך די אויסגעמאַטערטע פרויען אַריינגעלאָזט אין באָד.

אַ גרויסער זאָל צו איבער הונדערט מעטער אין דער לענג און ברייט.

עס זיינען דאָ געלעגן בערג מיט אויסגעטאָנענע מלבושים, צונויפגעלייגט אין פּעקלעך.

אַ ציטערנדיקער פּיף פון אַ פּייפל ווארפט פלוצלונג אָן אַן אימה. אַלע האַלטן איין דעם אָטעם. אַ טויטע שטילקייט.

— אַלעס אויסציען! — דונערט באַפעלעריש אַ מענער־שטים. ס׳איז דער זעלבער וואָס האָט געפּייפט מיטן פּייפל.

די פרויען בעטן:

זאָלן די מענער אַרויסגיין!

ענטפערט מען זיי מיט גומענע שטעקנס:

— דאָ זייט איר נישט אינדערהיים! דאָ איז אוישוויץ!

אונטער די קלעפּ האָבן די פרויען שנעל אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים און זיינען געבליבן שטיין אין די העמדער.

זייען געפאַלן נאָך שטאַרקערע קלעפּ. מיט אומווילן, שאַנד און מורא האָבן די פרויען אַראָפּגעצויגן די העמדער. זיי האָבן זיך מיט איין האַנט צוגעדעקט די ברוסטן און מיט דער צווייטער דעם געשלעכטס־אָרגאַן. פון שאַנד האָט איין פרוי דער צווייטער נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן.

דבורה־לאה האָט אויסגעטאָן די קינדער, רבקה׳לען און שמחה׳לען. איין מיידל האָט איר געהאָלפן; זי אַליין, דבורה־לאה, האָט געקריגן שטאַרק געשלאָגן, ווייל דער „עס־עס״־מאַן, וואָס האָט קאָנטראָלירט האָט דערקענט אַ שטאַרקן פּראָטעסט אין אירע אויגן. זי האָט אין זינען געהאָט, אַז מ׳דאַרף בעסער פאַלן אַ טויטע און נישט נאָכגעבן די, וואָס דערנידעריקן דעם מענטשנס ווירדע. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט צוויי קינדער צו וועלכע זי געהערט. מוז זי לעבן כדי זיי זאָלן לעבן. דבורה־לאה האָט געוווסט, אַז זי איז דער מענטש און דער „עס־עס״־אָפיציר איז די חיה. ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט איר בליק, האָט ער געזען, אַז זי קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, ווי זי וואָלט צו אים געזאָגט: „דער מענטש וועט דיך באַזיגן״.

דער „עס־עס״־אָפיציר האָט זי, דבורה־לאה׳ן, געשלאָגן מכות־רצח מיטן גומענעם שטעקן און איר באַפוילן מיט ניבול־פּה־רייד, אַז זי זאָל אָוועקנעמען די הענט פון געשלעכטס־אָרגאַן און ברוסטן.

ער האָט באַטראַכט איר גאַנצן קערפּער. ער האָט זי געפרעגט צי זי שוואַנגערט, און האָט קאָנטראָלירט איר בויך. מיט אַן עלעקטריש לעמפּל האָט ער איר אַריינגעקוקט אין מויל, אין די אויערן, אין דער נאָז. דערנאָך האָט ער זי צוגעפירט צו אַ טיש, געהייסן איר אַרויפקריכן — כדי ער זאָל

זיך ניט דאַרפן איינבויגן — און האָט איר מיט רוגזה צעשפּרייט די פיס. דבורה־לאה האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ער האָט ביים שיין פון אַן עלעקטרישן טאַשן־לעמפּל איר אַריינגעקוקט אין געשלעכטס־אָרגאַן. דער „עס־עס״־אָפיציר האָט געדונערט מיט וויסטן ניבול־פּה: „דו הור! האָסט דעם שמוק (צירונג) אַרונטערגעשלונגען!״ דבורה־לאה׳ן האָט מען אַראָפּגענומען פון טיש אַ פאַרחלשטע.

דאָס זעלבע זיינען דורכגעגאַנגען אַלע פרויען. שוואַנגערע האָט מען גלייך אַרויסגעפירט צו דער גאַז־קאַמער.

מען האָט די פרויען אַריינגעטריבן אין אַ צווייטן זאַל, אַ קלענערן. דאָרטן זיינען געזעסן אַרעסטאַנטקעס, וואָס האָבן זיי אָפּגעשוירן די האָר פון די קעפּ. דערנאָך האָט מען די פרויען אויסגעשטעלט אין אַ ריי; זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען מיט אויפגעהויבענע הענט דורך צוויי אַרעס־טאַנטקעס, וואָס האָבן זיי אָפּראַזירט די האָר פון אונטער די אָרעמס. איינע פון דעם לינקן אָרעם, די צווייטע פון דעם רעכטן.

דבורה־לאה האָט געהאַלטן אויף איין אָרעם שמחה׳לען און ביי איין האַנט געפירט רבקה׳לען. מען האָט זיי אַלע דריי אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ. דבורה־לאה האָט גלייך דערקענט, אַז די אַרעסטאַנטקעס זיינען יידישע קינדער. זי האָט מיט זיי גערעדט אַ פּאָר ווערטער און איז געוווירן געוואָרן, אַז דאָ אַהער האָט מען שוין געבראַכט יידן פון גאַנץ אייראָפּע. זי האָט ביי איינער, וואָס האָט איר אָפּראַזירט די האָר פון אונטער די אָרעמס געפרעגט: „וואָס פאַר אַן אַרבעט טוט מען דאָ אין דעם לאַגער?״

האָט איר די אַרעסטאַנטקע געענטפערט:

„דאָ גיבט אַ הימל־קאָמאַנדע און אַנדערע קאָמאַנדעס...״

דבורה־לאה האָט ניט פאַרשטאַנען די איראָניע.

ווי נאָר דבורה־לאה איז אַריינגעקומען אין דריטן זאַל, האָט זי גע־קריגן שטאַרק געשלאָגן פון אַן „עס־עס״־פרוי מיט אַ לאַנגן גומענעם רימען. אַנטלויפנדיק פון די קלעפּ איז זי צוגעפאַלן צו אַ לאַנגער באַנק, ווו עס זיינען אויף שטולן געזעסן „עס־עס״־מענער. די פרויען האָבן געמוזט אַרויפגיין אויף דער באַנק — כדי די „עס־עס״־מענער זאָלן זיך ניט דאַרפן איינבויגן, ביים אויסראַזירן זיי די האָר פון געשלעכטס־אָרגאַן.

ווען דבורה־לאה האָט עס דערזען, האָט זי געוואָלט צוריקלויפן. אָבער ביי דער באַנק איז געשטאַנען אַן „עס־עס״־פרוי און זי האָט דבורה־לאהן מערדערלעך געשלאָגן מיט אַ גומענעם רימען. דבורה־לאה האָט געלאָזט שטייןביידע קינדער איז זי געלאָפן צו זיי, כדי אויף די קינדער זאָלן נישט פאַלן קיין קלעפּ. די „עס־עס״־פרוי האָט געשריגן צו דבורה־לאה׳ן, אַז

אויב זי וועט ניט אַרויפגיין אויף דער באַנק, וועט זי איר אויפן אָרט דער־הרגענען צוזאַמען מיט ביידע „פאַרפלוכטע הינטלעך". דבורה־לאה האָט זיך באַטראַכט, אַז זי מוז לעבן צוליב די קינדער.

אונטער אַ האָגל פון קלעפּ איז זי אַרויף אויף דער באַנק.

דער „עס־עס"־מאַן האָט זיך געוויצלט, געשפּעט אויף דבורה־לאה'ס חשבון און הילכיק געלאַכט, בעת ער איז געפאָרן גיך־גיך מיט דעם טעמפּן ראַזיר־מעסער, אַזוי ווי ער וואָלט אַנגעשאָבן אַ פעל.

דבורה־לאה האָט זיך מיט די לעצטע כוחות איינגעהאַלטן פון שרייען.

ווען זי איז אַריין מיט די קינדער אין נאָענטסטן זאַל, האָט זי באַ־קומען אַזאַ שטאַרקן זעץ אין דער פּלייצע, אַז זי האָט זיך געמוזט טיף איינבויגן. דאָס איז געווען אַ סטראַטעגישע אויסרעכענונג אַזאַ פון דעם „עס־עס"־מאַן: אויף אַזאַן אופן האָט ער געקאָנט אַריינקוקן אין שטולגאַנג־עפענונג צו זעהן, צי מען האָט דאָרטן נישט פאַרשטעקט קיין וואַליוטע אָדער צירונג.

* * *

ווען אַלע זיינען אַדורכגעגאַנגען די קאָרידאָרן האָט אַ „קאַנאַדער" געעפנט אַ טיר און געגעבן אַן אויסגעצויגענעם פייף מיט אַ פייפל. נאָך דעם גערויש, געפּילדער און געוויין איז פּלוצלינג געוואָרן אַ טויטע שטיל־קייט.

דער „קאַנאַדער" האָט געגעבן אַ צייכן מיטן שטעקן און די פרויען זיינען אַריינגעיאָגט געוואָרן אין דער באָד, ווי בהמות.

דבורה־לאה האָט ביידע קינדער געטראָגן אויף זיך, כדי זי זאָל זיי נישט פאַרלירן און זיי זאָלן נישט צעטרעטן ווערן.

די באָד איז געווען אַ גרויסער, הויכער זאַל אָן פענצטער, מיט אַ סך שפּריצן, אָבער אונטער איין שפּריץ איז אויסגעקומען צו שטיין אַ צוויי צענדליק מענטשן. אָן ענגשאַפט, איינער שטייט אויף דעם צווייטן, אַ געשטויס, געשרייען, געוויין.

איין לאַנגער פייף מיטן פייפל פון „קאַנאַדער" וואַרפט אויף אַלע אַ פּחד.

פּלוצלינג גיט אַ שפּריץ קאַלט וואַסער.

— אוי!

טייל שרייען: — קאַלט!

— קאַלט! קאַלט! קאַלט!...

ווידער אַ לאַנגער פייף. אַ טויטע שטילקייט.

אַזוי חזרט זיך דאָס איבער עטלעכע מאָל.

דבורה־לאה האַלט ביידע קינדער. זי קען זיי ניט אַראָפּשטעלן, זיי ווערן ממש צעדריקט. פון דעם קאַלטן וואַסער האָבן זיי זיך נאָך שטאַרקער דערשראָקן און זיי וויינען יאָמערלעך. אָבער דער פייף שטילט זיי אויך איין... נאָר אויף איין רגע. דערנאָך שיסן זיי אַרויס מיט נאָך אַ גרעסערן געוויין.

פלוצלינג — אויס טוש.

אַלע שטופּן זיך צו דער טיר דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעקומען, כדי שנעל צו כאַפּן די מלבושים, וויל די קעלט שוידערט. אָבער די „קאַנאַדער" טרייבן צוריק מיט שטעקנס און גומענע רימענס אין אַ וויטערדיקן זאַל. אַנטלויפנדיק פון די קלעפּ, באַקומט יעדע איינע פון אַ „קאַנאַדער" צוגעוואָרפן אַ שמאַטע — פון אַ גרויסן באַרג שמאַטעס.

עס איז פון פריער געוואָרן אויסגערעכנט: אַ הויכע — אַ קורץ קליידל, אַ נידעריקע — אַ לאַנג קלייד. דאָס זיינען געווען קליידער צונויפגעשטוקעוועטע פון אַלטע שמאַטעס, מיט מיתה־משונהדיקע קאָלירן.

נישט קיין שיך, נישט קיין זאָקן, נישט קיין וועש. דאָס זעלבע האָבן באַקומען די קינדער, רבקה'לע און שמחה'לע. דערנאָך האָט מען יעדן געמאַכט אַ געלן אָדער אַ רויטן קרייץ אויף דער פּלייצע, מיט אויל־פּאַרב אַ צייכן „יודן־פאַרברעכער" און „פּאָליטישער פאַרברעכער". די זעלבע צייכנס האָט מען געמאַכט די קינדער.

ווען די פרויען זיינען אַרויס פון דער באָד, איז שוין געווען פינצטער. זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ צווייטער זייט. דאָרטן ווו זיי זיינען אַריינגעקומען איז שוין אַריינגעגאַנגען אַ צווייטע פּאַרטיע זיך אויסבאָדן — אַ פּאַרטיע מענער פון דעם זעלבן טראַנספּאָרט.

עס האָט זיך איינגעגעסן אַ האַרבסט־ווינט אין זייערע נאַסע גופים.

דבורה־לאה האָט זיך איינגעקוקט אין די פרויען: אָפּגעגאָלט די קעפּ, באָרוועסע, איינגעוויקלטע אין שמאַטעס פון משונהדיקע קאָלירן. אַפילו דאָס קול האָט זיך ביי יעדן געענדערט. „מיר זעען אויס ווי משוגעים" — האָט זי פעסטגעשטעלט. דבורה־לאה האָט געזען, אַז אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער האָבן זיך ניט דערקענט. כדי זיי זאָלן זיך נישט פאַרלירן האָבן זיי זיך אָנגעהאַלטן ביי די הענט. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף אירע קינדער און זי האָט געזען אַז זיי זיינען אויך משנה צורה געוואָרן.

אַצינד האָבן איבערגענומען די קאָמאַנדע „עס־עס" פרויען.

— צו פינף אין אַ ריי! — פאַלט אַ באַפעל.

באַלד האָט מען אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדנונג די גאַנצע קאָלומנע פּרויען.

די קאָמענדאַנטין האָט איבערגעציילט און האָט באַפוילן:

— וועק מיט דער שייסע! — אָפּמאַרשירן! לינקס! צוויי, דריי, פיר!

די קאָלומנע האָט מאַרשירט אויף אַ וועג צווישן דראָטן וואָס זיינען עלעקטריזירט, אין איין פינפטל זיינען געגאַנגען: צוויי פרויען און דבורה־לאה מיט די קינדער. רבקה׳לען האָט זי געפירט ביים הענטל, שמחה׳לען האָט זי געטראָגן. ער האָט זיך איינגעטוליעט אין אירע ברוסטן און גע־ציטערט. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די משונהדיקע מענטשן. אַז ער האָט אויף וועמען אַ קוק געטאָן, איז ער באַלד אַרויס מיט אַ געוויין.

נאָך אַ האַלבער שעה מאַרשירן איז די קאָלומנע אַריינגעקומען אין לאַגער „צע״. זיי זיינען אָפּגעשטאַנען אין דרויסן ביז צוועלף ביינאַכט.

ענדליך האָט מען געמאַכט אָרט — מען האָט צוזאַמענגעדריקט אין צוויי באַראַקן פרויען פון דריי באַראַקן, און די קאָלומנע האָט מען, ווי בהמות, אַריינגעטריבן אין דעם ליידיקן באַראַק.

דער באַראַק איז געווען אַ געבויטער, אַ לאַנגער. אין דער מיט, איבער דעם גאַנצן באַראַק, האָט זיך געצויגן אַ ציגעלנער אויוון, פון איבער אַ מעטער די הויך און איבער צוויי מעטער די ברייט, אַזוי, אַז ער האָט צעטיילט דעם באַראַק אויף צוויי זייטן. ווינטער פלעגט מען אַמאָל איינהייצן דעם אויוון, כדי צו דערמאָנען די אַרעסטאַנטן, אַז עס איז דאָ פייער אויף דער וועלט, וואָס מ׳קאָן דערוואַרעמען דאָס נאַקעטע לייב. אָבער נישט זייער לייב. די אַרעסטאַנטן האָבן נאָר געקוקט, ווי דאָס קליינ־טשיקע פייערל ברענט. דערנענטערן זיך צום אויוון, אַרויפלייגן אַ האַנט אויף די ציגל — דערפאַר האָט געדראָט אַ שווערע שטראָף. צווישן די קראָקוועס, וואָס האָבן געהאַלטן דעם דאַך, זיינען געווען לייסטן. אויף די לייסטן זיינען געהאַנגען אויפשריפטן, וואָס דבורה־לאה האָט איבערגעלייענט:

„אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס!״

„פאַרהאַלטן זיך רואיק!״

„נישט ברעכן די דיסציפּלין!״

„אַרבעט מאַכט פריי!״

דבורה־לאה האָט זיך ווייטער אַרומגעקוקט און זי האָט געזען: פון סופית האָבן מוטנע אַראָפּגעלויכטן עלעקטרישע לעמפּלעך. אונטערן דאַך, פוןביידע זייטן ווענט, זיינען געווען קליינע פענצטערלעך מיט שויבן, וואָס האָבן זיך געעפנט.

פון הויפט אַריינגאַנג האָט געפירט אַ קאָרידאָר. פוןביידע זייטן זיינען געווען צימערן: איין צימער פאַר דעם „בלאָק־עלטסטן" און אַ צווייטער צימער האָט געדינט פאַרן שפייז־מאַגאַזין. דאָרטן האָט מען אַריינגעלייגט אויף די פאַר שעה דאָס ביסל עסן פאַר די העפטלינגען.

ביים אַריינלויפן אינווייניק האָט מען זיך געשטופּט, געשטויסן. יע־דערער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַ שטיקל פּלאַץ, ער זאָל שוין קענען זיך אַנידערלייגן און איינשלאָפן. פּלוצלינג — אַ לאַנגער פייף מיט אַ פייפל, אַלעמען האָט באַהערשט אַן אימה; און שטיל, אַ טויטע שטילקייט.

איצטער שניידט אַדורך די שטילקייט נאָך אַ שטאַרקערער פייף. דער פּחד איז גרעסער ווי תמיד און אַלע אויגן זיינען געווענדט צום אָרט פון וואַנען דאָס פייפן קומט.

אויף דעם ציגעלנעם אויוון, אין אַ ווינקל, איז געשטאַנען די „בלאָק־עלטסטע", אַ יונגע אויסגעפּוצטע פרוי מיט אַ קאָפּ בלאָנדע געלאָקטע האָר. ווען זי האָט געזען, אַז אַלע אויגן קוקן אויף איר, האָט זי געגעבן נאָך אַ שטאַרקערן פייף.

דאָ איז שוין די אימה דערגאַנגען צום העכסטן גראַד. מען האָט געזען פאַר זיך דעם טויט. די „בלאָקאָווע" האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און האָט געגעבן אַ יאָג, ווי מען יאָגט איבערגעשראָקענע הינער.

— אַלע אַריבער אויף דער צווייטער זייט! — האָט זי געשריגן.

די אויסגעמאַטערטע זיינען קוים אַריבערגעקראָכן איבערן אויוון. דבורה־לאה מיט די קינדער זיינען אַריבערגעקראָכן — אויף אַלע פיר — די לעצטע. שמחה׳לע האָט געמיאוקעט ווי אַ קראַנק קעצעלע.

דערנאָך ווידער אַ פייף און ווידער אַ באַפעלערישער אויסגעשריי:

— אַלע צוריק אַריבער אויף דער צווייטער זייט!

אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

ווען די פרויען זיינען שוין געפאַלן איינע אויף דער צווייטער, האָט די בלאָק־עלטסטע, פריילין פאַלאַק — אַזוי האָט זי געהייסן — אַ געשריי געגעבן:

— איך רייד צו אייך פּראָסט יידיש! דאָ איז אוישוויץ! דאָ איז נישט די לאָדזשער געטאָ, וווּ מ׳קען קויפן פאַר טויזנטער מאַרק אַ ברויט. ווער פון אייך עס האָט גאָלד, בריליאַנטן, פונטן, דאָלאַרן האַרטע און ווייכע, זאָל עס מיר גלייך אָפּגעבן! מאָרגן אינדערפרי וועט מען אייך סיי־ווי אַלע אַדורכ־לייכטן מיט ספּעציעלע אַפּאַראַטן און אויב מען וועט נאָר ביי איינער עפּעס געפינען, איז אַ סוף צו אייך אַלעמען. דאָ זיינען אַלע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איינעם! דאָ איז אוישוויץ! דאָ ברענגט מען אום טויזנטער מענטשן אין

איין שעה! איגדרויסן הינטער דער וואַנט, שטייען תליות! דאָ הענגט מען הונדערטער אַ טאָג! איך וואָרן אייך: גיט אַלץ אָפּ — ביז איך וועל אָפּ־ציילן צען.

— איינס! צוויי! דריי!... צען!!

— נו? קיינער וויל נישט אָפּגעבן־...

— אפשר האָט איר מורא אָפּצוגעבן עפּנטלעך? קאָנט איר אונטער־וואַרפן! איך ווייס געגוי ווער עס האָט! ס׳לעצטע מאָל וואָרן איך — וואַרפט אונטער!

די פרויען שרייען איינע צו דער צווייטער:

— נו, גיט שוין אָפּ ווער עס האָט!

איינע דער צווייטער איז שוין חושד.

די בלאָקאָווע, פריילין פּאָלאַק, גיט אַ באַפעל און אַ יאָג מיטן שטעקן:

— אַלע אַריבער אויף דער צווייטער זייט!

ווען די פרויען זיינען געווען אויף דער צווייטער זייט, האָט די בלאָ־קאָווע מיט איר פּאַרטרעטערין געזוכט אויפן דיל מיט אַן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל. זיי האָבן גאָרנישט געפונען, האָט פריילין פּאָלאַק אויסגעשריגן:

— איר איינצלנע, וואָס באַהאַלטן ווילט איר, אַז מען זאָל אַלע אויפ־הענגען? צוליב אייך?! גיט אָפּ, וועט איר קריגן צו עסן! עס וואַרט אויף אייך אַ וואַרעמע זופּ! פאַרוואָס גיט איר נישט אָפּ?!

דבורה־לאה, האַלטנדיק שמחה׳לען אויף איין האַנט און צוהאַלטנדיק רבקה׳לען מיט דער צווייטער האַנט, איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן פרעמדע גופים. זי האָט שוין אַליין ניט געקאָנט שטיין.

רבקהלע וואָס האָט די גאַנצע צייט גוט געזען די בלאָקאָווע, וואָס איז געשטאַנען הויך אויפן איוון, האָט צו איר פלוצלינג אַ געשריי געגעבן:

— מיר האָבן גאָרנישט!

אירע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט דער בלאָקאָוועס אויגן. דאָס קינד האָט אַלץ געטענהט:

— ביי דער באַן האָט מען פון אונדז אַלצדינג צוגענומען! אין דער באָד האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאַקעט און אַלצדינג צוגענומען! פון וואַנען זאָלן מיר האָבן?... מיר האָבן גאָרנישט!... גאָרנישט...

* * *

ענדלעך איז געפאַלן אַ באַפעל:

— שלאָפן גיין!

טויזנט דריי הונדערט פרויען — אין איין באַראַק, אויפן בלויזן שטיי־נערנעם דיל. עס מוז זיין טויט־שטיל. יעדער שאָרך הייסט געבראָכן די

דיסציפלין. „דאָ זיינען אַלע פּאַראַנטוואָרטלעך פאַר איינעם". יעדער אבער ווערט איינגעשניטן פון פרעמדע גלידער. מען קרעכצט פון די יסורים; מען ליגט נישט, נאָר מען זיצט: איינגעצויגן די פיס אונטער זיך, מיט די קניען אַרויף, צעשפּרייט און אינעווייניק איז אַריינגעקוועטשט אַ צווייטע. אַוועקזעצן זיך אין אַזאַ פּאָזיציע וויל דאָך קיינער נישט. אויף דעם איז די „שטובן־דינסט" אויסגעשולט: זיי שלאָגן אַזוי לאַנג מיטן שטעקן אין געוויסע אברים ביז מען זעצט אויס דעם גאַנצן באַראַק אין דער פּאָזיציע; דאָס ווערט געמאַכט אין געציילטע מינוטן.

נעבן דבורה־לאה׳ן איז געזעסן איר׳ס אַ שכנטע. זיי האָבן געוווינט טיר ביי טיר. דאָס איז אַ פרוי וואָס האָט אַכט יאָר נאָך איר חתונה געבוירן איר ערשט קינד — דריי חדשים פאַרן קומען קיין אוישוויץ. זי האָט איר עופעלע נישט געוואָלט אָפּגעבן, האָט מען איר עס אַרויסגעריסן. זי האָט געקריגן געשלאָגן, ווען זי האָט געוואָלט צולויפן אויף דער לינקער זייט, צו איר קינד. אַצינד האָט איר געשטאָכן די מילך פון די ברוסטן, — האָט זי געזאָגט מיט געוויין: „כ׳זע ווי מיין קינד רייסט איין פון הונגער, ווי עס זוכט מיטן מיילעכל די ברוסט". און זי האָט געוויזן ווי אַזוי דאָס קינד זוכט די ברוסט מיטן מיילעכל. פּלוצלינג האָט זי זיך צעשריגן: — מערדער, גיט מיר אָפּ מיין קינד!!!

באַלד זיינען געקומען צולויפן די „שטובן־דינסט" און „קאַ־פּאָס" (די אַדמיניסטראַציע פון בלאָק). זיי האָבן געשלאָגן די פרוי און די אַרומיקע, וואָס זיינען אַריינגעקוועטשט אַרום איר.

שמחה׳לע, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן פון דורשט און הונגער, האָט ביי דער פרוי אויסגעזויגט די מילך, די פרוי האַלט אין איין שרייען: איך וויל ניט לעבן!

דבורה־לאה האָט אָפּגעריסן אַ רימענדל פון איר קלייד און דערמיט צוגעבונדן דער פרוי׳ס האַנט צו אירער, טאָמער שלאָפט זי איין, וואָרים די פרוי וויל ניט אַנדערש נאָר לויפן צו די עלעקטרישע דראָטן.

די נאַכט, אוי די נאַכט! יעדער וויל איינשלאָפן, קיין פּלאַץ איז נישטאָ, קוקט מען אויפן שכן ווי אויף אַ שטיין אין וועג. די לופט איז אַזוי געדיכט, אַז מען קען דעם אָטעם ניט ציען. מען איז אויפגערעגט ביז וואַנזין און מען שלאָגט זיך אַליין טייטמאַל ביז בלוט. קרעכצן, געוואַלדן, קללות. די „קאַ־פּאָס" און די „שטובן־דינסט" לערנען גוטע באַנעמונג מיט גומענע פּאַלקעס.

אויף דבורה־לאהן מיט רבקהלען און שמחהלען האָבן די שכנטעס רחמנות. זיי זעען אַז די מאַמע מיט די קינדער וועלן אָדער ווערן צע־

דריקט, אָדער דערשטיקט. זיי, די שכנות, האָבן געוואָלט זיך אויפשטעלן, מאַכן אַ שטיקל פּלאַץ פאַר דער מאַמע מיט די קינדער; אָבער מען טאָר נישט „ברעכן די דיסציפּלין". אַלע מוזן ליגן אַזוי ווי מען האָט באַפוילן. דאָ איז אוישוויץ.

די מידקייט האָט גובר געווען און אַלע זיינען איינגעשלאָפן.

עס זעט אויס ווי אַ ריזיקע מתים־קאַמער: מתים אָנגעוואָרפן איינער אויף דעם צווייטן.

אין אַ ווינקל פון בלאָק פאַלט אַ שוואַכע שיין פון איין לעמפּל, וואָס איז צוגעדעקט מיט שוואַרצע ביבולע־פּאַפּיר, צוליב „לופט־שוץ". עס זעט אויס ווי אַ נר תמיד. די אומגליקלעכע האָבן איצט די „גליקלעכסטע" מינוטן, אַז מען שלאָפט פילט מען גאָרנישט. דער ווונטש איז: הלוואי קאָנען מיר אַזוי כסדר שלאָפן — און אויפשטיין ערשט נאָך דער מלחמה.

* * *

פיר אַ זייגער פאַר טאָג: אַ לאַנגער פייף פון אַ פייפל רייסט אויף די שטילקייט:

— אויפשטיין! איינציען!

די „שטובן־דינסט" לויפן מיט די שטעקנס. קיינעם גלוסט ניט אויפ־צושטיין: עס איז אַזוי גוט, אַ וואַרעמקייט אין יעדן אבר. עס וואַרעמט זיך גוף אָן גוף. דער שלאָף ציט.

— ראַוס! ראַוס! — קלאַפּן די „שטובן־דינסט" און „קאַפּאָס" אין די גרויסע אָנגעוואָרפענע הורבעס האַלבע מתים.

דבורה־לאה בעט זיך ביי די „קאַפּאָ": שרייען זי נישט אַזוי אויף אונדז, שלאָגן זי נישט — מיר זיינען דאָך אויך מענטשן".

— מענטשן? איר זענט נאָך ערגער פון חיות. חיות טוט מען אויך אָפּוואַרטן מיט עסן, מיט אַ געלעגער, אָבער איר זענט שייסע! ראַוס! ראַוס! שנעלער! שנעלער!

* * *

די אַרעסטירטע פון אַלע באַראַקן זיינען אין דרויסן. עס איז נאָך נאַכט: אַן אויסגעשטערנטער הימל, אַ פולע לבנה. די דעכער פון די באַראַקן ווייסלען זיך פון פרעסטל. היינט זיינען סליחות־נעכט. אויסגעמאַרכטע, נאַקעטע און באָרוועסע ציטערן זיי פון קעלט.

הונדערטער פּאַקן זיך אַריין אין בית־הכסא און אין וואַש־צימער, וואָס פאַרנעמען צוויי באַראַקן. דאָס בית־הכסא און וואַש־צימער דינען פאַר דעם גאַנצן לאַגער „צע". אַז מען איז צוזאַמענגעדריקט אונטער אַ דאַך איז וואַרעמער. אָבער ניט אַלע קענען זיך דאָך דאָ אַריינפּאַקן. דאָ, אין דעם

פרויען־לאַגער „צע״ געפינען זיך אַכט און צוואַנציק טויזנט העפטלינגען אין צוויי און דרייסיק באַראַקן. אינדערמיט ציט זיך אַ ליימיקער וועג, פון ביידע זייטן צו זעכצן באַראַקן.

אין איין באַראַק איז די שרייב־שטובע. אין אַן אַנדערן באַראַק ווינען די „קאַנאַדער״. זיי קומען נאָר שלאָפן. זיי „אַרבעטן״ דאָך. איין באַראַק איז דער באַקליידונגס־מאַגאַזין פאַר די העפטלינגען. טאָמער שיקט מען אַרויס אַ טראַנספּאָרט אויף אַרבעט, באַקומט מען פון דעם מאַגאַזין העפט־לינגג קליידער מיט ברייטע בלוי־ווייסע שטרייפן.

איין באַראַק איז די באָד. איידער אַ טראַנספּאָרט ווערט אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט, ווערט ער דאָ אויסגעבאָדן.

איין באַראַק איז דאָס בית־הכסא, איין באַראַק — דאָס וואַשצימער און אין איין באַראַק דער „רעוויר״ (שפּיטאָל).

שטייען די טויזנטער פרויען איצטער אין דרויסן, און אונטער יעדן באַראַק שאָפּט מען אַן „אויוון״: מען שטעלט זיך פּלייצע צו פּלייצע, מען שאָפּט אַ גרויסע קיילעכדיקע קופּע. די וואָס שטייען אינדערמיט איז וואַרעמער.

עס שאַריעט שוין אויף טאָג.

דבורה־לאהן מיט די קינדער רבקהלען און שמחהלען האָט מען אַריינ־געגומען אינדערמיט. די גאַנצע קופּע וויגט זיך: אַז מען באַוועגט זיך — ווערט וואַרעמער. מען וויגט זיך אַזוי לאַנג ביז די, וואָס שטייען אינדער־מיט, קומען אויס די ערשטע און די ערשטע — אינדערמיט. אָבער טיילמאָל צעפּאַלט זיך די קופּע. שאָפּט מען ווידער אַ קופּע און מען נעמט ווייטער אַריין די שוואַכערע, מיט דער מאַמע און די קינדער אינדערמיט.

מען וויצלט זיך אויף די צרות. מען דערציילט זיך מעשהלעך, מען רעכנט אויס, אַז די מלחמה קען שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן.

— דער נעכטיקער לופט־אַליאַרם איז געווען אַן „אמתע תקיעה גדולה!״— זאָגט דבורה־לאה, — טאָג נאָך טאָג בלאָזט מען שוין שופר. דאָס איז שוין שופר של משיח.

— עס זיינען דורכגעפלויגן, זאָגט מען, אַ פּאָר הונדערט אַמעריקאַנער „ווייסע טויבן״ אויפן רוסישן פראָנט — דערציילט האָפערדיק אַ פרוי, — זיי האָבן מיטגעפירט אַרבעס און קניידלעך. עס וועט נישט לאַנג דויערן, וועט איבער דייטשלאַנד האָגלען און דונערן.

—זיי האָבן שוין, — זאָגט די וויל־געלערנטע דבורה־לאה — אַלע מכות: דם, כנים, שחין, דבר — זיי ווערן אויסגעדברט, די לייז פרעסן זיי שוין, זייער בלוט גיסט זיך שוין נישט נאָר אויף די פראָנטן, נאָר אויף

אין דערהיים. ברד? עס האָגלט ביי זיי, — פון האַמבורג איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. חשך? עס איז ביי זיי פינצטער פון ערשטן טאָג זינט זיי האָבן אָנגעהויבן די מלחמה. אַצינד האַלט עס ביי דער לעצטער מכה — מכות בכורות: איין פירער דעם צווייטן הרגעט שוין. נישט געזאָרגט, שוועסטער. מיר וועלן „אים" איבערלעבן!"

איין פרוי זאָגט: „זאָלן זיי אונדז נאָר געבן ס'שטיקל ברויט מיט דער זופּ. אַרבעטן דאַרף מען דאָך דאָ נישט, וועט מען אַלץ מער באַקומען ווי אין לאָדזשער געטאָ. די מלחמה קאָן דאָך נישט אייביק דויערן. זי מוז זיך דאָך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן. איך זאָג ענק, מען האָט זיי אין דר'ערד!"

אַ פרוי האָט צוגעבערענגט אַ ביסל שוואַרץ וואַרעם וואַסער, כלומרשט קאַווע, פאַר די מאַמע מיט די קינדער. דבורה־לאה האָט אַריינגעקוקט אין דער שיסל, זי האָט דערזען איר פּנים און זי האָט זיך נישט דער־קענט. זי איז אײַנגאַנצן משנה צורה געוואָרן. דער אָפּגעשוירענער קאָפּ איז געוואָרן ווייס ווי שניי. (זי האָט געהאַט געדיכטע, לאַנגע, שוואַרצע האָר). זי האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן, און די קינדער איינגעטיילט דאָס ביסל וואַרעם וואַסער. דבורה לאה האָט דער פרוי געדאַנקט און געפרעגט פון וואַנען זי האָט דאָס געשאַפן. די פרוי האָט דערציילט אַז אונטער זייער באַראַק האָט מען געברענגט איין קעסל, זי האָט זיך קוים צוגעשטויסן, זי האָט טאַקע געכאַפּט אַ פּאָר שטעקנס איבערן לייב...

פּלוצלינג האָט אַ לאַנג געקלאַנג אַלעמען דערשראָקן.

— אפּעל! אפּעל! איינטרעטן! איינטרעטן! — הערט זיך איבערן גאַנצן לאַגער.

יעדע איז געלאָפן אויף איר פּלאַץ הינטער דער וואַנט פון באַראַק.

די „שטובן־דינסט" שטעלן אויס צו פינף לאַנגע רייען אין מיליטער־רישע אָרדענונג. זיי ציילן איבער מיט די שטעקנס צי עס שטימט. דער וואָס שטייט ניט גלייך ווי אַ סטרונע — קריגט מערדערלעך געשלאָגן פון די „שטובן־דינסט" און קאַפּאָס. מען ברענגט אַרויס די קראַנקע און טויטע פון דער נאַכט. מען לייגט זיי אַנידער לעבן דער ריי. זיי ווערן אויך צוגעציילט.

די „שטובן־דינסט" ציילט איבער די רייען און עס שטימט נישט: עס פעלן „פיגורן". פון דעם בלאָק, וווּ דבורה־לאה איז, זיינען אַנטלאָפן פרויען צו אַנדערע בלאָקן, ווייל די בלאָקאָווע דאָ איז זייער אַ שלעכטע. פאַר יעדן אפּעל כאַפּט די „שטובן־דינסט" מענטשן פון אַנדערע בלאָקן און זיי האַלטן זיי ביז נאָכן אפּעל. טיילמאָל כאַפּן זיי צופיל. ווען זיי ציילן איבער און האָבן מער — שניידן זיי אָפּ די איבעריקע און יאָגן

זיי אַוועק מיט זידלעריי און קלעפּ. אָבער דאָס טרעפט זעלטן. אָממייסטן טרעפט, אַז וויפיל זיי כאַפּן נישט אויף — פעלן אַ פּאָר. און נאָך דעם אפּעל צעיאָגן די „שטובן־דינסט״ די אויפגעכאַפּטע מיט מערדערישע קלעפּ און זאָגן זיי אָן, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צוקומען צו דעם בלאָק. אויב יאָ — וועלן זיי דערשלאָגן ווערן צום טויט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די „שטובן־דינסט״ און „קאַפּאָס״ ווילן צונעמען זייערע ברויט פּאָרציעס. וויפיל קעפּ דער „עס־עס״־אָפיציר ציילט אָפּ אין אַ בלאָק — אַזוי פיל פּאָר־ציעס ברויט ווערן צוגעטיילט. די געכאַפּטע בלייבן אָן ברויט און די „שטובן־דינסט״ מיט די „קאַפּאָס״ קענען זיך פאַרגינען צו קויפן בראָנפן און פּאַפּיראָסן אויף זייער חשבון. נישט איין מאָל דערהרגענען זיי צו צענדליקער מענטשן, כדי זיי זאָלן קענען צונעמען זייער ברויט. וואָס מער טויטע — מער ברויט. וואָס מער ברויט — מער בראָנפן און פּאַפּיראָסן.
יאָ, איצטער האָט מען שוין איבערגעציילט אַמאָל צוואַנציק און עס פעלט איין „פיגור״. די „שטובן־דינסט״ שטייט אין מיטן וועג, וויל עמיצן כאַפּן, אָבער עס איז נישטאָ וועמען. די פרויען קענען שוין נישט שטיין אויף די פיס. יעדע פּאָר מינוט חלשט אַ צווייטע.׳ די „שטובן־דינסט״ איז אויפגעקאָכט. זיי לויפן צו אַלע באַראַקן, אומעטום שטימט, אין ערגעץ איז נישטאָ מער. די „שטובן־דינסט״ שלאָגט מערדערלעך. דבורה־לאה פילט: אָט — אָט פאַלט זי אַנידער. די פיס האַלטן זי שוין נישט. ענדלעך האָט אַ „קאַפּאָ״ געברענגט אַן אַרעסטאַנטקע: זי האָט זיך געהאַט אַריינגע־פּאַקט אין אַ בלאָק, וווּ עס דאַרף אַוועקפאָרן אַ טראַנספּאָרט אויף אַרבעט. האָט זי זיך געוואָלט מיטכאַפּן, זי זאָל אַרויס פון אוישוויץ. דער „קאַפּאָ״ האָט זי שטאַרק געשלאָגן נאָך אויפן וועג. ווען זי איז צוגעקומען צו דער ריי האָט די בלאָקאָווע זי גענומען פאַרשן. זי האָט איר דערציילט דעם אמת, אַז זי וויל אַוועק אויף אַרבעט, און זי האָט איר געוויזן, אַז זי האָט שוין אַפילו דעם אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט. מיט דעם האָט מען מקנא געווען. דאָ איז אָבער אָנגעקומען זי אַליין — די לאַגער־קאָמענדאַנטין אירמע גרייזער.

אַלע שטייען אין מיליטערישער אָרדענונג. אירמאַ גרייזער גייט אַדורך די ריי רואיק אָן אַ וואָרט, נאָר אירעאויגן ציילן צו פינף.

ווען זי איז צוגעקומען צו דבורה־לאה׳ן, האָט זי נאָר געזען דריי פרויען און איין קליין מיידעלע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט: „עס פעלט איין „פיגור״. דבורה־לאה האָט גענעבן אַ מאַך־אויף דאָס קלייד אויבן און געוויזן, אַז איין „פיגור״ — שמחהלע — ליגט אין איר בוזעם...

די „פיגור״ שמחהלע האָט זיך געוואָרעמט אָן דער מאַמעס ברוסטן.

דאָס קינד האָט איצט געגעבן אַ וויין אַרויס מיט אַ שטים פון אַ קראַנק קעצעלע. פון שרעק איז שמחהלע שטום געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די מענטשן. טאָמער האָט ער ווען געזען, האָט ער זיך יאָמערלעך צעוויינט, ווי ער וואָלט דערזען אַ ווילדע חיה.

אירמע גרייזער האָט אויפן קינד בייז אַ קוק געטאָן און איז אַוועק ווייטער.

דער פרימאָרגן אפּעל האָט זיך געענדיקט.

* * *

נאָכן אַפּעל האָט זיך צעשאַלט אַ בלאָז־אָרקעסטער. אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק זיינען געגאַנגען קאָמאַנדעס מיט שויפעלס צו דער אַרבעט, מאַכן שוץ־גראָבנס. דבורה־לאה און אַלע האָבן זיי מקנא געווען. אונטער די קלאַנגען פון אַ צווייטן בלאָז־אָרקעסטער האָבן „עס־עס" געטריבן מיט הינט נאַקעטע פרויען צו דער גאַז־קאַמער. דאָס געוויין און געשריי פון די פרויען איז פאַרטויבט געוואָרן אונטער די פריילעכע מאַרשן פון אָרקעסטער, אָבער דבורה־לאה מיט די פריש געקומענע האָבן ניט געוווסט וווהין די פרויען ווערן געטריבן.

* * *

דבורה־לאה מיט די קינדער האָבן זיך איצט אַנידערגעזעצט ביי דער וואַנט פון באַראַק, אויף דער ליימיקער ערד, און געוואַרעמט זיך אַביסל אויף דער זון.

אַרום ליגן אַ סך פרויען, וואַרעמען זיך אויך, ריידן וועגן עסן און ווען זיי וועלן באַפרייט ווערן.

עס קומט אָן „אַ פרוי־קאַפּאָ", אויסגעפּרעסן און אויסגערוט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, אויפן לינקן אָרעם — אַ געלער באַנד מיטן אויפשריפט: „קאַפּאָ". זי קוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די פרויען, זוכט אַ קרבן. זי האָט אויסגעקליבן די שוואַכסטע פרוי, וואָס קען שוין אויף די פיס נישט שטיין, און זי מאַכט מיט איר ספּאָרט־איבונגען. די פרוי קען ניט אויספירן די איבונגען. שטייט די „קאַפּאָ" און לאַכט, ווילט זיך, האָט הנאה. דערנאָך הייסט זי איר שטיין גלייך אויף די פיס און זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן. די פרוי קען דאָס נישט. די פרוי „קאַפּאָ" לאַכט נאָך שטאַרקער. זי הייסט דער פרוי צורוקן אַ פוס צו אַ פוס און אַראָפּזעצן זיך, נישט אויף דער ערד נאָר אין דער לופט, און אַזוי אַרום טאַנצן. די פרוי פּרווט מיט אַלע כוחות, זי פאַלט אַנידער. די „קאַפּאָ" לאַכט. דאָס שאַפט אַזאַ קאָמיש בילד, אַז די אַרומיקע לאַכן אויך. די „פרוי־קאַפּאָ" הייסט דער פרוי אויסציען די הענט און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן. די פרוי

פרוווט אָבער די הענט הייבן זיך נישט. הייסט זי, די „קאַפּאָ", דער פרוי קוקן צום קרעמאַטאָריום־אויוון ווי עס פליען פלאַמען, ווי פון אַ גיסעריי בשעת מען גיסט שטאָל. די פרוי קוקט; דאָס איז אַן אַנדייט אַז זי איז פון די ערשטע קאַנדידאַטינס צום קרעמאַטאָריום. די „קאַפּאָ" פרעגט זי:

— וואָס איז דאָרטן?

— אַ בעקעריי, — ענטפערט די פרוי.

— וואָס מאַכט מען איצט דאָרטן? — פרעגט די „קאַפּאָ".

— מען באַקט ברויט, דאָס וואָס מיר עסן.

די „קאַפּאָ" שאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַדויער.

דבורה לאה האָט זי געפרעגט:

— וואָס באַדייט דאָס וואָרט „קאַפּאָ"?

— „קאַפּאָ" מאַכט „קאַמעראַד־פּאָליציי", — האָט זי איר געענטפערט.

— אַ שיינע איראָניע — האָט דבורה לאה געטראַכט, — די „עס־עס" קלייבן אויס גאַסן־פרויען און פון דער אונטערוועלט, מאַכן זיי פאַר פּיי־ניקער און רופן זיי „קאַמעראַדן־פּאָליציי".

די „קאַפּאָ" זעט, אַז די אַרעסטאַנטן ווערן עפּעס גאַנצע „שמעלקעס" מיט איר, הויבט זי אויף דעם שטעקן, גיט אַ פאָכע אין דער לופט און שרייט אויס:

— שמעלץ! איר גייט אַלע אין אויוון אַריין!

און זי גייט אַוועק.

עס קומט אָן אַ „שטובן־דינסט". זי פרעגט: „ווער איז פון איר שטאָט לאָדזש. האָט מען ניט ערגעץ געזען איר משפחה?"

דבורה־לאה גיט זי אַ פרעג: „וואָס פאַר אַן אַרבעט וועט מען דאָ טאָן?"

די „שטובן־דינסט" ענטפערט גלייכגילטיק:

— דאָ אַרבעט מען נישט, דאָ גייען אַלע אין אויוון אַריין!

די פרויען קוקן זי אָן. איינע זאָגט:

— פאַרוואָס רייצן זי זיך מיט אונדז? זי מיינען, אַז זי וועלן אונדז אָנשרעקן מיט די גרויליקע פאַנטאַזיעס? מיר זיינען שוין גענוג אַדורכ־געגאַנגען.

— כאַ־כאַ־כאַ — ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, — ענטפערט די „שטוב־דינסט", — זיי האָבן אַדורכגעמאַכט. איר ליידט אויך? איר האָט דאָ היינט אַ גן־עדן. ווען איך בין אָנגעקומען האָט מען געמוזט שלאָפן אויף טשוועקעס. די ברעטער פון די פּריטשעס זיינען געווען אויסגעקלאַפּט מיט טשוועקעס און אויף דעם האָבן מיר געמוזט ליגן גאַנצע נעכט. דער גאַנצער קער־

פער איז געוואָרן אַ ריבאַייזן. בלוט האָט זיך געגאָסן און די ווונדן האָבן געאַייטערט. און מיטן עסן? די קאָכעדיקע זופּ האָט מען דיר אַרויפגע־גאָסן אויף די הענט. דאָס בעסטע איז אַוועק אויף אַרבעט מיט אַ טראַנס־פּאָרט, קאָן מען אפשר איבערלעבן די מלחמה. אַרויס פון דאַנען — איז אַוועק פון אויוון און אַוועק פון הונגער.

די פרויען זיינען אַלע געוועזן פון אַ נייעם טראַנספּאָרט, האָבן זיי נישט באַגריפן, וואָס די דאָזיקע פרוי, דער תושב פון אוישוויץ, דערציילט זיי. זיי האָבן געמיינט, אַז זי וויל זיי סתם שפּילן אויף די נערוון, ווייל זיי זיינען פריש־געקומענע.

— ווען זיי וואָלטן אונדז געוואָלט אומברענגען, וואָלטן זיי אונדז נישט געגעבן קיין געדיכטע זופּן. דאָ באַקומען מיר בעסער עסן ווי אין לאַדזשער געטאָ... מ'שטיינס געזאָגט.

— שוטה, דאָס קאָסט זיי דען עפּעס? דאָס איז דאָך פון די טראַנס־פּאָרטן, וואָס יידן ברענגען מיט. אַלע יידן פאַרגאַזט מען דאָ, פאַרברענט מען דאָ!

— דאָס גלייב איך נישט! וואָס זיינען מיר פאַרברעכער? און ווי אַזוי קענען דאָס מענטשן מאַכן מיט מענטשן? איר אַלע שפּילט אונדז אויף די נערוון!

— דאָס גאַנצע אומגליק איז טאַקע, וואָס מיר זיינען נישט קיין מערדער, נאָר הומאַניסטן — אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון די נביאים. דערי־בער קענען מיר דאָס נישט באַגרייפן. אין אַזאַ וועלט האָבן אונדזערע עלטערן אונדז באַדאַרפט דערציען פאַר מערדער. וואָלט גאָר אַנדערש געווען.

דבורה־לאה האָט זיך אָנגערופן:

— מיר יידן האָבן מיט דעם גייסט פון די נביאים איבערגעלעבט פעל־קער, וואָס זייער גאַנצער כוח איז געלעגן אין מאָרדן. די שווערד וועט צעבראָכן ווערן, אָבער דער גייסט פון די נביאים וועט זיגן! און אַצינד?! גיט אַ קוק: פאַריז איז שוין געפאַלן. די אינוואַזיע האָט זיך שוין אָנ־געהויבן, די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי דער ווייסל...

די „שטובן־דינסט" איז איר אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— אונדז יידן וויל קיינער נישט ראַטעווען: נישט רוסלאַנד, נישט אַמעריקע, נישט ענגלאַנד. ס'שפּילט אַ ראָלע ביי זיי אַ פּאָר באָמבעס, צו צעשמעטערן די גאַז־קאַמער און די קרעמאַטאָריעס, אַ סוף צו מאַכן פון אוישוויץ?! זיי ווייסן יאָ וואָס אוישוויץ איז!... נאָר די געשיכטע וועט זיך מיט זיי אַלע אָפּרעכענען!... און אונדזערע אייגענע ברידער אין דעם זאַטן אַמעריקע טוען דען יאָ עפּעס אונדז צו ראַטעווען?...

יעדע מינוט קענען מיר באַפרייט ווערן! — האָט דבורה לאה שאַרף געזאָגט.

די אַנדערע פרויען האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. מסכים געווען. די „שטובן־דינסט" האָט געהויבן מיט די פּלייצעס. זי האָט אויסגעשריגן: „אַ ריכטיקע מענאַזשעריע!" און איז אַוועקגעגאַנגען.

* * *

ביים וועג דרייען זיך פרויען פון לאַגער און לויערן אויף רויב, ווי גזלנטעס מיטן „געווער" (אַ טעפּל) פאַרשטעקט. יעדער בלאָק פון לאַגער שיקט זיינע טרעגער און שומרים צו ברענגען די קעסלען זופּ פון דער קיך. די שומרים אָדער שומרטעס שלאָגן מיט די שטעקנס אַזאַ „גזלנטע" ביז האַלב־טויט. זיינען די גזלנטעס געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: זיי פאַלן אָן אַ גאַנצע גרופּע מיטן „געווער".(טעמפּלעך) און אין מיטן דעם געשלעג, קללות און געוואַלדן — געלינגט עטלעכע פון זיי אָנצושעפּן טעפּלעך זופּ, אַנטלויפן און צעטיילן זיך.

דבורה־לאה קוקט זיך־צו צו דעם אַלעמען, עס פאַרקלעמט זי ביים האַרצן און זי קרעכצט אַרויס:

— וואָס וועט פאַרט זיין דער סוף? וואָס וועט זיין מיט מיינע עופעלעך? וואָס וועט זיין מיט אונדז אַלעמען? —

* * *

דער גאַנצער בלאָק שטייט אין דער ריי, מען וואַרט אויפן ביסל זופּ. דבורה־לאה שטייט מיט די קינדער. דאָס האַרץ פאַלט איר אַרויס, פאַר די אויגן שווינדלט איר פון הונגער. ס'איז שוין צוועלף אַ זייגער. פון פיר פאַרטאָג איז מען אין דרויסן און מען האָט נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל.

ענדלעך טיילט מען אויס די זופּ פון די קעסלען — אין אַלטע צעקנייטשטע, פאַרראָסטעטע שיסלען אַריין, אויפגעהויבענע פון די מיסט־גריבער: צוואַנציק ביז דרייסיק שיסלען פאַר טויזנט דריי הונדערט העפטלינגען. קיין לעפלען זיינען דאָ נישטאָ. דאָס איז פאַרבאָטן. די זופּ קאָכט. טויט־הונגעריק איז מען און יעדער טראָפּן איז אַ שאָד. מען קראַצט אויס מיט די פינגער, מען לעקט אויס מיט דער צונג.. ווען מען דערפילט אַ טעם פון עסן, פייניקט דער הונגער נאָך שטאַרקער; אין מיטן בעסטן — רייסט איינער ביי אַ צווייטער אַרויס די שיסל פון מויל.

— האָסט שוין גענוג געפרעסן!

קללות, געוואַלדן, געשרייען, געשלעג. און די „שטובן־דינסט" מאַכט אָרדענונג מיט די שטעקנס.

דבורה־לאה מיט די קינדער שטייען די לעצטע אין דער ריי. דבורה־לאה גלייבט, אַז זי וועט שוין היינט נישט צוקומען צו דער זופּ. אָבער איין שכנטע קריגט אויף איר רחמנות, זי רעדט צום האַרץ פון אַ „שטובן־דינסט": — זאָל מען דער מאַמען מיט די קינדער צולאָזן אויסער דער ריי נאָך דער זופּ. מיר זיינען אין אוישוויץ, אָבער מיר טאָרן דאָך נישט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען מענטשן. וויפיל קינדער האָבן מיר דאָ אינגאַנצן?

די „שטובן־דינסט" נעמט די מאַמע מיט די קינדער אַרויס פון דער ריי: — מיינט נישט, אַז איך בין שוין גאָר קיין מענטש נישט, כאָטש כ׳בין אַ „שטובן־דינסט".

זי האָט דבורה־לאהן צוגעפירט צום קעסל און געהייסן איינגיסן פאַר איר מיט די קינדער דריי זופּן.

דבורה־לאה האָט געזאָגט, אַז מען זאָל איר דערווייל געבן נאָר איין זופּ. ווען זי מיט די קינדער וועלן אויפעסן, וועט זי נעמען די אַנדערע.

דאָס האָט זי געטאָן צוליב דריי טעמים:

ערשטנס, וויל עס זיינען דאָ ווייניק שיסלען און די הונגעריקע וואַרטן אומגעדולדיק. צווייטנס, די זופּן זאָלן ניט קאַלט ווערן. דריטנס: ווער וועט קענען דערהיטן, אַז אַ הונגעריקער זאָל נישט כאַפּן אַ שיסל זופּ און אַנטלויפן?

איבערן גאַנצן לאַגער האָט דבורה־לאה געזוכט אַ שטיקל האָלץ, וואָס זאָל איר דינען פאַר אַ לעפל. קוים מיט צרות האָט זי געפונען אַ דיניטשקע שפּענדעלע האָלץ. קיין שום אַרעסטאַנט האָט דאָך גאַרנישט געטאָרט האָבן אויסער דער שמאַטע, וואָס ער האָט באַקומען נאָך דער באָד און דער גאַנצער לאַגער איז געוואָרן אויסגערוימט פון אַ פּיצל בענדל, אַ שטיקל פּאַפּיר, ביז אַ שפּענדל. דבורה־לאה האָט דאָס שפּענדעלע אָפּגעוואַשן פון ליים און דערמיט געגעסן די זופּ, און אויך די קינדער געקאָרמעט. פון די דריי זופּן האָט דבורה־לאה נישט אויפגעגעסן קיין איין גאַנצע זופּ; די קינדער האָבן אויפגעגעסן מער פון זייער חלק.

* * *

פאַרנאַכט. ווידער אַפּעל. מען שטייט אַפּ שעה׳ן. די „שטובן־דינסט" און „קאַפּאָס" מאַכן אָרדענונג מיט די שטעקנס.

גלייך נאָכן אַפּעל ציט זיך די ריי אין באַראַק אַריין. יעדע וויל וואָס גיכער אַריין.ביים אַריינקומען באַקומט מען אין דער האַנט אַ קליינע פּאָרציע ברויט מיט אַ צולאָג: אַ מאָל אַ שטיקעלע פערד־ווורשט און אַ מאָל אַ ברעקעלע קינסטלעך האָניק אָדער אַ שטיקעלע מאַרגאַרין. היינט, האָט מען געשמועסט, וועט מען באַקומען צו דריי פּערזאָן אַ ברויט. אַזוי

האָט די אַפּראָוויזאַציע באַשלאָסן אויסצוטיילן. דאָס האָבן דערציילט די, וואָס האָבן געברענגט ס'ברויט. איז געוואָרן אַ פריידּ און יעדער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַריינקומען צו דער שמחה. דבורה־לאה האָט זיך גע־מאַכט אַ פּלאַן, צו באַהאַלטן איין פּאָרציע אויף אינדערפרי, ‚כדי די קינ־דער זאָלן ניט מוזן פאַסטן ביז דער זופּ. זי האָט רבקהלען דערציילט אַז היינט וועט זי באַקומען אַ גרעסערע פּאָרציע ברויט און מאָרגן אינ־דערפרי וועט זי אויך באַקומען אַ שטיקל ברויט.

דבורה־לאה האָט אין דעם געזען אַ צייכן אַז די מלחמה ענדיקט זיך, אַ סימן — די דייטשן הנפּענען זיך שוין. עפּעס אַ קלייניקייט — מער ברויט!

ווען דבורה־לאה איז אָבער אַריינגעקומען אין קאָרידאָר פון באַראַק האָט מען איר גאָר דערלאַנגט צו פערטלדיקע פּאָרציעס. זי האָט זיך אָני־דערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט די קינדער אָוועקגעזעצט לעבן זיך און אַלע דריי האָבן אויפגעגעסן די פּאָרציעס און דערנאָך דערפילט נאָך אַ גרעסערן הונגער.

דער סוד פון דעם אַלעמען איז געווען, וואָס פון דעם צוגעטיילטן ברויט און דעם צולאָג, האָבן די „שטובן־דינסט", „קאַפּאָ'ס" און „בלאָקאָ־ווע" געגנבעט פאַר זיך. פאַר דעם האָבן זיי זיך געקויפט פּאַפּיראָסן, בראַנפן, שוועבעלעך, פליש, מילך, וורשט און קליידער.

רבקהלע האָט זיך שטענדיק געהייסן דערציילן מעשהלעך. אַצינד האָט דבורה־לאה איר דערציילט אַ מעשהלע און שמחהלע האָט געדרימלט אויף אירע הענט. רבקהלע איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון די שילדערונגען: די מאַמע האָט איר דערציילט פון גרויסע, פולע שיסלען זופּ, מיט גאַנצע ברויטן, פולע שיסלען מיט קאַרטאָפל, וואַרעמע קליידער, אַ וואַרעמע שטוב, אַ בעט צו שלאָפן. יעדע מאָלצייט — האָט זי דערציילט — וועט זיין אַ שמחה. דער טאַטעשי וועט זיצן אויבנאָן ביים טיש, דערנעבן — רבקהלע און שמחהלע...

אין דעם ווי זי דערציילט אַזוי ווערט פּלוצלינג אין בלאָק אַ גערודער. די פאַרטרעטערין (וויצע־בלאָקאָווע) גייט אַרום און שרייט: — פּילעצקא זשעניאַ! פּילעצקאַ זשעניאַ! — עס באַווייזט זיך אַ דערשראָקן מיידל.

— קום אַהער צו מיר! — דונערט יענע באַפעלעריש. פּילעצקא איז צוגעגאַנגען און גלייך איז לעבן איר אויסגעוואַקסן איר שוועסטער.

די פאַרטרעטערין פרעגט:

— דו האָסט געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט אויסגעטיילט פאַר דריי מאַן אַ ברויט, נאָר פאַר פיר?! ענטפער פאַסקודסטווע!

פון שרעק האָט פּילעצקאַ אינגאַנצן געציטערט. די צונג איז איר אָפּגענומען געוואָרן. מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון די ציין.

— נו, וואָס שוויגסטו, דו שייסע?! ווי אַזוי וואַגסטו אויסצוטראַכטן אַ ליגן, אַז מיר האָבן צעטיילט פיר מאָן אַ ברויט?!

ווען די פאַרטרעטערין האָט איר געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיטן שטעקן איבער דער פּלייצע האָט דאָס מיידל ערשט געקאָנט אַרויסשטאַמלען:

— איך האָב נישט געזאָגט!

— דו האָסט יאָ געזאָגט, שייסע! דו באַקומסט פינף און צוואַנציק איבערן אַרש (געזעס)!

די שוועסטער פון דעם מיידל איז צוגעפאַלן צו דער פאַרטרעטערין מיט אַ געוויין, געקושט איר די הענט און געבעטן: „שלאָגט זי נישט. זי האָט דאָס נישט געזאָגט. זי איז אַ קראַנקע. זי וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. מיך, מיך שלאָגט בעסער! איך בין נאָך געזונט. מיר גיט די שמיץ!"

אירע געשרייען האָבן פאַרהילכט דעם בלאָק.

— ניין! — האָט די פאַרטרעטערין געשריגן, — גיי אַוועק!

ווי זיי האָבן זיך אַזוי געאַמפּערט, האָט די „שטובן־דינסט" דערווייל צוגעבראַכט אַ בענקל. די „פאַרטרעטערין" האָט דאָס מיידל אַנידערגע־לייגט, אויפגעהויבן ס'קלייד און איר אָנגעזאָגט, זי זאָל נישט שרייען, אַז נישט וועט זי באַקומען טאָפּלט. די „שטובן־דינסטן" האָבן זי געהאַלטן ביים קאָפּ און פיס. ס'מיידל האָט געשוויגן, נאָר איר שוועסטער האָט געוויינט. ביי יעדן קלאַפּ, וואָס די „פאַרטרעטערין" האָט געגעבן מיטן געפלאָכטענעם קאַנטשיק, האָט זי געגעבן אַזאַ קרעכץ, גלייך ווי ס'וואָלט געפאַלן אויף איר לייב. דבורה־לאה און רבקהלע האָבן נישט געקאָנט קוקן אין יענער זייט. רבקהלע האָט געוויינט און דבורה־לאה האָט גע־שלונגען די טרערן. דאָס דערציילן די שיינע מעשה, ווי אַזוי מען וועט זיצן אין אַ וואַרעמע שטוב און מ'וועט עסן צו דער זעט איז איבערגעריסן געוואָרן אין רעכטן מיטן.

שמחהלע איז אויפגעקומען מיט אַ געוויין און דבורה־לאה איז מיטביידע קינדער אַרויס אינדרויסן. דאָ האָט זי געזען ווי אַלע קינדער פון אונטער פערצן יאָר — זיי זיינען געווען אין אַ ספּעציעלן באַראַק — האָבן דעמאָנ־סטרירט מיט די פּערטעלעך ברויט און די ברעקעלעך קינסטלעך־האָניק. האַלטנדיק עס אין די הענטלעך זיינען זיי געגאַנגען איבערן גאַנצן לאַגער ביז צו דער אַפּראָוויזאַציע. זיי האָבן געוואָלט ווייזן דעם מאַגאַזינער, אַז „עס־עס"־אָפיציר, ווי די אַדמיניסטראַציע פון בלאָק באַגנבעט זיי. די

אַפּראָוויזאַציע איז געווען געשלאָסן. זיינען זיי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און געוואַרט אויפן „עס־עס״־אָפיציר.

דבורה־לאה און די דערוואַקסענע האָבן באַוווּנדערט די אויסגעהאַלטנקייט און אייניקייט פון די קינדער. קיין איין „שטובן־דינסט״, קיין איין „קאַפּאָ״ האָט נישט געוואַגט די קינדער צו שטערן. זיי האָבן געקוקט און געשטוינט איבער דער פּלוצלינגדיקער דעמאָנסטראַציע פון די קינדער.. דבורה־לאה האָט באַמערקט, אַז עס האָט זיי עפּעס געשראָקן פון אָט דער הונגער־דעמאָנסטראַציע פון דעם קליינוואַרג.

* * *

דבורה־לאה האָט געהערט, אַז בלויז אין איין באַראַק האָט מען ערלעך אויסגעטיילט: מען האָט דאָרט געגעבן צו דריי אַרעסטאַנטן איין גאַנצן ברויט און אויפן ברויט איז געלעגן אַ שטיקעלע קינסטלעך האָניק. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַליין צעטיילט דערמיט. דער גאַנצער לאַגער האָט זיי עפּעס מקנא געווען. אין דעם בלאָק האָט מען אויך בעסערע זופּן. דערפאַר האָבן זיך די אַרעסטאַנטן געשטויסן צו זיין אין דעם בלאָק; גערופן האָבן די דייטשן דעם בלאָק: „באַו־קאָמאַנדע״. עס האָט געהייסן, אַז זיי וועט מען נעמען אויף בוי־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. האָבן די אַרעסטאַנטן אויסגערעכנט, אַז פון דעם בלאָק וועט מען די ערשטע זיך אַרויסראַטעווען פון אוישוויץ.

דבורה־לאה האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי זי זאָל זיך אויך אַריינקריגן אין דעם בלאָק. אַלע האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. זיי זיינען געגאַנגען פון פון די ערשטע אין דער גאַז־קאַמער אַריין.

* * *

די לאַגער עלטסטע, פריילין אירמאַ גרייזער, די קרוין פון דער היטלער־יוגנט, האָט פאַר רבקהלען אָנגעהויבן ברענגען שענערע קליידער. זי האָט זיך מיט רבקהלען אַפילו געשפּילט. אמת, נאָך יעדן טרעפן זיך מיט אירמאַ גרייזער, זיינען רבקהלען פאַרבליבן בלויע שיניאַקעס אויפן לייב פון איר קנייפּן. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג. שפּעטער האָט זי זיך מיט איר נאָר גערייצט — זיך מיט איר געשפּילט ווי אַ קאָץ מיט אַ מייזל. האָט דאָס געברענגט דערצו, אַז ווען רבקהלע האָט זי דערזען איז זי אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן.

איז די הויך וווקסיקע אירמאַ, די טאָכטער פון דער „העכערער ראַסע״, געקומען מיט איר וואָלף־הונט — און דער הונט האָט שוין רבקהלען אויפגעזוכט.

יעדן טאָג באַהאַלט זיך רבקהלע אונטער אַ צווייטע פריטשע און יעדן טאָג שלעפּט זי דער הונט אַרויס ביי אַ פּיסל... רבקהלע האָט שוין ניט איינמאָל באַקומען מיט דעם שטעקן פון דער בלאָקאָווע. פריילין פּאַלאַק, פאַרן באַהאַלטן זיך, אָבער עס העלפט נישט. פריילין אירמאַ גרייזער מוז יעדן טאָג, נאָכן מיטאָג, זיך זען מיט רבקהלען — און רבקהלע באַהאַלט זיך.

ענדלעך, אַז רבקהלע ווערט געכאַפּט, שפּאַצירט מיט איר פריילין אירמאַ גרייזער, האַלטנדיק זי ביים הענטל, זי פרעגט איר אויס פון איר לעבן און רבקהלע דערציילט פון געטאָ, פון הונגער, פון דער שרעקלעכער רייזע מיט דער באַן דאָ אַהער. איינמאָל פאַרטראַכט זיך רבקהלע און פרעגט: „ווו איז מיין טאַטעשי? מיר זיינען דאָך געקומען אין איינעם". אירמאַ גיט רבקהלען אַ דריי אויס מיטן פּנים צו דער זייט ווו פלאַמען פייער זעצן אַרויס פון פיר רויטע קוימענס, אַזוי ווי אין אַ גיסעריי בעת מען ג'יסט שטאָל. זי פרעגט: „זעסט דאָרט דאָס פייער?... וואָס איז דאָרט?"...

רבקהלע האָט זיך פאַרגאַפּט אַ ביסל און געענטפערט: „דאָס איז אַ בעקעריי. מען באַקט דאָרט איצט ברויט". — דאָ האָט זיך פריילין אירמאַ הילכיק צעלאַכט: — דאָרט ברענט דיין פאָטער, נאַריש קינד, דאָרט וועט אייך ברענען דיין מוטער מיט דיין ברודערל, דו אַליין וועסט אויך דאָרטן ברענען. עס וועלן דאַן אויך גיין אַזוינע פלאַמען.

אין דער צייט וואָס אירמאַ האָט גערעדט, האָט זיך רבקהלע געשפּילט מיט דעם לעדערנעם רימען, וואָס אירמאַ האָט געטראָגן. אויף דעם ברייטן מעטאַלענעם שנאַל האָט זי איבערגעלייענט: „גאָט מיט אונדז".

פלוצלינג איז רבקהלע אַרויס אין אַ געוויין: „אַז זי גלויבן אין גאָט, פאַרוואָס רעדן זי אַזוי?!"

זי איז אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן און פריילין אירמאַ'ס געלעכטער האָט זי נאָכגעיאָגט.

* * *

קעגנאיבער איז געווען דער טשעכישער לאַגער, ווו ס'האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק טויזנט יידיש-טשעכישע פאַמיליעס. זיי זיינען נישט אַדורכגעגאַנגען די באָד. מען האָט נישט צעשיידט די פאַמיליעס. מען האָט זיי פון די וואַגאָנען מיט דעם גאַנצן באַגאַזש גלייך אַריינגעפירט אין לאַגער אַריין. אַלע האָבן זיי מקנא געווען און מען האָט אין דעם געזען אַ גוטן סימן.

עטלעכע פון זיי פלעגן טיילמאָל אַריבערוואַרפן אַ שטיקל ברויט פאַר דבורה-לאה'ן מיט די קינדער.

היינט, ערב ראש השנה, האָבן זיי אַלע געמוזט אָפּגעבן זייערע קליי־דער און שיך. מען האָט זיי געזאָגט: צום דיזינפעקצירן. אָבער בייננאַכט זיינען צוגעפאָרן לאַסט־אויטאָס און מען האָט די פאַמיליעס אַנגעלאָדן און אַוועקגעפירט צו די אויוונס.

די נאַכט איז פאַרהילכט געוואָרן פון די געשרייען און געוויינען. דאָס איז געווען אין דער ערשטער נאַכט ראש השנה.

די אַרומיקע לאַגערן זיינען אַלע אויפגעוועקט געוואָרן פון די מאומדיקע געשרייען און געוויינען.

צומאָרגנס האָט קיינער דאָס ביסל זופּ מיט דעם שטיקל ברויט נישט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. אַלע האָבן געקריגן קראַמפּן אין בויך, אַזש די געדערים האָבן זיך איבערגעדרייט.

דאָס זעלבע איז געווען מיט דבורה־לאה׳ן. אויך רבקה׳לע האָט זיך געקאָרטשעט פון די קראַמפּן און האָט זיך אויך דערמאָנט אין פריילין אירמאַס געלעכטער, אין אירע רייד וועגן פאַרברענען און פון די ווערטער אויף דעם שנאָל פון איר רימען: „גאָט מיט אונדז״.

* * *

עס איז געווען אַ שיינער טאָג. דער הימל איז געווען לויטער בלוי. דאָס גראָז האָט זיך געגעלבט. פון די איינציקע יונגע טאָפּאָל־ביימער זיי־נען געפאַלן פאַרוועלקטע בלעטער, און אַ לייכט ווינטעלע האָט מיט זיי געשפּילט. אין חלל זיינען געשוווּמען ווייסע פעדים. אינזעקטן האָבן געזשוזשעט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיטן גערוך פון ברענענדיקע מענטשן־קערפּער. יעדע ווײַלע האָט אַדורכגעווייעט אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט מיטגעבראַכט פרישע לופט. עס איז געווען אַ טאָג פון פּוילישן גאָלדענעם האַרבסט. די „קאַצעטן״ (קאָנצענטראַציע־לאַגער אַרעסטאַנטן) האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון. טייל זיינען געזעסן ביי די ווענט פון די באַראַקן, טייל האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן ליימיקן באָדן, אַ טייל זיינען געשטאַנען אין קופּעס און גערעדט פּאָליטיק, קאָמענטירט די ידיעות פון אונטערערדישן ראַדיאָ, וואָס האָבן זיך צו זיי דערטראָגן.. רבקה׳לע איז געזעסן אויף דער ערד און האָט געקוקט אויף דעם ווייט־ווייטן, הויכן באַרג, וואָס איז באַזוימט מיט שוואַרצע וואָלקנס. געזאָגט האָט מען רבקה׳לען, אַז דאָס זיינען די קאַרפּאַטן־בערג און אַז די וואָלקן זיינען וועלדער.

רבקה׳לע האָט געטראַכט, ווי גליקלעך זי וואָלט געווען, ווען זי וואָלט דאָרט אַצינד געווען. זי וואָלט געווען פריי ווי אַ פויגל. זי האָט זיך גע־שפּילט מיטן זאַמד, אַרויפגעשיט אויף איין באָרוויסן פיסל, גוט צוגעפּרעסט

מיט די הענטעלעך, אַרויסגעצויגן דאָס פּיסל און עס האָט זיך געשאַפן אַן אויוון. זי האָט זיך אונטערגעברומט דאָס געטאָ לידל:

„די יידישע פּאָליציי
האָט געהייסן גיין אין דער ריי,
איר וועט נישט וויסן פון קיין נויט —
יעדער באַקומט אַ גאַנץ ברויט.

איר קינדערשער געדאַנק האָט זיך ווייט פאַרטראָגן: עס איז נאָך דער מלחמה. זי איז צוזאַמען מיט דער מאַמעשי און טאַטעשי, זיי וווינען אין דער זעלבער וווינונג וואָס פריער, זי שלאָפט אין אַ בעטל. זי גייט אין שולע, לערנט זיך גוט, און די לערערין האָט זי ליב. זי קומט אַ היים, קושט זיך מיט טאַטעשי און מאַמעשי, מיטן ברודערל שמחהלע. אויפן טיש ליגט אַ גאַנץ ברויט, זי אַליין שניידט פון ברויט וויפיל זי וויל. זי עסט אַזוי פיל! כמעט ס׳גאַנצע ברויט עסט זי אויף. דערנאָך באַקומט זי אַ פולע שיסל קאַרטאָפל. זי איז מכבד איר קוזינקע שרהלע מיט אַ שטיק ברויט און קאַרטאָפל. זיי עסן צו דער זאַט. דערנאָך מאַכן זיי צוזאַמען די אויפגאַבעס. זיי גייען אין איין קלאַס. זי הייבט אויף די אויגן פון זאַמד און דערזעט פון דער ווייטן פריילין אירמאַ. זי גיט אַ שפּרונג־אויף און נעמט לויפן אין איין אָטעם, אָבער דער וואָלף־הונט האָט זי דעריאָגט.

דער הונט האָט רבקה׳לען אָנגעכאַפּט ביי אַ פּיסל און זי איז אַנידער־געפאַלן. דער הונט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט ביז אירמאַ גרייזער איז צוגעקומען.

* * *

ווען פריילין אירמאַ איז געגאַנגען איבערן לאַגער האָט זיך קיין העפטלינג נישט געטאָרט געפינען אויפן וועג.. אַלע האָבן געמוזט אַריין אין די רינשטאָקן אָדער צולויפן הינטער די ווענט פון די באַראַקן. זיי האָבן געמוזט וויסן, אַז דאָ גייט איינער פון דעם „הערן־פאָלק״.

אויך דאָסמאָל זיינען אַלע זיך צעלאָפן, ווי די טויבן, ווען זיי דערזעען דעם שפּאַרבער. נאָר איין פרוי איז געבליבן גיין אויפן וועג. האָט זי פריי־לײַן אירמאַ אָפּגעשטעלט:

„דו שווײַן־הונט! ווייסט נישט, אַז ווען איך גיי מוזטו אַריין אין רינשטאָק?!״ די פרוי האָט זיך פאַרענטפערט: „איך בין ערשט נעכטן געקומען מיטן טראַנספּאָרט, האָב איך נישט געוווּסט״. די פרוי האָט גע־טראָגן ברילן. אירמאַ גרייזער האָט איר געהייסן די ברילן אויסטאָן, זי האָט פון איר די ברילן צוגענומען מיט אַ שמייכעלע און די פרוי איז

דערשטוינט געוואָרן פון דער העפלעכקייט. אָבער באַלד האָבן זיך אָנגע־הויבן איינצושניידן אין איר פּנים שמיץ פון דעם לעדערנעם ראַפּניק, וועלכן אירמאַ לאָזט קיינמאָל פון די הענט ניט אַרויס.

די פרוי האָט זיך מיט די הענט געוואָלט באַשיצן די אויגן, האָט דער ראַפּניק געשניטן אין די הענט, אין קאָפּ. זי האָט מאָוימדיק געשריגן און איז אַנידערגעפאַלן. אירמאַ גרייזער האָט זי אַצינד געשלאָגן איבערן גאַנצן קערפּער, דערנאָך האָט זי באַפוילן:

— אויפשטיין!

די פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט מיט די לעצטע כוחות.

פריילין אירמאַ האָט איר געזאָגט:

— איצט ווייסטו שוין ווייסן, דו שווינהונט! איך וועל אייך ערציען! היער איזט איין ערציהונגס־היים!

און מיט אַ שמייכעלע האָט זי איר צוריקגעגעבן די ברילן. (ס׳איז געווען דערביי אַן אויסרעכענונג: אַ פּאָר ברילן קענען צוניץ קומען פאַר אַ דייטש, טאָר מען זיי נישט צעברעכן).

דערנאָך, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, איז אירמאַ צוגעגאַנגען צו רבקה׳לען, וואו איר הונט איז געזעסן און זי געהיט. זי האָט רבקהלען געפרעגט:

— פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר? איך גיב דיר צו עסן און דו אַנטלויפסט!

דאָס ערשטע האָט זי איצט רבקה׳לען געלערנט, אַז ווי זי, פריילין אירמאַ, וועט נאָר צו איר צוקומען, זאָל זי זיך בייגן ביז צו דער ערד און זאָגן: „גוטען מאָרגן!״ בשעת מעשה האָט פריילין אירמאַ געפּאַטשט מיט דעם געפלאָכטענעם לעדערנעם ראַפּניק, ווי זי וואָלט זאָגן: „זעסט? דיין לעבן איז אין מיין האַנט״.

רבקה׳לען האָבן באַגאָסן טויט־אַנגסטן. זי איז אַזוי לאַנג געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד, ביז אירמאַ האָט איר מיליטעריש באַפוילן: „אויפשטיין!״ רבקהלע האָט זיך גיך אויפגעשטעלט און איז געבליבן שטיין אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער פאַר זיין גענעראַל.

פריילין אירמאַ האָט הנאה געהאַט דערפון און זי האָט געזאָגט:

— אַ, זאָ, דו לאָזט דיך ערציען!

דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט מיט פערד־ווורשט. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט. רבקהלע האָט אויסגעצויגן איר הענטל און אירמאַ גרייזער האָט צוריקגעכאַפּט. ווען רבקה׳לע איז שוין געווען גוט אויפגערייצט האָט אירמאַ גרייזער די פּאַרציע אַ וואָרף געגעבן דעם

הונט. דער הונט האָט אַ שפּרונג־אונטער געגעבן און די פּאַרציע איז אים געפאַלן אין פּיסק אַריין. עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פון ציין אָן ציין.

רבקה׳לען ציט ביים הערצל, זי פּלאַצט אַרויס אין אַ יאָמערלעך געוויין. אירמאַ גרייזער צעהילכט זיך אין אַן אויסגעלאַסן געלעכטער. זי האַלט זיך ביי די זייטן. זי נעמט אַרויס אַ שטיקל ברויט און דערלאַנגט רבקהלען:

— כאַ־כאַ־כאַ! דו אייזל קאָפּ! פאַרפלוכטער גייסט! דו האָסט פורכט עס וועט פאַר דיר ניט לאַנגען?

רבקה׳לע שלינגט ווי אַ הונגעריקער וואָלף. צוויי טרערן רינען איבער איר קליין איינגעפאַלן פּנים.

פריילין אירמאַ שרייט:

— דו פרעסט ווי איין ווילדער טיער! וואָס פאַר איין ווילדע טיערן זינד די יודען! מיין הונט עסט פיל מענטשלעכער!

זי וואַרפט אים צו נאָך איין פּאַרציע:

„שאו מאַל צו!... לערן דיך פרעסן!... — לאַכט זי.

ווען רבקה׳לע האָט אויפגעגעסן דאָס שטיקל ברויט האָט זי פריילין אירמאַ אָנגענומען ביים הענטל און זיי זיינען געגאַנגען איבערן וועג.

די העפטלינגען זיינען זיך צעלאָפן.

פאַר יעדן קלענסטן „זינד״ שטעלט אירמאַ גרייזער באַרוועס אויף הייסע קוילן און דער הונט היט, צי די קרבנות ברעכן ניט די דיסציפּלין: צי זיי באַוועגן זיך נישט, אָדער שרייען. אויב יאָ — לערנט ער זיי דיסציפּלין מיט זיינע וואָלפישע ציין, און פריילין אירמאַ שרייט צו זיי:

— היער איסט איין ערציהונגס־היים! איך מוז די פאַרפלוכטע יודען־גייסטער ערציען!

אין מיטן וועג, וווּ עס שפּאַצירן אירמאַ גרייזער און רבקה׳לע איז דאָ אַ בריק און אַ קאַנאַל, וווּ עס פליסט אָפּ די אומריינקייט. דער קאַנאַל איז עקסטראַ אַזוי געבויט, אַז די העפטלינגען מוזן שטענדיק אונטן ליגן און רייניקן מיט די הענט.

נישט יעדער איינער האָט דאָס מזל צו „רייניקן״ צו דעם מוז מען אויך האָבן פּראָטעקציע. דאָס הייסט שוין אַן אַרבעטנדיקער און פאַר דעם באַקומט מען נאָך אַ פּאַרציע זופּ.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער בריק, האָט פריילין אירמאַ געוויזן רבקה׳לען, דעם קאַנאַל פון עטלעכע הונדערט מעטער די טיף — און זי, די האָמאָסעקסואַליסטישע סאַדיסטקע, האָט איר געפרעגט:

זאָל איך דיך דאָ אַריינוואַרפן?

זי האָט רבקהלען אָנגעכאַפּט ביים קליידל, ביי דער ברוסט, און האָט

איר געגעבן אַ הויב־אויף איבערן פּאַרענטש. רבקהלע האָט זיך איינגעקלאַ־מערט מיט די הענטלעך און פּיסלעך און פריילין אירמאַס האַנט און האָט געצאַפּלט.

— איך וואַרף דיך דאָ אַרונטער! וועסטו שווימען צוזאַמען מיט דער אַשע פון דיין פאָטער! — האָט פריילין אירמאַ געלאַכט.

רבקה׳לע האָט געוויינט און געבעטן זיך: „וואַרף מיך נישט אַרונטער!״

— וויין נישט, איך פאַרטראָג נישט אַז מען וויינט, — האָט פריילין אירמאַ זיך געקרימט.

די העפטלינגען פון וייטן האָבן מורא געהאַט אַהינצוקוקן. יעדער האָט געוואָלט איינגעשרומפּן ווערן אין זיך.

— אַט ליגסט דו שוין אונטן! — זאָגט פריילין אירמאַ.

רבקה׳לע שרייט וויינענדיק: „מאַמעשי! מאַמעשי!״

אָבער די מאַמע דבורה־לאה הערט ניט: זי איז ערגעץ אין אַ באַראַק און פריילין אירמאַ גרייזער לאַכט סאַדיסטיש. רבקה׳לע פילט ווי דאָס הערצל שטייט איר אָפּ. עס פאַרפעלט איר אָטעם.

פּלוצלינג הייבט פריילין אירמאַ רבקה׳לען אויף אַזוי הויך וויפיל אירע הענט קאָנען זיך אויסציען, און זי גיט איר אַ לאָז אַראָפּ אויף דער בריק:

— דו אייזל־קאָפּ, דו קאָנסט קיין שפּאַס פאַרשטיין! לאָס פאַרפלוכ־טער טייוול! כאַ־כאַ־כאַ...

מיט אַ געוויין איז רבקה׳לע געלאָפן צו איר מוטער אין באַראַק אַריין און פריילין אירמאַ׳ס געלעכטער האָט זי נאָכגעיאָגט.

* * *

דבורה־לאה, כאָטש אַן אינזשיניערס אַ ווייב, האָט געהאַלטן פון דער רעליגיעזער יידישער טראַדיציע אויף וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן, זי האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג רעליגיעזער היים.

אירע עלטערן האָט נישט געפּאַסט ,אַז זייער טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַן אינזשיניער און דערצו אויס ליבע. שפּעטער האָבן זיי שלום געמאַכט, ווייל זיי האָבן געזען, אַז זייער טאָכטער פירט אַ יידיש הויז.

איר מאַן, אינזשיניער הירש, האָט איר אַלצדינג נאָכגעגעבן. דבורה־לאה האָט אַפילו איר נאָמען נישט געלאָזט ענדערן. אינזשיניער הירש האָט זי געוואָלט רופן דאָלאַ, אָבער זי האָט געטענה׳הט: „ניין, איך וויל בלייבן ביי מיין אמתן נאָמען אַזוי ווי מען רופט מיך אינדערהיים: דבורה־לאה״.

איין זאַך האָט זי באַזונדערס אָפּגעהיט: ליכט צינדן. דאָס האָט זי קיינמאָל נישט פאַרפעלט. ס׳איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן אין

לאַגער. ווי שווער עס איז געווען צו באַקומען ליכט, האָט זי אָבער פון שרעקלעכן הונגער אָפּגעשפּאָרט עפּעס און געקויפט ליכט. אַלע האָבן זיך געוואונדערט: פון וואַנען האָט זי יעדע וואָך ליכט? אָבער דאָס איז געווען איר אייגענער סוד. די מעשה איז געווען אַזוי: דאָ אין אוישוויץ איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען ליכט, האָט דבורה לאה איר לעבן איינגעשטעלט: זי האָט זיך צוגעגנבעט צו דער קיך; הינטער דער וואַנט, צווישן שאָבעכץ, האָט זי געפונען עטלעכע קאַרטאָפל. די לאַגער־שעף, פריילין אירמאַ גרייזער, האָט זי איינמאָל געפּאַקט ביי דעם פּאַרברעך, האָט זי דבורה־לאה׳ן געשטעלט באָרוועס אויף הייסע קוילן, וואָס מען האָט געהאַט אַרויסגעוואָרפן פון דער קיך. איר וואָלף־הונט האָט דבורה־לאה׳ן געהיט זי זאָל נישט ברעכן די דיסציפּלין: נישט רירן זיך פון אָרט און נישט שרייען. אויב יאָ — וועט ער זי לערנען דיסציפּלין מיט זיינע וואָל־פישע ציין.

דבורה־לאה האָט אַלץ פאַר ליב גענומען און געדאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס די מרשעת האָט זי נישט „רעווידירט“. זי האָט פאַרשטעקט פיר קאַר־טאָפל צווישן די ברוסטן. איצט האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין האַרצן: „נאָר פאַר דיר, ליבער גאָט, טו איך עס דאָך, כדי צו האַלטן דיין געבאָט, אין זכות פון מיינע עלטערן, אין זכות פון מיין מאַן (ער איז שוין געווען פאַרגאַזט, נאָר זי האָט דאָס נישט געוווסט) און אין זכות פון מיינע קינדערלעך, וואָס קענען נאָך נישט זינדיקן, זאָל איך אַרויס פון אירע הענט בשלום!“

נאָך דעם פאַרשאַפן זיך די פיר קאַרטאָפל האָט דבורה־לאה, נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן, געפונען אַ שפּענדעלע האָלץ; מיט דעם האָט זי אויסגע־קראַצט אין יעדער קאַרטאָפל אַ לעכעלע. פון איר קלייד האָט זי אַרויס־געצויגן דרימען, געוויקלט צו עטלעכע מאָל. פון דעם פּיצל מאַרגאַרין, וואָס זי האָט באַקומען צום ברויט, האָט זי יעדעס מאָל אַראָפּגענומען אַ העלפט. זי האָט אַריינגעלייגט די דרימען אין די לעכעלעך און עס אָנגעפילט מיט מאַרגאַרין, אַזוי, אַז עס האָבן זיך געשאַפן ליכטלעך צו צינדן.

די קאַרטאָפל האָט זי אַרומגעשניצט. מיט דער צייט זיינען זיי געוואָרן אויסגעטריקנט, אַריינגעצויגן דאָס פעטס, און עס האָט זיך געשאַפן לייכטער־לעך. מען האָט נישט דערקענט, אַז דאָס זיינען קאַרטאָפל.

דבורה־לאה האָט זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז די לייכטערלעך וועלן ביי איר זיין די הייליקסטע אָנדענקונג. נאָך דער מלחמה וועט זי מיט די לייכטערלעך באַצירן אירע שבתים און יום־טובים.

איינמאָל האָט דבורה־לאה, צוזאַמען מיט נאָך פיר פרויען פון באַ־

ראַק, געקויפט די „מגילות״ אין י. ל. פרצ׳ס איבערזעצונג. איטלעכע פון זיי האָט געגעבן צו אַ פערטל פּאַרציע ברויט. פרצ׳עס איבערזעצונג פון די „מגילות״ איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן פון דער ראַמפּע. אין דעם ספר׳ל האָט דבורה־לאה רבקה׳לען געלערנט לייענען.

אַ גרופּע פרויען פלעגן זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און דבורה־לאה האָט פאָרגעלייענט קאַפּיטלעך פון „שיר השירים״, פון „איכה״, פון דער „שחיטה־שטאָט״*). ביים לייענען „שיר השירים״ האָבן זיי זיך פאַרטראָגן אין אַ ווייטער וועלט פון ליבע, פון פרייער נאַטור און האָבן זיך צייטנווייז פאַרגעסן ווו זיי געפינען זיך.

אין „איכה״ האָבן זיי געזען ווי דער נביא וואָלט נאָר וואָס אויסגע־וויינט דעם חורבן זייערן. דער איצטיקער חורבן איז משמעות קיין נייעס. יידן זיינען פונדעסטוועגן געבליבן אַ פאָלק. אַזוי וועט אויך איצט זיין. דאָס זעלבע האָבן זיי געזען אין דער „שחיטה שטאָט״... ביי די שורות: „אַ פויסט ווו איז? ווו נעמט מען אַ דונער, וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות?!״ האָבן זיך געביילט זייערע פויסטן, און די הערצער האָבן געברענט נאָך נקמה.

יעדעס מאָל ווען דבורה־לאה האָט אָוועקגעלייגט דאָס ספרל, האָט זי עס אַ קוש געטאָן, ווי אין די קינדער־יאָרן דעם סידור נאָך דעם דאַוונען. דאָס זעלבע איז געווען בעתן ליכט־צינדן: ווען דבורה־לאה האָט גע־ענדיקט ליכט־צינדן איז איר געוואָרן לייכטער, זי האָט זיך אַ ביסל אַראָפּגעוויינט פון האַרצן. אַמאָל פלעגט זי נאָך ליכט־בענטשן זאָגן: „קינ־דער, מיר וועלן געהאָלפן ווערן. מיר דאַכט זיך, אַז מיר זיינען שוין גע־האָלפן!״

* * *

די בלאָק־עלטסטע, די צוויי און צוואַנציק יאָריקע פריילין פּאָלאַק, איז דאָ געווען מיט איר מוטער, וואָס איז געווען „לאַגער־קאַפּאָ״ (עלטסטע פון די קאַפּאָ׳ס). פריילין פּאָלאַק האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף אין סלאָוואַקיע. ווען זי איז געקומען אין שטאָט אַריין איז זי אַלט געווען זעכצן יאָר. אַן אַלפאַנס האָט זי פאַרפירט און זי איז געוואָרן אַ גאַסן־פרוי. די מוטער איז אויך געווען אַ „מומע״ פון אַ „גן־עדן־הייזל״.ביידע זיינען געווען אַנאַלפאַבעטקעס. דאָ אין אוישוויץ האָבן זיי באַקומען די מאַכט. געווען די פּראָמינענץ פון לאַגער. פריילין פּאָלאַק פלעגט אָפּט פון שלאָף זיך אויפ־כאַפּן מיט אַ געוואַלד: שיס מיך נישט!

די מעשה איז געווען אַזוי: ווען פריילין פּאָלאַק איז געווען עטלעכע

*) י. ל. פרץ האָט איבערגעזעצט ח. נ. ביאַליקס „די שחיטה־שטאָט״

וואָכן אין אוישוויץ, האָט מען זי, מיט נאָך פיר פרויען, אויסגעקליבן צום דערשיסן. פולשטענדיק נאַקעט, האָבן די „עס־עס" מיט הינט זיי געטריבן צום „וועגטל". איינצלווייז האָט מען די פרויען אַרונטערגעבונדן די הענט, פאַרבונדן די אויגן און דערשאָסן. די דערווייל לעבעדיקע האָבן דאָס געמוזט צוזען. פריילין פאָלאַק איז געווען די לעצטע. אָנשטאָט צו שיסן אין איר — האָבן די „עס־עס" געשאָסן אין וועגטל. אַזוי צענדליקער מאָל. דער קאָמאַנדיר האָט איר אויפגעבונדן די אויגן און די הענט. זי האָט אויסגעזען גאָרנישט פון דער וועלט. ער האָט זי געפרעגט צי זי וויל לעבן. נישט זי האָט געהערט וואָס ער פרעגט, נישט זי האָט געקענט ריידן. עס האָט געדויערט אַ שפּאָרע ווילע ביז זי האָט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר.

— ווילסטו לעבן?

— יאָוואָל, — האָט זי אויסגעשריגן היסטעריש, און געפאַלן צו זיינע פיס מיט געוויין: שיס מיך נישט!

— נו, גוט, פון היינט אָן וועט דיר גוט זיין. וועסט האָבן גענוג צו פרעסן — דו ווערסט „בלאָקן־עלטסטע". ווען דו וועסט נישט האַלטן אָרדע־נונג, ווען דו וועסט ברעכן די דיסציפּלין, דאַן הענג איך זעלבסט דיך אויף. פאַרשטאַנען?

— יאָוואָל!

פון דעמאָלט אָן האָט פריילין פאָלאַק געוווסט איין זאַך: וואָס ער־גער זי וועט זיין צו די העפטלינגען, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר איר. אַלע האָבן פאַר איר געציטערט זיך געבויגן אין דרייען. זי האָט זיך דאָ אָפּ־געררעכנט. נקמה געהאַט אָן די אָרנטלעכע פרויען, אויף וועלכע זי האָט שטענדיק געקוקט מיט קנאה. צו פרעסן און זויפן האָט זי געהאַט, האָט זי זיך טאַקע היבש אויסגעפּאַשעט. זי האָט געטראָגן די פיינסטע, שענסטע וועש און קליידער. איר איז דאָס געווען דערלויבט די וועש און קליידער האָט איר געבראַנגט אַ „קאַנאַדער" מיט וועמען זי האָט געפירט אַ „ראָמאַן". זי האָט זיך געגרויסט ווען זי איז אַדורכגעגאַנגען דורך די נאַקעטע פרויען אין אירע נייע קליידער. איר האַרץ איז געוואָקסן פון נחת און זי האָט געפילט אַ טעם פון נקמה אָן די „וויטישע נעקיוועס". נישט איין פרוי האָט אויף איר דערקענט אירס אַ מלבוש אָדער אַ מלבוש פון אירס אַ קרובה.

די „בלאָקאָווע" פריילין פאָלאַק האָט געשלאָגן און געפייניקט, כדי זי זאָל וואָס מער נושא־חן זיין ביי די „עס־עס". פאַר איין זאַך האָט זי זיך שטאַרק געשראָקן: זי זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן און נישט פאַרשפּילן איר „קאַריערע".

איינמאָל ווען די פרויען זיינען געשטאַנען אינדרויסן אויפן אפעל, האָט די דאָזיקע „בלאָקן־עלטסטע", פריילין פּאָלאַק, אַדורכגעפירט אַ רע־וויזיע ביי זיך אין בלאָק (דאָס האָט זי אָפט געטאָן) און זי האָט געפונען דאָס בוך „מגילות. (דאָ האָט זי זיך שווין געזען ביים שיס־ווענטל) צו ווּעמען דאָס בוך געהערט האָט זי נישט געקענט וויסן, ווייל עס איז געווען פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל. איז זי אַרויסגעקומען מיט רציחה אויפן אַפּעל־פּלאַץ און געפרעגט:

— וועמעס איז דער סידע?! (וועמענס איז דער סידור). קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. האָט זי שטאַרקער גערעוועט:

— זאָגט אויס וועמעס דע סידע איז, אויב נישט, וועל איך אַלע באַ־שטראָפן!

— ס׳לעצטע מאָל וואָרן איך אייך — גיט אויס!

זי האָט געזען אַז קיינער רופט זיך נישט אָן האָט זי מיטן שטעקן גע־שלאָגן איבער דער גאַנצער ריי און גערעוועט:

— אַלע מאַכן זשאַבקע! (שפּרינגען אויף דער ערד ווי זשאַבעס). איר ווילט מיך אומגליקלעך מאַכן? — האָט זי געשריגן. (און זי האָט זיך געזען ביים שיס־ווענטל) — איר גלויבט נאָך אין גאָט?! מען פאַרברענט דאָך אייך לעבעדיקערהייט, אַפילו רבנים אויך! ווען גאָט וואָלט געווען וואָלט ער דאָך צו דעם נישט צוגעלאָזט! איר נאַרישע ווייבער, וועמעס איז דע סידע? זאָגט אויס!

— קיינער וויל נישט אויסזאָגן?!

— אויב אַזוי, וועט איר מאַכן „זשאַבקע" גאַנצע צוויי שעה! — האָט פריילין פּאָלאַק אַ רעווע געטאָן.

ווי די פרויען האָבן זיך געפייניקט מיט דער „זשאַבקע", געשפּרונגען ווי די פרעש, איז אָנגעקומען די לאַגער־שעף, פריילין אירמאַ גרייזער, און פאַר דער בלאָקאָווען, האָט אויפגעטויכט דאָס שיס־ווענטל.

די דייטשן האָט מען געמוזט באַגריסן, אָבער זיי אַליין האָבן קיינמאָל נישט צוריק געגריסט. אירמאַ גרייזער האָט געהאַט נחת פון דער בלאָ־קאָווע פריילין פּאָלאַק. האָט זי איר אַצינד געענטפערט אויף איר באַ־גריסונג מיט אַ שמייכעלע. די בלאָקאָווע האָט איר דערציילט די געשיכטע און געוויזן דאָס בוך.

פריילין אירמאַ איז געוואָרן אויפגעקאָכט. ווען זי האָט דערזען יידישע שריפט האָט זי זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן:

— איין ביבעל! ווו האָט איר דאָס דרעק דערטאַפּט, שטינקזעקע?!

פאַרברעכער־באַנדע! וועמען געהערט עס? פרייוויליק זיך מעלדן! ווען נישט — הענגע איך יעדע צענטע דרעק־שייסע!

זי האָט געוואַרט עטלעכע סעקונדן, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּ־גערופן.

— דאָס לעצטע מאָל פרעג איך: וועמען געהערט די פאַרפלוכטע ביבעל?!

— פרייוויליק זיך מעלדן! ווען נישט, הענגע איך זעלבסט יעדע צענ־טע פיגור!

— דריי מינוטן צייט!

אירמאַ גרייזער האָט געהאַלטן דאָס זייגערל אין דער האַנט.

פאַר דבורה־לאַה׳ן זיינען איצטער ווי אַ פילם אַדורך אין געדאַנק די לעצטע חדשים פון איר פאָטער׳ס לעבן: ער, ר׳ אהרן, איז זעקס און פער־ציק יאָר געווען חזן־שוחט אין שטעטעלע סאניק ניט ווייט פון פלאָצק.

אין דער גאַנצער אַרומיקער געגענט האָט ער געשמט פאַר אַ קלוגן און ערלעכן ייד. יידן און גוים זיינען געקומען פרעגן עצות ביי ר׳ אהרנ׳ען. ס׳איז ביי אים געווען אָן אָפענע טיר פאַר יעדן נויט־באַדערפטיקן.

ר׳ אהרן האָט געהאַט אַ צווייטן נאָמען, וואָס יידן האָבן אים געגעבן: „דער טאַטע" — עס הייסט דער טאַטע פון יתומים און אלמנות. האָט ער חתונה געמאַכט פאַר זיין אייגן געלט און אַליין צוגעגעבן אַ נדן.

* * *

אין נײַנצן הונדערט נײַן און דרײַסיק, ווען די דײַטשן האָבן פאַר־כאַפּט פּוילן, האָט זיך ר׳ אהרן נאָך שטאַרקער מתעסק געווען צו העלפן מענטשן. ער האָט געהאָלפן אַלע דורכוואַנדערנדיקע, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ היים. ווער עס האָט געצויגן אין אַ גרויסער שטאָט, ווער אין אַ קליין שטעטל, ווער אין דאָרף, ווער קיין רוסלאַנד — האָט ער זיי אַלעמען גע־האָלפן און געזעגנט מיט אַ ברכה.

ער האָט געעפנט אַ קיך פאַר די אַנטלויפנדיקע, וואָס זיינען אַדורכגע־גאַנגען איבערן שטעטל. ער האָט זיין באָרד און פיאות נישט אַראָפּגענו־מען, ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע, כדי זיך דאָס לעבן צו ראַטעווען. ר׳ אהרן איז געווען אַ הדרת־פּנימדיקער ייד, הויך, און שיין ווי אַ דעמב. אָבער עטלעכע טעג נאָך דעם דייטש׳ס אַריינקומען, איז ער געוואָרן גרוי ווי אַ טויב, פאַרחושכ׳ט און איינגעבויגן.

ווען די געשטאַפּאָ איז אַריין אין דער קהלה און דערזען דעם גרויסן ר׳ אהרנ׳ען, איז דער געשטאַפּאָ־אָפיציר צוגעגאַנגען צו אים מיט דער פראַגע:

— דו, יודע, ביסט דער עלטסטער?

ר׳ אהרן האָט געמיינט, אַז ער מיינט עס לויט די יאָרן, האָט ער גע־ענטפערט:

—יאָ.

האָט דער אַכצן־יאָריקער געשטאַפּאָוויעץ אים באַפעלעריש געזאָגט:

—יאָוואָל! דו ביסט דער עלטסטער דער יודען! דו ביסט פאַר אַלעס פאַראַנטוואָרטלעך! אַלעס מוזט דו אויספירן דיסציפּלינאַר, וואָס די דויטשע באַהערדן פאַראָרדענען! ווען דו, יודע, סאַבאָטאַזש מאַכסט, באַקומסט דו!...

— גיט ער אַ פאַר־אַדורך מיט זיין האַנט איבער ר׳ אהרנ׳ס האַלדז — דו ווייסט שוין וואָס! היער שפּרעכט צו דיר געשטאַפּאָ! פאַרשטאַנדען יודע?!

ווען ר׳ אהרן האָט געהערט דאָס וואָרט „געשטאַפּאָ״ האָט ער געפילט, ווי די פיס ברעכן זיך אונטער אים.

ביים אָוועקגיין האָט דער געשטאַפּאָ־אָפיציר פאַראָרדנט, אַז דעם נאָענטסטן זונטיק האָט דער יודען־ראָט צוצושטעלן: „צען בעטאַלענע בעטן מיט בעט־צייג, צען געבראָטענע גענדז, פינף ליטער שנאַפּס, פינף פעסלעך ביר און צען „היפּשע יונגע פראַוען!״

פון דעמאָלט אָן זיינען אַלע „אָקולניקעס״ און גזירות געקומען אין שטעטל אויף ר׳ אהרנ׳ס נאָמען.

ר׳ אהרן האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן, ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין ווערקצייג אין די הענט פון די דייטשן, אָבער אָפּזאָגן זיך האָט ער ניט געטאָרט. קיין צווייטער אויף זיין אָרט איז נישטאָ. האָט ער געטראַכט, אַז מן הסתם וויל אַזוי די השגחה, ער זאָל זיין היינט ווייטער דער שליח ציבור, ווי אין די זעקס און פערציק יאָר, זינט עס האָט זיך דאָ געשאַפן אַ יידישער ישוב.

ר׳ אהרן האָט קיין איין באַפעל נישט אויסגעפירט, ווי די דייטשן האָבן געוואָלט.

ער האָט אַלצדינג געטאָן אַזוי, אַז עס זאָל ווי ווייט מעגלעך אויספאַלן נישט אַזוי שלעכט פאַר יידן.

תענית אסתר אין יאָר ניינצן הונדערט איין און פערציק, האָט די גע־שטאַפּאָ באַפוילן ר׳ אהרנ׳ען, אַז אויף מאָרגן האָט ער צוצושטעלן צען יידן צום הענגען און ביז פינף אַ זייגער אָונט מוז ווערן אויפגעשטעלט אַ תליה. אַ גרויסע תליה אין מיטן מאַרק.

ר׳ אהרן האָט געוווסט, אַז דאָ זיינען נישטאָ קיין קונצן, האָט ער גלייך געענטפערט, אַז דריי קען ער צושטעלן — די וואָס זיינען אונטער זיין רשות. דעם ערשטן קרבן שטעלט ער צו זיך, דעם צווייטן — זיין פרוי, דעם דריטן — זיין יינגסטע טאָכטער, וואָס איז נאָך נישט געשטאַנען אונטער

דער חופה. (איך חתן האָבן די דייטשן געהאַט דערשאָסן באַלד ביים אַריינ־מאַרשירן אין פוילן, אום יום־כפור, צוזאַמען מיט אַ סך מתפללים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטריבן אין די טלתים פון בית המדרש).

די געשטאַפּאָ האָט אַליין צוגעשטעלט די איבעריקע זיבן יידן. איינער פון זיי האָט געהאַט די מעל־מיל אין שטעטל. אַ פאָלקס־דייטש, וואָס איז געזעסן אין דער „געשטאַפּאָ" איז געוואָרן קאָמיסאַר איבער דער מיל; דער ייד האָט אין דער מיל נאָך געאַרבעט, האָט דער קאָמיסאַר געוואָלט פון אים פטור ווערן. דריי אַנדערע יידן, וואָס זיינען איינמאָל אַרויסגע־גאַנגען אויסערן געטאָ, נאָך אַ ביסל קאַרטאָפל צו שטילן דעם הונגער פון זייערע קינדער; און דריי יידן, וואָס זיינען געקומען פון אַ צווייט שטעטל און האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין סאַניקער געטאָ.

אַ גאַנצע נאַכט אין דער תפיסה האָט ר' אהרן געזאָגט תהילים. אַלע צען זיינען געזעסן אין איין קאַמער. ווען איינער האָט אָנגעהויבן וויינען: „ווי לאָז איך איבער מיין פרוי און קינדער?" — האָט אים ר' אהרן ס'ערשטע איינגענומען מיט וואַרעמע רייד און דערנאָך אויסגעמוסרט פאַרוואָס ער וויינט: „פאַרקערט — נישט יעדער איז צו דעם זוכה! מיר גייען אויסלייזן אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן, קיין עין הרע נישט. מיר גייען מקדש השם זיין. דאָס איז דאָך די טייערסטע מצווה! געדענקט — האָט ער זיך גע־ווענדט צו אַלע — מאָרגן זאָלט איר גיין צו דער תליה מיט אויפגעהויבענע קעפּ! קידוש השם, יידן, איז אַ גרויסע זכיה!"

די תליה וואָס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא. קיינער איז אין געטאָ די נאַכט נישט געשלאָפן. יעדער ייד פון געטאָ האָט געפילט: מיט דעם אַוועקגיין פון ר' אהרנ'ען איז פונקט ווי מען וואָלט אים אָפּגעשניטן זיין אייגענעם קאָפּ.

* * *

צומאָרגנס אינדערפרי, אַ זייגער צען מיט פופצן מינוט, איז די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג פאַרזאַמלט געוואָרן אויפן מאַרק־פלאַץ, אַרומגערינגלט פון מיליטער און מאַשין־קוילן־וואַרפער — זאָלן זיי בייוווינען די „פאַר־ווילונג", וואָס די דייטשן האָבן זיך געמאַכט אין יידישן יום־טוב פורים. (היטלער ימח שמו! האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער אין זיינס אַ רעדע אַזוי געזאָגט: „די יודען וועלען דעם הײַנטיגען פּורים זיך נישט פרייען!" אַזוי האָבן יידן געלייענט אין די אַריינגעשמוגלטע דייטשע צײַ־טונגען).

אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ נייע תליה. די געשטאַפּאָ איז גע־קומען צופאָרן אין אַן אויטאָ. די „אָרדנונגס־דינסט" (יידישע פּאָליציי)

האָט געברענגט די צען יידן. דער ערשטער איז געגאַנגען ר׳ אהרן, אָנ־געטאָן אין קיטל און איינגעהילט אין טלית. ער איז געוואָרן דורך די נאַכט אויסגעגלייכט, ער האָט געשטעלט פעסטע טריט.

אַלע האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן טרעפן ר׳ אהרנ׳ען אינגאַנצן אַ געבראָכענעם, אין עצבות; און דאָ גאָר אַזאַ גאַנג, מיט התלהבות, ווי ער פלעגט לויפן ראַטעווען יידן.

ווען די צען זיינען געשטאַנען אונטן ביי דער תליה, האָט דער געַ־שטאַפּאָ־אָפיציר אויסגעלייענט דעם אורטייל:

„צען יודען קריגס־פאַרברעכער ווערן היגגעריכטעט. הייל היטלער!״

ס׳ערשטע איז געוואָרן פאַרוואָרפן די פעטליע איבער ר׳ אהרנ׳ס האַלדז. האָט מען אים געהערט מורמלען אַ ברכה מיט דער זעלבער תנועה און ניגון ווי בעת ער, דער שליח ציבור האָט געמאַכט די שהחינו, ווען ער האָט באַדאַרפט שפּאַלטן די הימלען מיט די תקיעות, אַז די תפילות פון זיין עדה זאָלן אַרויף צום כסא הכבוד.

ווען די פעטליעס זיינען געוואָרן פאַרוואָרפן איבער אַלע צען און דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט געגעבן אַ צייכן אַראָפּלאָזן דעם דיל, האָבן אַלע אויסגעשריגן:

„שמע ישראל!״

ווער עס האָט געקוקט אויף ר׳ אהרנ׳ען, דעם האָט זיך דערמאָנט ר׳ אהרנ׳ס „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ — ביים אַרויסנעמען די ספר תורה פון אָרון קודש.

דבורה־לאה האָט זיך דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט און זי האָט זיך געזאָגט:

„פונקט ווי מיין טאַטע ז״ל מוז איך אויך זיין גרייט צו גיין אויף קידוש השם״.

האָט זי זיך פון דער ריי אַרוק אַרויס געגעבן פאָרנט און דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— די ביבעל געהערט מיר!

פריילין גרייזער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג און איראָניע.

דבורה־לאה האַלט שמחה׳לען אויף די הענט. רבקה׳לע שטייט לעבן איר און זי האַלט זיך־אָן אָן דער מאַמען.

דבורה־לאה, אַ באָרוועסע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, דער קאָפּ אָפּגעגאָלט, דאָס פּנים — אַן אויסגעטרוקנטער שוואָם, בלויז אויגן זיינען געבליבן, וואָס זיינען אַ לויכטנדיקער צייכן, אַז דאָ שטייט אַ מענטש; שוואַר־צע יידישע אויגן פון וועלכע עס קוקט אַרויס דער פּיין פון מיליאָנען. די אויגן האָבן געקוקט אָן מורא, אָפן און שטאָלץ.

קעגנאיבער — אירמאַ גרייזער, אַ הויכע, אַ שלאַנקע אין „עס־עס"־מונדיר פון טייערן וואָלענעם שטאָף, אין גלאַנציקע אָפיצירן־שטיוול, האַלטנדיק אין האַנט דעם לעדערנעם געפלאָכטענעם ראַפּניק, וואָס זי לאָזט קיינמאָל ניט אַרויס, די צווייטע האַנט אַריינגעשטעקט אין לעדערנעם רימען אויף וועלכן עס הענגט דער מאַוזער און פּעקלעך קוילן.

ביידע פרויען זיינען געשטאַנען אַ פּאָר סעקונדן אָן ווערטער און זיך געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן זיך געמאָסטן: ווער וועט פריער אַראָפּלאָזן דעם בליק.

אויף איין מאָמענט האָט דבורה־לאה מנצח געווען די הערשערין פון אוישוויץ — אירמאַ גרייזער. פריילייַן גרייזער האָט זיך דערפילט נישטיק לגבי דבורה לאה'ן; באַלד האָט זי זיך אָבער באַהערשט און אַ פרעג געטאָן:

— ווילסטו הענגען?

זי האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין אַ פּאָר סעקונדן און דערנאָך האָט זי רואיק געזאָגט:

— ניין, די ביבעל געהערט נישט דיר! נישט דו ביסט די שולדיקע!

— איך בין די שולדיקע!

אירמאַ גרייזער האָט נאָך געפרעגט:

— זאָג מיר: ווו איז די ביבעל געווען פאַרשטעקט?

דבורה־לאה האָט געגעבן אַלע סימנים. די בלאָקאָווע, פריילייַן פּאָלאַק, האָט באַשטעטיקט אַז עס שטימט.

אַ טויטע שטילקייט. אַלע האַלטן איין דעם אָטעם.

אירמאַ גרייזער רעדט שטרענג און מיליטעריש:

— איר האָט היר איין סאַנאַטאָריום. איר מאַכט גאָרנישט, נור פרעסט און שייסט! היר איז אייער ערציונגס היים! איר אַרש־לעכער! פאַרברעכערישעס פאָלק! וויר לאָסט אייך נישט ערציען! פאַר דיזעס פאַרברעכן קומט אויפצוהענגען! נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן און זי איז אַ מוטער פון צוויי קינדער — באַקומט זי פינפציק איבערן אַרש!

בליץ שנעל האָבן צוויי „קאַפּאָס" אַנידערגעשטעלט די שמייס־באַנק אין מיטן פּלאַץ.

מען האָט פון דער מאַמען צוגענומען ביידע קינדער. דבורה לאה האָט זיך אַריבערגעלייגט איבערן ברעט. די הענט און די פיס זיינען אויסגעקומען אויפן דיל פון דער באַנק. מען האָט זיי איינגעפרעסט. די צוויי „קאַפּאָס" מיט די גומענע שטעקנס האָבן מיט טאַקט, אַזוי ווי צוויי שמידן, וואָס קלאַפּן אין הייסן אייזן, אַריינגעציילט פופציק. דבורה־לאה האָט אַליין געמוזט ציילן צום טאַקט: „איינס! צוויי! דריי!"

ביי צוויי און צוואַנציק איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. די קינדער האָבן די קלעפּ באַגלייט מיט יאָמערלעכן געוויין.

„ אין אַ ווינקל האָבן דערוויל פון די פיר פּירעקיקע רויטע קרעמאַטאָריע־אויוונס אַרויסגעשלאָגן פלאַמען פייער אַזוי ווי פון הוטע־אויוונס ווו מען גיסט שטאָל. די לופט איז געווען אָנגעפּילט מיט סמאַליענדיקן ביינער־גערוך פון די וואָס ברענען אין די קרעמאַטאָריעס.

ווען מען האָט צוגענומען די באַנק, האָט אירמאַ גרייזער געהייסן מאַכן אַ פייער. מיט אַ כוונה, ווי מען טוט אַ הייליקע זאַך, האָט זי דאָס ספר אַריינגעלייגט אין די פלאַמען.

ווען דאָס פייער איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגעברענט, האָט אירמאַ גרייזער באַפוילן: ,

—אַלע אין בלאָק!

* * *

ווען די פרויען האָבן דבורה־לאה׳ן אָפּגעמינטערט און צוגעלייגט קאַלט וואַסער צו די אָפענע ווונדן, האָט זיי דבורה־לאה געזאָגט: ,

— איצט בין איך ענלעך צו מיין הייליקן טאַטען. — און זי האָט צו־געגעבן. — מיין פאָטער ע״ה פלעגט נאָכזאָגן זיין רבין: „נאַראָנים מיינען, אַז זיי האָבן פאַרברענט די ווערטער וואָס זיינען טייערער ווי גאָלד. דאָס זיינען ווערטער פון ברענענדיקן פייער — ווי קען זיי פייער פאַרברענען?״

* * *

צומאָרגנס האָט דבורה־לאה דערציילט פאַר אירע פריינט, אַז ביינאַכט האָט זי געהאַט אַזאַ חלום: „אויף אַ גרויסן פלאַץ האָט זי געזען טויזנטער דייטשן — ציווילע און מיליטעריש. — אויפן וועג האָט זי געזען ציען אַ קאָלומנע אַרויסגעיאָגטע יידן, מיט קינדער אויף די הענט, פאַרמאַטערטע, מיט רוקנזעק און וואַליזן, געטריבן פון „עס־עס״, וואָס פאָרן אויף מאָטאָ־ציקלען. אין דעם זיינען די דייטשן באַפאַלן די יידן, אַלצדינג צוגענומען, אַפילו די מלבושים אַראָפּגעריסן, געשלאָגן, געשטאָכן מיט שפּיזן, געשאָסן. געוואַלדן, געשרייען, עס ליגן געקוילעטע. ס׳בלוט גיסט זיך און די דייטשן לעקן דאָס בלוט. פּלוצלינג איז אַלץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין טונ־קעלע תפיסה־קאַמער, מיט איין פּריטשע, אויף וועלכער עס זיינען געלעגן אין בלוט צוויי שרעקלעך־מיאוסע חיות, מיט אָפּגעשניטענע אויערן, אויס־געשטאָכענע אויגן, אָפּגעהאַקטע עקן און אָפּגעשונדענע פעל. עס האָט מיך געעקלט אויף זיי צו קוקן. דאָס איז געווען אַ געמיש צווישן אַ היפּאָ־

פּאַטאַן גאָרילע און שימפּאַנזע. ווען כ'האָב מיך גוט איינגעקוקט אין געזיכט האָב איך דערקענט אַ שימפּאַנזע. זיי האָבן זיך געשפּילט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס מיט דעם בלוט. דערנאָך האָבן זיי זיך געשלאָגן, געביסן, און איינער פון דעם צווייטן האָט ס'בלוט געטרונקען. זיי האָבן אַזש אונטערגעבערומט פון הנאה.

„פלוצלינג איז לעבן זיי אויסגעוואַקסן אַ מאַן און מיט די קולאַקעס האָט ער זיי געזעצט איבער די קעפּ. די חיות האָבן אָבער אַלץ געהאַלטן די ציין איינע אין דער צווייטער. דער מאַן האָט אַלץ געזעצט איבער זייערע קעפּ. די חיות זיינען שוין געווען האַלב טויט, אָבער די ציין האָט איינע פון דער צווייטער ניט אַרויסגעלאָזט. איך בין געשטאַנען אין דער טיר. עס האָט מיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ מורא, כ'וויל אַנטלויפן, און כ'דריי מיך אויס, און דאָ זע איך: אַ גרינעם באַרג פאַרגאָסן מיט זון. עס זיינען געווען אַ סך יידן פון מיין שטעטל אָנגעטאָן יום־טובדיק. עס איז געווען שבועות און מען האָט געגעסן מילכיק געבעקס. אין דעם דאַכט זיך מיר גאָר אַז כ'בין אין ארץ־ישראל און דער באַרג, מיט די יידן, ווערט גאָר גאָר הויך. איך לויף און לויף, כ'דראַפּע מיך און דראַפּע מיך. כ'בין שוין געוועזן גאָר נאָענט. מיט אַמאָל בין איך ראַפּטום אַראָפּגעפאַלן און כ'בין אויפגעקומען מיט שרעק.

דבורה־לאה האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך וועל מיר אַליין פּותר חלום זיין! — האָט זי געזאָגט: — די מלחמה וועט זיך גאָר אין גיכן ענדיקן און די דייטשן וועלן האָבן אַזאַ פּנים פאַר דער וועלט, ווי די חיות, וואָס איך האָב געזען אין מיין חלום. דער סוף זייערער וועט זיין — זויפן וועט איינער פון צווייטן ס'בלוט, און איינער דעם צווייטן וועט דערהרגענען. און דאָס וואָס איך בין אַראָפּגעפאַלן, ווען כ'בין שוין געווען גאָר נאָענט ביים סאַמע שפּיץ באַרג, האָב איך מורא, דאָס באַדייט, אַז איך וועל די מלחמה נישט איבערלעבן — האָט זי געזאָגט טרויעריק און געקוקט מיט רחמנות אויף די קינדער, — אָבער יידן וועלן האָבן ארץ־ישראל, וועלן דערהייבן ווערן און דאָס לעבן וועט זיין אַ יום־טוב, — האָט זי פאַרענדיקט.

* * *

יעדעס מאָל ווען די בלאָקאָווע, פריילין פאָלאַק האָט דבורה־לאהן געזען צינדן ליכט, האָט זי איר מערדערלעך געשלאָגן. האָט דבורה־לאה באַשלאָסן היינט צו צינדן ליכט גאַנץ פרי. וועט די בלאָקאָווע נישט איינפאַלן זי צו קאָנטראָלירן.

די בלאָקאָוועס האָבן אָבער געהאַט זייערע מוסרים, וואָס האָבן זיי צוגעטראָגן יעדע זאַך. דערפאַר האָבן זיי באַקומען אַ זופּ, אַ שטיקל ברויט און מען האָט זיי צייטווייליק אָפּגעראַטעוועט פון סעלעקציעס.

די מוסרים האָבן גוט געאַרבעט. די העפטלינגען האָבן קיינמאָל נישט געקענט דערגיין, ווער עס איז דער מסור.

ס'איז געווען באַלד נאָך מיטאָג. די בלאָקאָווע, אַ זאַטע, האָט זיך צוגעלענט ביי זיך אין צימער.

דבורה־לאה האָט איינגעשלעפּערט איר דריי־יאָריק יינגעלע שמחה'לע, אין אַ ווינקל אין בלאָק, און זי איז צוגעגאַנגען אין אַ צווייט ווינקל צינדן ליכט. אין דעם זעלבן מאָמענט איז די מסור'טע — וואָס האָט געהאַלטן דבורה־לאה'ן אויפן אויג דעם גאַנצן טאָג — אַוועק און דאָס איבערגעגעבן דער בלאָקאָווע. פאַר דער בלאָקאָווע האָט אויפגעטויכט דאָס שיס־ווענטל.

ביים אָנצינדן דאָס ערשטע ליכטל זיינען דבורה־לאהן געבליבן שטיין צוויי טרערן אין די אויגן און זי האָט געגעבן אַ זיפץ: „פאַר מיין מאַן, זאָל לעבן און געזונט זיין!"

ביים אָנצינדן דאָס צווייטע ליכטל האָט זי געזיפצט: „פאַר מיין רבקה'לען, זאָל לעבן און געזונט זיין!"

ביים דריטן ליכטל האָט זי געזיפצט: „פאַר מיין שמחה'לען, ער זאָל לעבן און געזונט זיין!"

ביים אָנצנידן דאָס פערטע ליכטל זיינען די טרערן געראָנען איבער אירע איינגעשרומפּענע באַקן און זי האָט געזיפצט „פאַר מיר און פאַר אַלע יידן, וואָס קאָנען נישט און האָבן נישט ווער עס זאָל פאַר זיי ליכט צינדן".

אַרומנעמענדיק מיט די הענט די פלעמעלעך האָט זי געמאַכט די ברכה: „ברוך, געלויבט ביסטו גאָט אונדזער גאָט, דער מלך פון דער וועלט, וואָס האָט אונדז געהייליקט מיט זיינע מצוות און אונדז געבאָטן אָנצוצינדן די ליכט פון שבת".

דאָ איז אונטער איר אויסגעוואַקסן די בלאָקאָווע פריילייַן פּאָלאַק מיטן שטעקן. זי האָט דבורה־לאה'ן געשלאָגן איבערן קאָפּ, הענט, פיס, איבערן פנים.

דבורה־לאה האָט זיך אָפּגעבויגן — האָט די בלאָקאָווע מיטן גאַנצן כוח זיך גופא געגעבן אַ זעץ מיטן שטעקן אין דער קני, זי האָט אַזש געצאַפּלט פון יסורים. אינסטינקטיוו האָט זי אַ שליידער אַוועק געגעבן דעם שטעקן, אַזוי ווי ער וואָלט שולדיק געווען — מאָמענטאַל איז זי אָבער צו זיך געקומען, האָט אָנגעכאַפּט דבורה־לאה'ן ביים קאָפּ, אַנידערגעשליי־

דערט זי אויף דער ערד, געשפּרונגען אויף איר ברוסט, געקאַפּעט אין קאָפּ, אין פּנים.

דבורה־לאה האָט זיך געבעטן:

— שיס מיך! שיס מיך!

אָבער די בלאָקאָווע האָט אַלץ געשלאָגן.

דבורה־לאה׳ן האָט זיך געגאָסן בלוט פון קאָפּ און נאָז, פון דעם מויל. די בלאָקאָווע האָט איר דאָס פּנים און די ליפּן צעריסן, צוויי ציין אויסגעהאַקט און צום סוף זי אַוועקגעשטעלט אויף די קני מיט צוויי שווערע ציגל אין די הענט אויסגעשטרעקט צום באַלקן.

„אַט אַזוי זאָל זי שטיין צוויי שעה!״

האָט זי שטרענג אָנגעזאָגט די „שטובן־דינסט״ זי זאָל אויפּקוקן אויף דבורה־לאה׳ן, און איז אַוועק צו זיך אין צימער אַ דערשוויצטע, אַ צעיאַכמערטע, זיך צולייגן.

דבורה־לאה האָט זיך אויסגעוויינט:

„רבונו של עולם! ווי קענסט דו צוזען ווי דיינע קינדער, וואָס היטן דיין געבאָט, זאָלן ווערן אַזוי געפּייניקט? באַוויז אַז דו ביסט אַ גאָט פון גערעכטיקייט! טאַטע אין הימל, ביסטו דאָ צי נישט?!״

און זי האָט ווייטער געוויינט. אין דעם מאָמענט איז רבקה׳לע אַריינגעלאָפן אין באַראַק מיט אַ יאָמערלעכן געוויין געפינען אַ טרייסט ביי דער מאַמען נאָך אירמאַ גרייזערס סאַדיסטישן פּייניקן זי איבערן פאַרענטש פון דעם קאַנאַל־בריק.

דער מאַמעס האַרץ האָט דערפילט, אַז מיט איר קינד האָט עפּעס שרעקלעכעס פּאַסירט.

ווען רבקה׳לע האָט דערזען די מוטער, האָט זי פּלוצלינג איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אָבער באַלד האָט זי געגעבן אַ פּלאַץ אַרויס אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

פון אַלע זייטן האָט געהיט די „שטובן־דינסט״. רבקה׳לע האָט אַ פאַל אַרויף געגעבן אויף דער מאַמען. די מאַמע האָט אַ שליידער אַוועק געגעבן די ציגל, רבקה׳לע האָט זיך איינגעטוליעט אין דער מאַמען און געכליפּעט:

„מאַ־מע־שי!״

מער האָט דאָס קינד נישט געקענט אַרויסריידן. מאַמע און קינד טוליענדיק זיך, האָבן יאָמערלעך געוויינט. דאָס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ כליפּעריי, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער, ביז זיי האָבן

זיך געטוליעט שטום, בלויז האַרץ מיט האַרץ פון מאַמע און קינד האָבן צו זיך געוויינט.

דערווייל האָט זיך שמחה׳לע אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געוויין. אַ מיידל האָט אים פון דער נאַרע צוגעטראָגן צו דער מאַמען.

דער גאַנצער באַראַק אַרעסטאַנטן האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דעם אָרט.

דאָס געוויין האָט אַריינגעצויגן אַ פּאָליאַק, אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט, פון דרויסן, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס מויערער. (דער מענער־לאַגער איז געווען זייער ווייט פון פרויען לאַגער. די מענער און די פרויען האָבן זיך קיינמאָל ניט געזען).

אין אַ זיידענער פּידזשאַמע איז פּלוצלינג ווידער אויסגעוואַקסן די בלאָקאָווע. זי האָט זיך געמאַכט אַ וועג מיטן שטעקן שלאָגנדיק איבער די קעפּ אין דער קופּע פאַרזאַמלטע.

— דו חצופה! — האָט זי געשריען צו דבורה־לאה׳ן — מיט דיינע פאַרסאַרכערטע ממזרים ווע סטו מיך נישט לאָזן שלאָפן?!

ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן צו דער מאַמען, האָט זי דער פּאָליאַק אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, ער האָט געשריגן:

— דו בלאַטע! דו וועסט שלאָגן?! פּייניקן?!

ער האָט זי אַזוי געדריקט ביים גאָרגל, אַז די צונג איז איר שיעור ניט אַרויסגעקראָכן.

— איך רייס דיר אַראָפּ דעם קאָפּ!

דער פּאָליטישער אַרעסטאַנט האָט קודם כל צעבראָכן די בלאָקאָוועס שטעקן. די צוויי ציגל וואָס דבורה־לאה האָט געהאַלטן אויסגעצויגן צום סופיט — האָט ער צוזאַמען מיטן צעבראָכענעם שטעקן אַרויסגעשליידערט אין דרויסן אַרויס. ער האָט געזאָגט צו דער בלאָקאָווע:

— אויב דו וועסט זיך וואָגן ווען פון די אַרעסטאַנטן צו שלאָגן — וועט פון דיין גאַסן־פּרויאישן גוף ווערן אַש!

און ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט צום קרעמאַטאָריום.

די בלאָקאָווע איז בלאַס געוואָרן און האָט פאַרלוירן ס׳לשון. זי האָט זיך דערפילט קליין.

— איר הערט? — האָט ער זיך געווענדט צו די העפטלינגען, — געדענקט: אויף ווען זי וועט הייבן איר לאַפּע, זאָלט איר מיר באַלד לאָזן וויסן! באַדיי איך זאָל באַצאָלן מיט מיין אייגן לעבן, אָבער די פּאַס־

קודסטווע וועט שוין פון מיינע הענט קיין לעבעדיקע נישט אַרויס!

די בלאָקאָווע איז געשטאַנען אַן איינגעבראָכענע און די פרויען האָבן אַן איר געפילט אַ נקמה.

* * *

צומאָרגנס אין דער פרי איז דבורה־לאה געגאַנגען אין „רעוויר" (לאַזאַרעט) מען זאָל איר עפּעס טאָן צו די וווּנדן, וואָס די בלאָקאָווע האָט איר געמאַכט.

לעבן „רעוויר" האָט זיך געפונען דער באַראַק פאַר שוואַנגערע פרויען און פאַר פרויען מיט קליינע קינדער. דאָס איז געווען אַ טריק פון די דייטשן, כדי די העפטלינגען זאָלן מיינען, אַז די דייטשן זאָרגן פאַר שוואַנגערע יידישע פרויען און קינדער.

יעדע פאָר וואָכן האָט מען דעם באַראַק אויסגעליידיקט מיט דעם אויסרייד, אַז די פּאַציענטן ווערן איבערגעפירט אין אַ דערהאָלונגס־לאַגער. אין דער אמת׳ן האָט מען זיי געשיקט אין אויוון אַריין — און מען האָט אַריינגעברענגט אַנדערע פּאַציענטן פון אַ פרישן טראַנספּאָרט. די שוואַנגערדיקע פרויען אין די הויכע חדשים האָבן געמוזט ליגן אויבן אויפן דריטן פּריטש (דאָ זיינען געשטאַנען צו דריי פּריטשען איינער אויף דעם צווייטן). ווען דאָקטאָר מענגעלע איז אַריינגעקומען אין דעם בלאָק, האָט די בלאָקעלטסטע אַ געשריי געטאָן:

— אַכטונג!

האָבן אַלע פרויען געמוזט אַראָפּשפּרינגען פון די פּריטשעס און בלייבן שטיין אין אַ מיליטערישער אָרדענונג.

דאָקטאָר מענגעלע האָט אויסגעשריגן:

— איינס, צוויי, דריי!

אין דעם מאָמענט האָבן אַלע געמוזט צוריק זיין אויף זייערע פּריטשעס. די פרוי, וועלכע האָט דאָס נישט געקענט באַווייזן, האָט ער געשיקט אין גאַז־קאַמער. איצט, ווען דבורה־לאה׳ן איז אויסגעקומען אַדורכצוגיין דורך דעם באַראַק האָט עס זי געגרוילט.

ווען דבורה־לאה איז אַריינגעקומען אין „רעוויר" האָט זי געמוזט וואַרטן אין דער ריי. זי האָט באַטראַכט ווי דער באַראַק איז איינגעטיילט אין קליינע שטיבעלעך פאַר אַלערליי אָפּטיילונגען: אינערליכע קראַנקהייטן, דעזענטעריע, טיפוס, ציין־קליניק, אָפּעראַציע־זאַל, קליניק פאַר געבורטן, אויפנעם־צימער, אַן אַפּטייק.

דאָס אַלץ האָט זיך געפונען אין דעם איינעם באַראַק.

דעם גאַנצן „רעוויר" האָבן יידישע דאָקטוירים אַליין געשאַפן; די דייטשן האָבן מיט גאָרנישט געהאָלפן.

די דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט אָפּעראַציעס מיט אַ פּשוטן קיכן־מעסער און האָבן אויסגעקאָכט די כלים און שיסלען פון זופּ. מעדיצין און כלים האָט מען אַריינגעשמוגלט פון דער ראַמפּע, וואָס יידישע דאָקטוירים און אַפּטייקערס האָבן מיטגעברענגט מיט די טראַנספּאָרטן. אַ טייל דאָקטוירים האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות די קראַנקע צו העלפן, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס.

די דאָקטוירים האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס, האָבן דורכגעפירט אַבאָרטן איבער שוואַנגערע פרויען און זיי אַזוי־אַרום אָפּגעראַטעוועט פון אויוון. אַזוי ווי די הייבאַם האָט אָפּגענומען אַ קינד, האָט זי עס געמוזט דערטרינקען אין אַ שיסל קאַלט וואַסער — אין דער אַנוועזנהייט פון דער לאַגער עלטסטער פריילין אירמאַ גרייזער.

פון צייט צו צייט האָט די „עס־עס" פאַראָרדנט אַז מען זאָל צושטעלן אַ לעבעדיק קינד.

אירמאַ גרייזער האָט דאָס קינד איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, אַרומגעבונדן מיט אַ זיידענער באַנד, האָט זיך דערמיט געשפּילט, געשמייכלט דערצו, האָט דאָס קינד ארויסגעטראָגן און אַנידערגעלייגט אויף דער ערד ביים לאַגער־טויער. איר וואָלף־הונט האָט עס באַשמעקט, דאָס קינד האָט געוויינט. עס איז געקומען אַן „עס־עס" מאַן און האָט דאָס קינד אַרויסגעטראָגן.

די דייטשן האָבן די קינדער גענוצט פאַר פאַרשידענע עקספּערימענטן.

יעדע קימפּעטאָרן האָט געוווסט, אַז זי איז אַ קאַנדידאַט פאַרן אויוון. כדי זיך צו ראַטעווען האָבן זיי זיך באַלד אויפן דריטן טאָג אויסגעשריבן פון „רעוויר" צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך געשלעפּט צו עטלעכע קילאָמעטער מיטן שויפל, כדי צו מאַכן שוץ־גראָבנס. בלויז האָט זיך פון זיי געגאָסן און זיי האָבן זיך געהיט, אַז די „עס־עס" זאָל דאָס ניט באַמערקן. די חברטעס האָבן אַזאַ פרוי געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט; זיי האָבן זי געפירט אונטער די אָרעמס; אַז די „עס־עס" האָבן נישט באַמערקט, האָבן זיי זי געטראָגן; זיי האָבן אויסגעפירט פאַר איר די אָנגעוויזענע פּראָדוקציע. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט: זי איז סיי־ווי־סיי געגאַנגען אין אויוון אַריין. דבורה־לאה איז דאָ געשטאַנען און געוואָרט און די וווּנדן האָבן איר געברענט, אָבער אומזיסט האָט זי געוואָרט אַ פּאָר שעה אויפן דאָקטאָר. עס איז אָנגעלאָפן אַ „קאַפּאָ" און מיטן שטעקן האָט ער צעטריבן די גאַנצע ריי קראַנקע.

* * *

די בלאָקאָווע פריילין פּאַלאַק, האָט, בעת אַן אַפּעל פון אַכט און צוואַנ־ציק טויזנט פרויען, אויסגעקליבן איין מיידל, הינדע, פאַר איר משרת׳טע, זי זאָל איר שטוב רוימען, פאַר איר קאָכן, וואַשן, פאַרריכטן די קליידער און וועש און צערעווען.

ווען די בלאָקאָווע האָט הינדען אַרויסגענומען פון דער ריי און האָט איר געהייסן גלייך נאָך דעם אַפּעל קומען צו איר אין בלאָק, האָט הינדען פון שרעק געקלאַפּט אַ צאָן אויף אַ צאָן. זי האָט געוווּסט אַז די בלאָ־קאָווע פּאַלאַק איז אַ „בעסטיע״, ווי די העפטלינגען האָבן זי גערופן.

הינדע האָט נישט געקענט פאַרשטיין נאָך וואָס הייסט זי די „בעסטיע״ קומען צו איר אין בלאָק? „דאָס איז ניט קיין גוטער סימן,״ האָט זי געטראַכט, „איצטער מעג איך זיך שוין געזעגענען מיט דער וועלט״. זי האָט געמאַכט אַ סך־הכל פון איר לעבן: זעקס יאָר איז זי אַלט געווען ווען איר מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט. דער טאַטע — אַן אָרעמאַן, איז געבליבן מיט אַכט קינדער — איינס קלענער פונם צווייטן. פרעמדע מענטשן האָבן זיך איבער זיי דערבאַרעמט, זיי האָבן די יתומים געוואָלט צונעמען, אָבער די משפחה האָט ניט צוגעלאָזט צו דעם.

הינדען האָט גענומען אַ מומע פון אַ נאָענט שטעטל; זי האָט דאָרט געהונגערט, געקריגן געשלאָגן. זי האָט ניט געהאַט קיין קלייד, קיין שוך. איר האָט שטאַרק וויי געטאָן ווי די מומע האָט אירע קינדער געקליידט, גע־געבן בעסער עסן. שפּעטער זיינען די קינדער געגאַנגען אין דער שול אַריין און הינדע האָט זיי געמוזט באַדינען און העלפן אין דער ווירטשאַפט. זי האָט זיך געמוזט לייגן שפּעט און אויפשטיין פרי. יעדע נאַכט האָט זי נאָס געמאַכט מיט טרערן די קאָלדרע, מיט וואָס זי האָט זיך איינגעדעקט אויף דער שלאָף־באַנק אין דער קיך ביי דער פּאָמוניצע. עס האָט זיך אויף איר דערבאַרעמט אַ צווייטע מומע פון אַ גרעסערער שטאָט און זי האָט הינדען אַרויסגענבעט. הינדע קאָן נאָך ביז היינט ניט פאַרגעסן די שרעק, וואָס זי האָט אַדורכגעלעבט ביים אַנטלויפן — איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז די בייזע מומע מיטן פעטער לויפן איר נאָך און זיי וועלן איר כאַפּן.. זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט ווען די באַן האָט גערירט.

די צווייטע מומע האָט קודם כל הינדען אויסגעקליידט, האָט איר גע־קויפט עטלעכע פאָר וועש, עטלעכע קליידער און צוויי פאָר שיך. זי, די צווייטע מומע, האָט הינדען געשיקט אויף אַ האַלבן טאָג אין דער שול אַריין. די רעשט צייט האָט הינדע געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט און אַכטוג גע־געבן אויף די דריי קינדער.

דער פעטער איז געווען זייער אַ פרומער. ער האָט הינדען נאָכשפּיאָ־נירט: ווו זי גייט, וואָס זי לייענט, זי האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין פרייע מינוט. זי האָט בגנבה אויסגעליען אין דער יידישער ביבליאָטעק ביכער און ביינאַכט,ביים שיין פון אַ ליכטל, געלייענט. איינמאָל האָט דער פעטער הינדען געטראָפן ביי דער גנבה — לייענען אַ יידיש בוך. האָט זיך עס געטאָן: דער פעטער האָט געשריגן, אַז ביכלעך וועלן הינדען דערפירן צום שמד. הינדע האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז מער קיין ביכער וועט זי נישט לייענען. דער פעטער האָט זי גיך געוואָלט פאַרקנסן צו אַ ישיבה־בחור. הינדע האָט מיטן פעטער געקעמפט. זי איז געווען פאַרליבט אין דעם ביבליאָטעקער, אַ שניידער־געזעלן. זיי האָבן שוין געזאָלט חתונה האָבן, איז די מלחמה אויסגעבראָכן. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און ער איז געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַציס. דערנאָך — געטאָ, הונגער, שקלאַפן־אַרבעט, קראַנקהייטן און — אוישוויץ.

קיין אוישוויץ איז זי געקומען מיט איר גאַנצער משפחה: שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס און דער טאַטע מיט דער שטיף־מאַמע. זי קען אַלץ נישט פאַרגעסן ווי איין „קאַנאַדער" האָט איר געפרעגט: „וועמענס איז דאָס קינד, וואָס דו האַלטסט?" האָט זי געענטפערט: „מיין שוועס־טערס". ווי דער „קאַנאַדער" האָט געוואָלט פון איר אַרויסרייסן דאָס קינד איז די שוועסטער צוגעלאָפן און אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון אירע הענט. האָט דער „קאַנאַדער" זי געבעטן: „גיבן זי מיר ס'קינד, איך וועל'ס ערגעץ באַהאַלטן"... האָט די שוועסטער געזאָגט: „ניין — אויב מ'וועט שיסן דאָס קינד, זאָל מען מיך אויך שיסן!" הינדען האָט מען ניט געלאָזט מיטגיין מיט דער מומען און די קינדער און מיט די שוועסטערן און זייערע קינ־דער. זי געדענקט ווי דער שוואָגער האָט אַריבערגעשריגן צו איר שוועסטער: „טאָבע, איך דאַנק דיר, וואָס דו ביסט צו מיר געווען אַזוי גוט! געדענק, זאָלסט אַכטונג געבן אויף אונדזערע קינדער!"

הינדע איז געקומען קיין אוישוויץ פון רומעניע. דאָרטן, ביי איר אין שטאָט, זיינען גאַנצע יידישע פאַמיליעס געבליבן צוזאַמען ביז דער לעצ־טער מינוט. ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט האָבן די דייטשן שנעל געמאַכט אַ געטאָ, איינגעזאַמלט אַלע יידן און מען האָט זיי באַלד געשיקט קיין אוישוויץ.

ווען הינדע האָט געטאָן שקלאַפן־אַרבעט אויסערן געטאָ, ביי דער באַן, האָט זי יעדן טאָג געזען וואַגאָנעס מיט יידן. די יידן האָבן דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך געבעטן:

— דערבאַרעמט אייך — גיט אַריין אַ ביסל וואַסער!
פרויען האָבן זיך געבעטן: — גיט אַריין ליכט צו צינדן!
— גיט אַריין עפּעס פאַר די קינדערלעך!
הינדע האָט זיי געפרעגט וואַהין זיי פאָרן?
— מיר ווייסן נישט וווהין, — האָבן זיי געענטפערט, — מיר פאָרן שוין אַזוי זעקס מעת לעת!

הינדע האָט געפּרוווט זיי העלפן מיט אַ ביסל וואַסער, אָבער די וואַך האָט זי אַוועקגעטריבן און געשלאָגן.

דריי טעג צייט האָבן די דייטשן געגעבן אין געטאָ ווו הינדע האָט זיך געפונען, אַז יידן זאָלן איינפּאַקן אַלץ וואָס ס'איז זיי טייער מיטצונעמען, ווייל אַלע יידן פאָרן אויף אַרבעט. יעדער זאָל מיטנעמען נאָדל, פאָדעם און אַרבעטס־כלים. הינדע האָט מיטגעפירט איר אויסשטייער און אַ טייערן, שיינעם האַנט־בייטל, די מתנה פון איר חתן. אינעווייניק האָט זי געהאַט דאָקומענטן און אַלע פאָטאָגראַפיעס פון זיך, משפחה און פריינט. דאָס האָט זי געהאַלטן פאַר דעם טייערסטן אנדענקונג. דער צוג האָט זיך געשלעפט פיר מעת־לעת. אין ווארשע איז מען געשטאַנען אַ פאַר שעה. דאָ האָט זיך געטווישט די וואַך. דער „עס־עס״־מאַן, אַן אונגאַר, וואָס האָט געהיט דעם וואַגאָן, האָט אַ ביסעלע געעפנט די טיר און האָט אויסגעזוכט ווערטפולע זאַכן פאַר זיך. „ווי לאַנג איר זייט אין מיינע הענט איז אייך גוט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער דערנאָך וועט זיין אַ סוף מיט אייך!״ ער האָט גע־נומען הינדעס האַנט־בייטל, באַוווּנדערט: „די יודן האָבן שיינע זאַכן, דו דאַרפסט דאָס שוין סיי ווי סיי נישט — איך וועל דאָס ברענגען פאַר מיין כלה״.

דעמאָלט, אין פרילינג טויזנט ניין הונדערט פיר און פערציק, זיינען כמעט אַלע טראַנספּאָרטן גלייך געגאַנגען אין אויוון אַריין. אַן איבער־רייס האָבן טאָג און נאַכט די פיר קרעמאַטאָריע־אויוונס געפלאַמט פון די אונגאַרישע און רומענישע יידן. הינדע'ס טראַנספּאָרט האָט געהאַט מזל — מען האָט אַדורכגעפירט אַ סעלעקציע.

איין זאַך האָט הינדע געלערנט: צו זיין אַ גוטע באַלעבאַסטע. די בלאָ־קאָווע האָט דאָס געוווּסט און דערפאַר האָט זי הינדען אויסגעקליבן פאַר אַ משרתטע.

באַלד נאָר ווי דער אפעל האָט זיך געענדיקט האָט אַ „שטובן־דינסט״ געפירט הינדען צו דער בלאָקאָווע, פריילין פּאָלאַק, אין דער „שטובע״ אַריין. די ערשטע ווערטער פון דער בלאָקאָווע זיינען געווען:

— ווי הייסטו?

— הינדע, — האָט זי געענטפערט אַ צעטומלטע.

— הער, הינדע, דו ביסט אַ גליקלעכער מענטש! דו האָסט מער מזל ווי פאַרשטאַנד! פון אַכט און צוואַנציק טויזנט העפטלינגען האָב איך דיך אויסגעקליבן. ביי מיר וועט דיר גאָרנישט פעלן: דו וועסט נישט דאַרפן שטיין אויפן אַפּעל, וועסט זיין פריי פון סעלעקציעס. דו וועסט זיין מיין דינסטמיידל, דו וועסט מוזן האַלטן זויבער מיין „שטוב", וואַשן מיין וועש, ‚צערעוווען מיינע זאָקן, קאָכן און באַקן.

— פון די שפייזן טאָרסטו דו נישט פאַרזוכן, אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגן וועסטו באַצאָלן מיטן לעבן! דו האָסט נאָך גאָרנישט געליטן, דו קומסט דאָך פון רומעניע, האָסטו געפרעסן און געזויפן ביז צו דער לעצטער מינוט!

— אָפּגעהיטן זאָלסטו ווערן, אויב אויסער אונדז ביידע זאָל ווער וויסן אַז דו קאָכסט עקסטרע שפייזן פאַר מיר.

— וואָס דו וועסט הערן און זען, איז — האַלטן דעם פּיסק! האָסטו פאַרשטאַנען?

זי האָט הינדען געקוקט אין די אויגן אַריין.

הינדע האָט געענטפערט אַ האַלב־באַרואיקטע:

— יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען.

די בלאָקאָווע האָט הינדען דערלאַנגט זיידענע וועש, אַ וואָלן קלייד, אַ פּאָר זיידענע זאָקן, אַ פּאָר באַקוועמע שיך און אַ זיידן קאָפּ־טוך. זי האָט צו הינדען געזאָגט:

— קיין געליבטן טאָרסטו נישט האָבן! הערסט? —

דערנאָך האָט זי הינדען דערלאַנגט אַ שטיקל זייף, אַ קעמל, אַ ציין־בערשטל מיט ציין־קרעם. זי האָט איר געהייסן זיך אָפּוואַשן דעם גאַנצן קערפּער.

הינדע האָט אַזוי געטאָן. די בלאָקאָווע האָט איר אַליין צוגעבונדן דעם קאָפּ מיטן זיידענעם טיכל.

— זעסטו, ס'איז דיר שוין געשען אַ נס: דו האָסט אַ קליין בלאָטערל אויפן פּנים, — האָט זי הינדען אָנגעוויזן מיטן פינגער, — מיט דער נאָענט־סטער סעלעקציע וואָלסטו זיכער געגאַנגען אין אויוון אַריין, אָבער אַזוי ביסטו אַ געראַטעוועטע, — האָט זי איר שעלמיש אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע.

דער בלאָקאָווס „שטובע" איז געווען אין קאָרידאָר פון באַראַק, באַלד ביים אַריינגאַנג. קעגנאיבער איז געווען דער מאַגאַזין, ווו מען האָט יעדן אינדערפרי אַריינגעלייגט דאָס ברויט מיט דער צולאגע פאַר די אַרעס־

טאַנטן פון באַראַק. די בלאָקאָווע מיט זעקס אַרעסטאַנטקעס פלעגן עס ברענגען אין קאַצן פון אַלגעמיינעם שפּייז־מאַגאַזין. אין דער בלאָקאָ־ וועס צימער האָט זיך געפונען אַ טאָפּלטע פּריטשע מיט שטרוי־זעק, קי־ שעלעך און עטלעכע קאָצן. אויף דער אונטערשטער פּריטשע איז געשלאָפן דער פרייליין פּאָלאַקס מאַמע — די „לאַגער־קאַפּאָ״. אויף דער אויבער־ שטער פּריטשע איז געשלאָפן די בלאָקאָווע.

עס איז דאָרט געשטאַנען אַ טיש פון רויע ברעטער, פיר שטולן און אַ שענקל, ווו די בלאָקאָווע האָט געהאַלטן די טייערסטע זיידענע וועש און קליידער, און עטלעכע פּאָר זומער־שיך און ווינטער־שיך.

אונטן זיינען געשטאַנען צוויי שאַכטלעך מיט שפּייז צום קאָכן און געבעקס. אויך מאַרמעלאַדן, האָניק, קעז, ווורשט און מאַרגאַרין. דאָס איז געווען די צולאַגע וואָס די בלאָקאָווע פלעגט גנבענען פון די אַרעסטאַנטן.

אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן דיוואַנען. טיילמאָל האָט זי געהאַט די בעסטע ווייַנען, געבעקס, פלעשער שמאַלץ.

דאָס אַלץ האָט איר דער געליבטער אירער, דער „קאַנאַדער״ אַריינגע־ שמוגלט פון דער ראַמפּע, וואָס די טראַנספּאָרטן־יידן האָבן מיטגעברענגט פון מערב־איראָפּע. זיי האָבן נישט געוווּסט ווו זיי פאָרן, האָבן זיי אַלצ־ דינג מיטגעבראַכט.

ווען די בלאָקאָווע איז אַרויסגעגאַנגען האָט הינדע מיט אַ קלייד אָפּ־ געוואַשן די פּאָדלאָגע, דאָס שענקל, דעם טיש, די שטולן, טיר און פענצטער.

פון די דיוואַנען האָט זי אויסגעקלאַפּט דעם שטויב. זי האָט געפו־ נען אַ שטיקל רויטע ציגל, האָט זי דאָס צעקלאַפּט, אויסגעמישט מיט וואַ־ סער און אַביסל מעל און אָפּגעשמירט די קיך. דערנאָך האָט זי גענו־ מען אַ ביסל קאַלך — פון מויערער, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם לאַגער — האָט דאָס אויסגעמישט מיט אַ ביסל מעל און מיט דעם ציין־בערשטל אי־ בערגעשמירט דעם ליים פון צווישן די ציגל. די בלעך אויבן און די טיר־ לעך האָט זי איינגעשמירט מיט אַ ביסל סאַדזשע און וואַסער.

ווען די בלאָקאָווע איז אַהיים געקומען האָט זי נישט דערקענט איר שטוב, אַזוי ליכטיק און זויבער איז אַלץ געוואָרן.

זי האָט אַריינגערופן אַלע אירע פריינט: בלאָקאָוועס, שטובן־דינסט און קאַפּאָס, און האָט זיך פאַר זיי באַרימט מיט איר צימער.

ווען הינדע האָט געקאַכט, געפּרעגלט אָדער געבאַקן, איז דער בלאָ־ קאָוועס מוטער, די „לאַגער־קאַפּאָ״, געזעסן אין דרויסן און געהיט, צי עס קומט ניט ווער אונטער פון די דייטשן. די בלאָקאָווע האָט כלומרשט שפּאַצירט אויפן שאָסיי. טאָמער האָט זי דערזען אַ דייטש, האָט זי שנעל

געגעבן אַ צייכן דער מוטער. די אַלטע איז אַריין צו הינדען און אויס־גערופן דעם אָפּגערעדטן צייכן. הינדע האָט אַלצדינג געכאַפּט, מיט טויט־שרעק פֿאַרשטעקט אין באַראַק אויף איר פּריטשע. אַזוי האָט זי געמוזט טאָן, כדי ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, זאָל די שולד ניט פֿאַלן אויף דער בלאָקאָווע.

געבראָטן האָט הינדע אויף די אויסגעגליטע קוילן אין דער קיך, כדי עס זאָל זיך נישט פּילן. געבאַקן האָט זי אין פֿלאַכע שיסלען: האָניק־קוכן, פּוטער־קוכן, קעז־קוכן און אייער־קיכלעך.

די מוטער, די „לאַגער־קאַפּאָ, איז אויך געווען אַן אויפֿזעערין אין דער גרויסער קיך. האָט מען זי דאָרטן „אָפּגעסמט" מיט שטיקער רויע פֿלייש, כדי זי זאָל אַ סך זאַכן נישט זען. דערפֿאַר האָט הינדע יעדן טאָג געמוזט בראָטן פֿלייש. ווו צו נעמען קוילן און האָלץ — וועגן דעם האָט זיך די בלאָקאָווע ווינציק געזאָרגט.

הינדע האָט זיך אַליין געמוזט שאַפֿן ברען־מאַטעריאַל — און דאָס איז געווען אין אוישוויץ פֿון די שווערסטע זאַכן. האָט הינדע דאָס געקויפֿט פֿאַר שפּייז אָן דעם וויסן פֿון איר באַלעבאָסטע. די בלאָקאָווע מיט דער מאַמען, האָבן אויך געהאַט מילך און אייער: אין דעם כלומרשטן שפּיטאָל האָט מען דאָס אַריינגעגעבן פֿאַר די לונגען־קראַנקע, כדי זיי זאָלן מיינען, אַז מען וויל זיי טאַקע היילן. דאָס איז געווען אַ טריק פֿון די דייטשן — אָבער די אויפֿזעער האָבן דאָס פֿון די קראַנקע צוגעגנבעט און אויסגע־טוישט ביי דער פּריילין פֿאַלאַק אויף פֿלייש און אַנדערע שפּייזן.

די בלאָקאָווע האָט עס געטוישט פֿאַר וועש, קליידער, בראַנפֿן, וויין, פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך.

עס פֿלעגט נישט איינמאָל טרעפֿן, אַז אַן אַרעסטאַנטקע האָט צוגענומען די באַהאַלטענע שפּייז פֿון הינדעס פּריטשע, האָט די „בלאָקאָווע" הינדען געשלאָגן מכות רצח: „דו ביזט פֿאַראַנטוואָרטלעך!" — האָט זי געגוואַל־דעוועט.

פּריילין פֿאַלאַק האָט הינדען געהאַלטן אין איין קאָנטראָלירן און פֿאַרשן צי זי עסט נישט פֿון אירע שפּייזן. הינדע האָט אַזוי אַרום געלעבט אין כסדרדיקן שרעק. פֿון פּריילין פֿאַלאַק'ס פּייניקן איז זי קראַנק געוואָרן. איין טאָג האָט זי געזאָגט צו דער בלאָקאָווע, אַז זי וויל ליבערשט שטיין אויפֿן אַפּעל, אויף די סעלעקציעס, איידער ווערן פֿון איר אַזוי געפּייניקט און לעבן אין אייביקער שרעק. צו וואָס דאַרף זי דאָס? ניין! זי וויל נישט מער איר „גוטס". זי וויל זיין ווי אַלע אַרעסטאַנטקעס.

פריילין פּאַלאַק האָט געוווסט, אַז נאָך אַזאַ גוטע דינסט וועט זי נישט געפינען, האָט זי איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זי שוין מער נישט פייניקן.

אַזוי ווי הינדע האָט געוואוסט, אַז פריילין פּאַלאַק און איר מאַמע עסן נישט אַלצדינג אויף, זיי וואַרפן אַרויס, האָט זי אָנגעהויבן צו עסן פון די שפּייזן נאָך איידער זי האָט זיי אויפגעגעבן. זי האָט אויך בשתיקה געהאָלפן דבורה־לעה׳ן מיט רבקה׳לען און שמחה׳לען. דאָס האָט אין דבורה־לאה׳ען געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז זי וועט איבערלעבן די מלחמה.

זי, הינדע, איז געוואָרן וואָס אַמאָל דרייסטער. זי האָט געהאַט אין דעם לאַגער, אין אַ צווייטן בלאָק, אירע צוויי יונגערע שוועסטערס; האָט זי אויסגעפּועלט ביי דער בלאָקאָווע זיי זאָלן זיין מיט איר צוזאַמען. הינדע האָט זיך באַמיט אירע שוועסטערס צו העלפן מיט אַ ביסל עסן. ווען די בלאָקאָווע האָט הינדען ביי דעם געכאַפּט, האָט זי זיך צערעוועט: — „פאַר־וואָס טוסטו דאָס?״ — האָט איר הינדע געענטפערט, אַז זי קען נישט צוזען ווי אירע שוועסטערס הונגערן. זי וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. — וואָס אַרט דיך דיינע שוועסטערן? — האָט די בלאָקאָווע געשריגן, — זיי וועלן סיי ווי די מלחמה נישט איבערלעבן! דו האָסט נאָך אַ האָפענונג.

— אויב מיינע שוועסטערס וועלן נישט איבערלעבן, וויל איך אויך נישט איבערלעבן! — האָט הינדע אַ וויינענדיקע געענטפערט.

פון איצטער אָן האָט דבורה־לאה מיט די קינדער באַקומען יעדן טאָג אַ ביסל זופּ פון הינדען, אַזוי ווי נאָכן פונאַנדערטיילן דאָס מיטיק פלעגט די „שטובן־דינסט״ אַריינבאַהאַלטן אַ האַלבן קעסל זופּ צו דער בלאָקאָווע אין שטוב. פון דער זופּ, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעגנבעט פון די אַרעסטאַנטן ביים אויסטיילן, האָבן זיי נישט געגעבן די פולע מאָס. פאַר דער זופּ האָבן זיי אָפּגעקויפט: פּאַרציעס ברויט, קליידער, פּאַפּיראָסן. הינדע האָט דאָס נישט געקענט צוזען, האָט זי אַרויסגענומען דעם קעסל, פונאַנדערגעטיילט צווישן די אַרעסטאַנטן. סערשטע האָט זי איינגעטיילט דבורה־לאה׳ן מיט די קינדער. די בלאָקאָווע האָט זי געשלאָגן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. צומאָרגנס האָט זי ווייטער געטאָן דאָס זעלבע.

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט זי געטענהט, — אַז איך קען דאָס נישט צוקוקן: ביי אונדז זאָל שטיין זופּ און אינדרויסן זאָלן מענטשן פאַלן פון הונגער!

— דו ביסט אַ ריכטיקע כשר׳ע בהמה! — האָט פריילין פּאַלאַק חוזק געמאַכט.

דאָ מאַכט זיך אַזאַ געשיכטע: יעדעס מאָל, ווען עס איז געגאַנגען אַ שלאַקס־רעגן האָט פריילין פּאַלאַק אַרויסגעיאָגט די אַרעסטאַנטקעס פון

בלאָק. אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דער „עס־עס", כדי ביי דער סע־לעקציע זאָל דאָקטאָר מענגעלע טרעפן אַ סך פּאַרקילטע, וואָס הוסטן און ניסן. די פרויען זיינען דאָך געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט, בלויז אַ דינע שמאַטע אויפן לייב.

כאָטש הינדע איז געווען באַפרייט פון דעם, איז זי אַרויסגעלאָפן אונטערן רעגן און האָט זיך צוגעשטעלט צו אירע שוועסטער.

די בלאָקאָווע האָט הינדען אַרומגעזוכט איבערן גאַנצן בלאָק און נישט געפונען, איז זי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און גערופן: „הינדע! הינדע!"

הינדע האָט זיך אָנגערופן. האָט די בלאָקאָווע געזאָגט:

— דו מוסט נישט דאָ שטיין. גיי אַריין אין בלאָק, זיי נישט קיין בהמה!

— אַז אַלע שטייען און מיינע שעוסטער שטייען — וויל איך אויך שטיין!

די בלאָקאָווע איז צו איר צוגעלאָפן, האָט געפּאַכט מיטן שטעקן און געשריגן:

— וואָס פאַר אַ בהמה דו ביסט!

זי האָט הינדען אונטער שטאַרקע קלעפּ אַריינגעיאָגט צו זיך אין שטוב שרייענדיק:

— אַז דו ביזט יאָ אַ בהמה — מוז איך דיך דערציען מיטן שטעקן! דו וואָלסט געקאָנט זיין גליקלעך ווען דו וואָלסט געווען אַ מענטש!

און זי האָט הינדען אָוועקגעזעצט צערעווען עטלעכע פּאַר סקאַרפּעטן פאַר איר ליבהאָבער דעם „קאַנאַדער".

דער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט, און די פרויען אין דרויסן האָבן געוויינט, געשריגן, געבעטן דער בלאָקאָווע — זי זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און זיי אַריינלאָזן אין בלאָק. דבורה־לאה האָט איר קינד שמחה׳לען באַהאַלטן אונטערן קלייד אויף די ברוסטן; רבקה׳לען האַלטן די פרויען און באַשיצן זי מיט זייערע גופים פון רעגן.

הינדע האָט נישט געקענט איינזיצן אין „שטוב". ווען די בלאָקאָווע איז איינגעשלאָפן האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט. זי האָט געגעבן אַ קאָץ (קאָלדרע) פאַר דבורה־לאה׳ן און די קינדער און זי האָט זיך ווידער צו־געשטעלט צו אירע שוועסטערס.

די שוועסטערס האָבן הינדען אויסגעמוסרט פאַרוואָס זי טוט אַזאַ נאַ־רישקייט: „מיר מוזן דאָך שטיין! אָבער מיט דיין שטיין דאָ ווערט דאָך אונדז ניט לייכטער. מיר זיינען צופרידן, אַז דו באַדאַרפסט כאָטש ניט ליידן".

האָט הינדע געענטפערט: „אַז איך פיל די זעלבע ליידן וואָס איר — איז מיר לייכטער.

דער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט, עס האָט אויך געדונערט און געבליצט.

ווען די בלאָקאָווע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר נאָכמיטאָג־שלאָף און האָט דערזען, אַז הינדע איז נישטאָ, איז זי ווידער אַרויסגעלאָפן מיטן שטעקן און האָט הינדען מיט שטאַרקע קלעפּ אַריינגעיאָגט אין „שטובע״: — אַז דו ביסט יאָ אַזאַ בהמה און דו ברעכסט די דיסציפּלין, וועסטו גיין אין אויוון אַריין מיט דער ערשטער סעלעקציע!

און דאָ מאַכט זיך אַזאַ מעשה: אין דעם זעלבן מעת־לעת, ,דאָס איז געווען „הושענה רבה״ אין מיטן דער נאַכט, די עפּטלינגען שלאָפן — פּלוצלינג קומט אַ באַפעל פון די עס־עס״ צו דער בלאָקאָווע. זי האָט דאָס איבערגעגעבן אויפן אויער צו די שטובן־דינסט — און „קאַפּאָס״. שנעל ווערן אָנגעצונדן אַלע לעמפּלעך און עס הילכן געשרייען:

„אויפשטיין! אויפשטיין!״

די „שטובן־דינסט״ און „קאַפּאָס״ שלאָגן מיט די שטעקנס: „אויפ־שטיין! אַלע מוזן זיך אויסשטעלן אויף איין זייט.. אַלע רעכטס!״

אַלע פרויען ווערן אַוועקגעשטעלט אויף איין זייט פולשטענדיק נאַקעט, האַלטנדיק אויפן אָרעם דאָס פּעקעלע שמאַטעס, וואָס דינט זיי פאַר קליידער.

געזעסן, און געלעגן, זיינען די „ברויט־פרעסער״, ווי דאָקטאָר מענגעלע האָט זיי אָנגערופן. מיט דריי טעג צוריק האָט ער, דער דאָקטאָר מענגעלע, אויסגעקליבן די געזונטסטע און קרעפטיקסטע און ער האָט יעדע פון זיי געגעבן צו גאַנצע ברויט מיט האַלבע וווּרשטן. מען האָט זיי צוגעהיט, אַז זיי אַליין זאָלן דאָס אויפעסן. די שמחה ביי זיי איז גרויס געווען און די קנאה און שנאה פון די זייטיקע נאָך גרעסער. צו מאָרגנס זיינען נאָך די „ברויט־פרעסער״ געקומען עטלעכע „דאָקטוירים״ אין די קצבישע פאַרטוכער מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל און מיט די רויטע אויסגעפרעסענע פּיסקעס און שטאַרקע מוסקולן, האָבן זיי אָנגעוואָרפן אַ מורא ווי חזר קיילער. זיי האָבן די פרויען מיטגענומען.

די דאָקטוירים האָבן פון די פרויען אויסגעצאַפּט צו עטלעכע ליטער בלוט, ממש ביזן לעצטן טראָפּן. (דאָס בלוט האָבן די דייטשן גענוצט פאַר זייערע פאַרוואונדעטע זעלנער). די פרויען האָבן זיך קוים צוריקגעשלעפּט אויף די פיס. זיי זיינען באַלד משנה צורה געוואָרן און אויסגעזען ווי מתים. און פון דאַמאָלט אָן קענען זיי נישט שטיין אויף די פיס.

הינדע האָט אַצינד זיך געוואָלט צושטעלן צו דער ריי. די בלאָקאָווע האָט זי נישט געלאָזט. זי האָט איר געזאָגט:

— דו ביסט טאַקע אַ פערד, אָבער דו האָסט אַ גוט האַרץ. דו דאַרפסט די מלחמה איבערלעבן, און עס זאָל דיר גוט זיין. פערד וואָס דו ביסט!

הינדע האָט געענטפערט:

שיין פון אייך, אָבער אַז מיינע שוועסטערס שטייען ביי דער סעלעקציע — מוז איך אויך שטיין!

און זי איז געגאַנגען. פריילין פאַלאַק האָט זי געפרווט פאַרהאַלטן מיט דער האַנט:

— וואַרט! — האָט זי געזאָגט, און אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

הינדע האָט זיך נישט געקענט גלויבן: די „בלאָקאָווע" זאָל קענען וויינען! אין איין אויגנבליק האָט די „בלאָקאָווע" אַרויסגעצויגן הינדעסביידע שוועסטערס פון דער ריי, נאַקעטע, מיט די פעקלעך שמאַטעס אויפן אָרעם. זי האָט זיי אַלע דריי אַריינגעשיקט צו זיך אין „שטובע".

דערווייל האָבן זיך דערהערט טריט; דאָקטאָר מענגעלע מיט אַ ציגאַרעט אין מויל, פריילין אירמאַ גרייזער און עטלעכע „עס־עס"־מענער רייסן זיך אַריין מיט שטורעם.

דאָקטאָר מענגעלע קוקט דורך יעדע פרוי. זיינע אויגן שטעכן ווי קינזשאַלן.

ער זוכט אַ פגם אויפן קערפער, צי עס שטאַרצן נישט צופיל אַרויס די ביינער, צי האָט נישט וועד קיין מום. ער הערט זיך איין צי גיט נישט וועד אַ הוסט, אַ ניס, אַ כליפּן פון געוויין. יעדער דאָ אין אוישוויץ ווייסט, אַז אין דאָקטאָר מענגעלעס האַנט ליגט זיין לעבן.

אָבער איצטער זיינען שוין אַ סך פרויען פאַרטויבט, ווי פאַרטויבטע בהמות פאַר דער שחיטה.

דאָקטאָר מענגעלע אַרבעט זייער גיך:

—רעכטס! לינקס! רעכטס! לינקס! — ווייזט ער מיטן פינגער.

דער זיבן־יאָריקער רבקהלען האָט די מאַמע אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך שטעלן ערגעץ אין אַ ווינקל, אפשר וועט גאָט באַווייזן אַ נס, אַז דאָקטאָר מענגעלע וועט זי נישט דערזען. רבקה׳לע האָט אַזוי געטאָן, אָבער דער דייטש האָט זיך נישט געלאָזט „באַטריגן". ער האָט רבקה׳לען אויסגעוויילט און מען האָט זי גלייך אַרויסגעפירט.

דאָקטאָר מענגעלע איז אָנגעטאָן אין „עס־עס"־מונדיר, וואָס איז באַהאַנגען מיט אויסצייכנונגען און עפּאָלעטן. ביי דער „אַרבעט" איז ער

תמיד געגאַנגען אָנגעטאָן יום־טובדיק.. ער איז געווען אַ הויכער, שיינער ברונעט. די אַרעסטאַנטן האָבן אים גערופן: „דער מלאך־המות אין געשטאַלט פון אַ גוטן מלאך".

ווען ער איז צוגעקומען צו די „ברויט־פּרעסער" האָט ער אַ פעסטן מאַך געגעבן אויף לינקס.

ווען ער האָט שוין געהאַט איבערגעקליבן אַ האַלבן בלאָק, האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט באַמערקט ווי צווייַ מיידלעך צעקושן זיך. איז ער צוריקגעגאַנגען און רואיק געפרעגט, פאַרוואָס זיי קושן זיך. האָט ער באַקומען אַן ענטפער: „מיר זייענען שוועסטער איז ביי אונדז אַ גרויסע פרייד וואָס מיר זיינען געבליבן צוזאַמען".

דאָקטאָר מענגעלע האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער האָט מיט אַ שמייכעלע איינע פון זיי צוגענומען.

דבורה־לאה, האַלטנדיק אויף די הענט איר דריי־יאָריקן שמחה׳לע, איז געשטאַנען די לעצטע. די מאַמע האָט גערעכנט: אפשר וועט גאָט דאָך באַווייזן אַ נס...

זי האָט נישט געוווּסט, אַז רבקה׳לען האָט מען שוין צוגענומען.

ווען דאָקטאָר מענגעלע האָט דערזען די מאַמע מיטן קינד, האָט ער געזאָגט:

— דו בלייבסט היר. דאָס קינד גייט מיט.

האָט דבורה־לאה געענטפערט:

— ווען זי נעמען דאָס קינד — דאַן גיי איך מיט.

האָט ער שטאַרקער באַפוילן

— ניין, דו בלייבסט היר!

דאָקטאָר מענגעלע האָט דאָס קינד געוואָלט אַראָפּרייסן פון דער מאַמעס אָרעם, אָבער שמחה׳לע האָט זיך מיט די הענטלעך איינגעפלאָכטן אַרום דער מאַמעס האַלדז. עס איז אים געווען שווער אַראָפּצוברעכן, אַזוי ווי אַ צווייג פון אַ בוים. שמחה׳לע האָט געוויינט אַזוי ווי אַ קראַנק קעצעלע. דברה־לאה האָט זיך געבעטן, אַז זי וויל מיטגיין מיט איר קינד.

אַזוי ווי דאָקטאָר מענגעלע האָט פון איר פאָרט אַוועקגעריסן איר קינד איז די מאַמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעווילדעוועטן טיגער און מיט די נעגל איז זי אים אַריינגעפאָרן אין די אויגן:

— מערדער! גיב אָפּ מיין קינד!"

דאָקטאָר מענגעלע האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. עס האָבן אָפּגעהילכט שאָסן. מאַמע און קינד זיינען געבליבן ליגן איינגעפלאָכטן איינס אין אַנדערן.

די העלדישע מאַמע האָט נאָך באַוויזן אויסצושרייען: „נקמה"!...

דאָקטאָר מענגעלע איז אַצינד געלאָפן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און געשישטערט אין יעדן ווינקל פון באַראַק. אירמאַ גרייזער און די „עס־עס" זיינען אים נאָכגעלאָפן. זיי האָבן געזוכט און געשישטערט אין קאָרידאָר, אין שפּייז־שטוב. צום סוף זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין דער בלאָקאָ־וועס שטוב.

אַזוי ווי דאָקטאָר מענגעלע האָט דערזען הינדען האָט ער זי געפרעגט:

„ווי זאָ קומסטו היר? האָט הינדע אים געענטפערט: „איך בין די „קאַליפאַקטאָרין" (משרתטע). דאָקטאָר מענגעלע האָט, לויט אירע קליידער, דערקענט, אַז זי זאָגט דעם אמת. ער איז שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין, אָבער עס איז אים איינגעפאַלן צו זוכן אונטער דער פּריטשע. ער האָט פון דאָרט אַפּוירגעצויגן צוויי מיידלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מתים. האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער בלאָקאָווע: „ווי־זאָ קומט היר דיזע שייסע!"

הינדע האָט אים געענטפערט: „די זיינען מיינע שוועסטער".

דאָקטאָר מענגעלע האָט הינדען נישט געהערט, ער האָט נאָך שטאַרקער געשריגן אויף דער בלאָקאָווע:

„דו שווינע־הונט! פאָלק פון באַטריגער!"

פריילין פאָלאַק האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן. האָט דאָקטאָר מענ־געלע געשריגן:

„האַלט דעם שנאָוץ!"

ער האָט אין איר אַריינגעשאָסן איין קויל נאָך דער אַנדערער און פריי־ליין פאָלאַק איז געפאַלן אויף דער פּריטשע מיט מאָוימדיקע קרעכצן, זיך געוואַלגערט, אַראָפּגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע און דאָס בלוט איז פון איר אויסגערונען.

דאָקטאָר מענגעלע האָט ביידע מיידלעך געשיקט אויף לינקס צו די אויסגעקילבענע און הינדען האָט ער באַפוילן: „דו בלייבסט היר!"

ווען מען האָט אָבער אַרויסגעפירט די „סעלעקטירטע" האָט זיך הינדע אַריינגעשאַרט אין דער ריי. די שוועסטער זיינען זאַלבעדריט געגאַנגען צום קרעמאַטאָריום.

* * *

רבקהלע איז דערווייל אָפּגעטיילט געוואָרן אין אַ באַזונדערן באַראַק פון בלויז קינדער, וואָס דאָקטאָר מענגעלע האָט זיי נעכטן, אין דער נאַכט פון הושענה רבה, אויסגעקליבן צו פאַרברענען.

די קינדער האָבן שוין געוואוסט נאָך וואָס מען האָט זיי דאָ איינגע־זאַמלט. טייל קינדער האָבן געשריגן:

— טאַטעשי! מאַמעשי; ראַטעוועט!

— איך וויל נאָך לעבן!

— איך וויל נישט פאַרברענט ווערן!

אַנדערע האָבן שטום געקוקט פאַר זיך.

אַרום און אַרום איז דער באַראַק געווען באַוואַכט פון „עס־עס". אויפן דאַך זיינען געווען קליינע פענצטערלעך. האָט רבקה׳לע געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל זיך דורך די פענצטערלעך פרווון אַרויסגנבענען.

די קינדער האָבן זיך אַרויפגעשטעלט איינס אויף דעם צווייטן און עס איז געלונגען עטלעכע אַרויפצוקריכן אויפן דאַך.

רבקה׳לע איז געווען די וועג־ווייזערין: זי איז געקראָכן די ערשטע.

זי איז געלעגן אויפן דאַך, רואיק איינגעהאַלטן דעם אָטעם, שטיל אַראָפּגעקוקט און געזען ווי דער „עס־עס"־מאַן מיטן ביקס שפּאַצירט הין און צוריק.

דער רעגן גיסט, דער ווינט בלאָזט. זי האָט אויסגעוואַרט אַ מינוט, ווען דער „עס־עס"־מאַן האָט זיך אַרונטערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט אַרום באַראַק, דאַן האָט זי זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט פון דאַך און נאָך איר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך עטלעכע קינדער.

עס איז געוואָרן ליכטיק פון פייער. שאָסן האָבן אָפּגעהילכט. עטלעכע קינדער זיינען געבליבן ליגן טויט. רבקה׳לען איז געלונגען צוצולויפן אין דער לאַטרין (בית הכסא) אַריין. דאָס איז גראָד געווען דער נאָענט־סטער באַראַק. זי איז אַרונטער אונטער אַ געזעס אונטערן דיל. זי האָט זיך אַריינגעדריקט אונטער אַ „קראָקווע" און דאָרטן איז זי אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט.

שמיני־עצרת אינדערפרי זיינען די קאַצעטניקעס אַריינגעקומען אין דער „לאַטרין". האָט רבקה׳לע געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך וועגן דער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע נאַכט.

קיין איין באַראַק האָט די שחיטה ניט אויסגעמיטן. די עלטערע און דערוואַקסענע זיינען גלייך געגאַנגען אין אויוון אַריין, ווי דער שטייגער איז דאָ: „מען קומט אַריין דורכן טויער און מען גייט אַרויס דורכן קוימען". די „עס־עס" האָבן איינגעזאַמלט די קינדער אין איין באַראַק. מען שמועסט, אַז זיי וועט מען פאַרברענען אום שמחת־תורה.

רבקה׳לע איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אָן עסן. עס

האָט זי געוואָרפן פון קעלט. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז עס ליגט דאָ ווער באַהאַלטן.

אויפן צווייטן טאָג האָט רבקהלע געהערט אַזאַ שמועס:

— האָסט געהערט, אין באַראַק פון די סעלעקטירטע קינדער פעלט איין קינד? עס איז געלונגען — זאָגן די „עס־עס" — איין קינד צו אַנטלויפן אין יענער נאַכט... געפונען האָט מען זעקס טויטע קינדער נאָכן שיסן. די „עס־עס" האָט פאַראָרדענט: אויב דאָס אַנטלאָפענע קינד וועט ניט זיין היינט ביז פיר נאָכמיטאָק, פירן זיי דורך אַ סעלעקציע. פאַר דעם איינעם קינד וועלן זיי נעמען הונדערט.

רבקה׳לען האָט די ידיעה אַ זעץ געגעבן אין האַרצן: „פאַר מיר הונ־דערט! צי מעג איך דאָס טאָן? מעג איך מיך ראַטעווען דורך דעם, אַז הונדערט זאָלן מיך אויסלייזן?... ניין! — האָט זי זיך געזאָגט. — אָבער איך בין נאָך אַזוי יונג, איך וויל נאָך לעבן! עס איז שוין באַלד אויס מלחמה, איך וויל ניט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט! איך וועל נאָך צוואַרטן, אפשר „סטראַשען" זיי בלויז די „עס־עס". מעגלעך, אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום. — אַזוי האָט רבקה׳לע געטראַכט.

דערווייל האָט יעדע בלאָק־עלטסטע אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין איבערציילן אירע מענטשן. פונאַנדערגעטריבן און ווידער געציילט. זיי האָבן געטראַכט: אפשר וועט דאָך פון וועלכן עס איז באַהעלטעניש קומען דאָס קינד און עס וועט זיך ערגעץ צושטעלן. אָבער אומזיסט. אומעטום האָט „געשטימט".

דער גאַנצער לאַגער איז געווען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד: אַלע האָבן געוווסט, אַז סעלעקציע — איז נישט גוט! אַז ווען מען זאָגט הונדערט, קאָנען זיין טויזנטער. יעדער האָט מורא געהאַט, אַז ער קאָן ווערן מיטגענומען.

דריי אַזייגער האָט מען אָנגעהויבן קלינגען און שרייען: „אַלעס אין בלאָק!"

רבקה׳לע האָט געהערט לויפן.. זי האָט געהערט ווי איין פרוי צו דער צווייטער האָט געזאָגט: „די שחיטה הויבט זיך שוין אָן".

אין יעדן בלאָק האָט מען אויסגעשטעלט די פרויען גרייט צו דער סעלעקציע. די בלאָקן־עלטסטע האָבן געהאַלטן אין איין ציילן. די „שטובן־דינסט" מיט די „קאַפּאָס" האָבן גענישטערט אין יעדן ווינקל פון לאַגער.

די „עס־עס" זיינען געשטאַנען גרייט און געוואַרט ביז די ווייזערס וועלן צוגיין צו פיר.

רבקה׳לע, ליגנדיק אין דער לאַטרין אונטער דער פּאָדלאָגע צווישן די

„קראָקוועס", האָט אַלץ נאָך געפּירט אַ קאַמף מיט זיך: — יאָ צושטעלן זיך נישט צושטעלן זיך? — פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט: מען האָט גע־וואָלט העגגען יעדע צענטע פרוי צוליב דעם ספרל וואָס איר מאַמע האָט געהאַט באַהאַלטן אונטער אַ ברעט, ווייל די „עס־עס" האָט ניט געוווסט צו וועמען דאָס ספרל געהערט. האָט זיך איר מאַמע אַליין צוגעשטעלט. „זאָל איך לאָזן גיין צום טויט הונדערט אַנדערע? ניין! — האָט רבקה'לע פעסט באַשלאָסן, — „איך וועל גיין אין זעלבן וועג ווי מיין מאַמעשי!"

רבקה'לע האָט נאָכאַמאָל אַדורכגעלעבט דאָס גאַנצע געשעהניש. זי האָט געזען ווי די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ריי און דרייסט געזאָגט צו אירמאַ גרייזער — דער קעניגין פון אוישוויץ: „איך בין די שול־דיקע! די ביבעל געהערט מיר!"

* * *

אין יעדן בלאָק איז שוין אַלצדינג צוגעגרייט צו דער סעלעקציע. די בלאָקאָוועס קוקן אויפן זייגער און עס פעלט נאָך צען מינוט צו פיר.

די „עס־עס" ציילן די סעקונדן.

אינדרויסן אין גאַנצן לאַגער געפינט זיך נישט קיין לעבעדיקער נפש. עס שוועבט נאָר דער מלאך־המות. די לופט איז אָנגעפּילט מיט סמאַ־ליענדיקן ביינער־געדוך פון די וואָס ברענען אין די קרעמאַטאָריעס. ביים באַראַק ווו עס געפינען זיך די סעלעקטירטע קינדער היטן עטלעכע „עס־עס"־מענער. זייערע טריט קלינגען אָפּ איבערן גאַנצן לאַגער. עס דוכט זיך אַז דאָס גייט דער טויט. די „עס־עס" קוקן אויף די זייגערלעך: עס פעלט נאָך אַכט מינוט צו פיר, און געגעצן פון לאַנגווייליגקייט.

ווי פון דער ערד אַרויס לויפט אַ מיידעלע מיט אויפגעהייבענע הענט. אַלע קוקן. די „עס־עס" ציען אויס די ביקסן. דאָס מיידעלע שרייט מיט אַלע כוחות:

— הערן פאַסטן! איך בין דאָס מיידעלע וואָס כ'בין אַנטלאָפן! איך בין עס!

מען האָט באַלד געמאָלדן אין ביוראָ פון די „עס־עס", אַז דאָס קינד האָט זיך אַליין צוגעשטעלט.

עס איז געקומען אַ באַפעל: „אויס סעלעקציע!"

אין אַלע בלאָקן האָט מען זיך צעקושט און געוויינט פאַר פרייד.

* * *

ווען רבקה'לע איז אַריינגעקומען אין בלאָק, זיינען אַלע קינדער צו איר צוגעלאָפן און געפרעגט: „פאַרוואָס ביסטו צוריקגעקומען? וואָלסט דו כאָטש זיך געוווען געראַטעוועט".

האָט זיי רבקה׳לע אַלצדינג דערציילט וועגן דער מאַמען אירער, און זי האָט פאַרענדיקט: „ברידערלעך און שוועסטערלעך, שטאַרבט שטאָלצע יידן! לאָמיר אַלע צוזאַמען אויסשרייען: „שמע ישראל״!
אַלע קינדער האָבן צוזאַמען אין איין אָטעם אויסגעשריגן:
„שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!!!״

* * *

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט, ווען דער גאַנצער לאַגער איז געשטאַנען אויף אַפּעל, איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. דאָקטאָר מענגעלע האָט אויס־געקליבן נאָך זעקס טויזנט פרויען... רבקהלע איז אַוועק אין אויוון אַריין צוזאַמען מיט אַלעמען.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט האָבן פון די פיר קרעמאַטאָריע אויוונס געיאָגט פלאַ־מען־פייער.

* * *

דבורה־לאה האָט נאָכגעטאָן איר פאָטער ר׳ אהרן און האָט ווי ער מקדש השם געווען.
רבקהלע ווידער האָט נאָכגעטאָן איר מאַמען און האָט מקדש השם געווען פונקט ווי איר מאַמע און איר זיידע.

- ס ו ף -

שטאָקהאָלם 1947 - ניו־יאָרק 1952.

צווייטער טייל

א בריוו פון דיכטער מאַני לייב

פאַר ראַקאָווי, ניו יאָרק, 14טן סעפּטעמבער 1950

חשובער פריינט ירחמיאל בריקס,

איך האָב דורכגעלייענט אייער מעשה וועגן דער קאַץ אין געטאָ, און פיל איצט אייך צו געבן א קאָמפּלימענט.

אַלץ וואָס איך האָב געלייענט פון אונדזער חורבן און מאַרטירער יאָרן אונטער די נאַציס — און ווי טאַלאַנטירט די שרייבער — א טייל פון זיי — האָבן איבערגעגעבן אונדזער טראַגיק, איז עס ביי זיי ארויס־געקומען ניט מער ווי כראָניק. אייך איז אבער געלונגען אנצושריבן אַ קינסטלערישע זאַך, וואָס איז טראַגיקאָמיש דורך דער אויסגעצייכנטער פאַבולע, וואו אַרום דער קאַץ אַנטוויקעלט זיך די גרעסטע יידישע פּיין אין איר גרעסטער טראַגיק.

„אַ קאַץ אין געטאָ" בעט זיך ממש דראַמאַטיזירט צו ווערן און אויפגע־פירט צו ווערן אויף דער בינע. און איך ראָט אייך דאָס צו טאָן. ארום דער קאַץ, וואָס דורך אזא אוצר קענען יידישע מענשן באַקומען אַ ברויט מיט וועלכן זיי קענען ראטעווען זייער לעבן.

ווען איר וועט דראַמאַטיזירן די זאַך, קען עס ווערן אַ גרויסע טראַגי־קאָמעדיע, וואָס וועט סימבאָליזירן אונדזער אומגליק אויף אַזאַ אופן, וואָס די גאַנצע דאָקומענטאלע ליטעראטור ארום אונדזער חורבן האָט עס ניט געקענט דערגרייכן.

טוט עס למען־השם!

מיט אַכטונג, אייער

מאַני לייב.

אַ קאַץ אין געטאָ

(דער אוצר)

אין די שפּייז־מאַגאַזינען פון לאָדזשער געטאָ זיינען געווען אַ סך מייז, וואָס האָבן אַ תּל־געמאַכט פון די פּראָדוקטן. קיין סם האָט מען נישט געטאָרט אונטערלייגן, ווייל די מייז האָבן דאָס געקאָנט פאַרשלעפּן — האָט מען זיך דעריבער געגוויטיקט אין קעץ. אָבער אין געטאָ זיינען דאָך קיין קעץ נישטאָ. די דייטשן האָבן פאַראָרדנט אונטער טויט־שטראָף, אַז יידן טאָרן נישט האָבן קיין שום הויז־חיה. אַזוי ווי מען האָט געשלאָסן די געטאָ, האָבן יידן געמוזט צושטעלן דער „קריפּאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי) אַלע הויז־חיות, אפילו הינט און קעץ, און צוליב דעם גרויליקן הונגער זיינען די קעץ אַליין אַנטלאָפן פון געטאָ. און מען האָט אויך די קעץ אויפגעגעסן. פּלוצים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: „ווער עס וועט ברענגען אַ קאַץ — דער באַקומט אַ ברויט פון צוויי קילאָ!"

אַז יידן האָבן דערהערט די דאָזיקע נייס, איז אַלעמענס טרוים געווען צו כאַפּן אַ קאַץ.

— אַ קלייניקייט — אַ גאַנץ ברויט?!

* * *

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרנאַכט. אין דער פּאַר־בעריי האָט נאָך געאַרבעט אַ גרופּע יידן איבערשטונדן, און אַ וואָך־הויז, פאַרטיפט איבער אַ בוך, איז געזעסן דער פיר און צוואַנציק יאָריקער שלמה זאַבלודאָוויטש. ער איז געווען וועכטער אין דער פּאַרבעריי. אַז זאַבלו־דאָוויטש האָט געלייענט, האָט מען געקאָנט שיסן מיט האַרמאַטן — האָט ער אויך נישט געהערט.

פּלוצלינג לויפט אַריין די פרוי הערשקאָוויטש מיט אַ גדולה: „פּאַניע זאַבלודאָוויטש, איך האָב געכאַפּט אַ קאַץ! איר וועט זיין אַ שותף. דאָס וואָרט, וואָס מיר האָבן זיך געגעבן, האַלט איך: מיר אַ האַלב ברויט — און אייך אַ האַלב ברויט!

שלמה זאַבלודאָוויטש האָט מאָמענטאַל פאַרגעסן אָן בוך. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ האַלב ברויט?

— יאָ! — האָט ער געגעבן אַ שיס־אַרויס מיט אַזאַ התלהבות, ווי ער וואָלט דערהערט, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

די פרוי הערשקאָוויטש האָט גלייך אַריינגעבראַכט די קאַץ מיט די ווערטער: „זעט איר, אַז גאָט וויל, העלפט ער!"

זאַבלודאָוויטשן איז ס'האַרץ געוואָקסן אויס פרייד. ער האָט מורא געהאַט די קאַץ אָנצורירן. זינט ער לעבט האָט ער נאָך קיין קאַץ אין זיינע הענט נישט געהאַלטן.

לאָזן די קאַץ פריי? קאָן זי נאָך, חלילה, אַנטלויפן. האָט ער אַ זאָג־געטאָן מיט אַ טאָן, ווי בשעת אַן אומגליק גיט אַ בליץ־אויף אַ גוטער געדאַנק:

— ווייסן זי וואָס, פרוי הערשקאָוויטש? ברענגען זי אַריין אַ זאַק, וועט מען די קאַץ אַריינלייגן!

די פרוי האָט אַריינגעבראַכט אַן איינשיט פון אַן איבערבעט (דאָ האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן די פאַרבלוטיקטע וועש נאָך די יידן, וואָס זיי האָבן אויסגעהרגעט, צום איבערפאַרבן. פון דעם האָבן יידן געמוזט וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן).

אַזוי לייכט איז זאַבלודאָוויטשן נישט אָנגעקומען אַריינצונאַרן די קאַץ אין דער איינשיט אַריין. ביידע האָבן זי צוגעבונדן. ער האָט די איינשיט איינגעוויקלט און אַרויפגעלייגט אויף דער באַנק. אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ לאַנגע איינשיט, האָט די קאַץ זיך אַראָפגעלאָזט אויף דער פאָדלאָגע. זי איז געקראָכן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער איינשיט און יאָמערלעך געוויינט: „מיאַו, מיאַו, מיאַו!" זי האָט געזוכט אַ וועג אַרויסצוקריכן.

די פרוי הערשקאָוויטש איז געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן, אַן אלמנה. אינדערהיים האָבן די קינדער יתומים געוויינט און געשריגן: עסן! עסן!

זי האָט געמוזט שטיין אין דער ריי ביי דער קיך נאָך די זופּן און ביי די קאָאָפּעראַטיוון נאָך דעם צוטייל. זי האָט נישט געהאַט קיין מינוט צייט. זי האָט זיך געאיילט אַהיימצוגיין. האָט זי געזאָגט:

— פאַניע זאַבלודאָוויטש, איר האָט דאָך צייט; איך ווייס אַז איר וועט מיך נישט אָפּנאַרן. לאָז איך דעריבער די קאַץ אין אייערע הענט. מאָרגן, באַלד אין דער פרי, גייט אין דער אַפּראָוויזאַציע אַריין, ברענגט דאָס ברויט, און מיר וועלן זיך טיילן.

זאַבלודאָוויטש האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. זי האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַהיימגעגאַנגען.

מיט קיין אייגענער מאַמען טיילט מען זיך היינט נישט מיט קיין ברויט—

עס איז אַ געטאָ... פאַרוואָס האָט זי אים צוגענומען פאַר אַ שותּף? ווייל ביידע האָבן געהאַט איין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט: ער האָט באַזוכט די מענער, זי — די פרויען, צי זיי טראָגן נישט עפּעס אַרויס פון פאַבריק. ביידע האָבן זיך נישט געמאַכט זען, כדי די אַרבעטער נישט צו „פאַרשיטן". די סודות האָבן זיי ביידע געבונדן, און איינער דעם צווייטן האָט שטענדיק אַרויסגעהאָלפן. און ביי אַ שמועס האָבן זיי זיך געגעבן ס׳וואָרט: אויב איינער פון זיי וועט כאַפּן אַ קאַץ, וועלן זיי זיין גלייכע שותּפים.

* * *

עס איז אַריינגעקומען אַ וועשין פון הויף מיט צוויי עמערס נאָך וואַסער. זאַבלודאָוויטש גיט איר שטענדיק וואַרעם וואַסער פון דער פּאַר־בעריי. זי האָט דערהערט דאָס מיאוטשען, האָט זי געפרעגט:

— פּאַניע זאַבלודאָוויטש, איר האָט אַ קאַץ?! — מיט אַזאַ טאָן האָט זי דאָס געזאָגט, ווי מען פרעגט וועמען, צי ער האָט געוואונען דעם מיליאָן.

— קומט דאָך אייך מזל־טוב, איר וועט האָבן אַ ברויט! יאָ... און הונדערט מאַרק אויך! איר ווייסט כאַטש, וויפיל עס שטייט היינט אַ ברויט? מיך פרעגט, — איך ווייס יאָ! אַ ברויט קאָסט היינט טויזנט אַכט הונדערט מאַרק! יאָ, יאָ, פּאַניע זאַבלודאָוויטש! רומקאָווסקיס מלוכה האָט זיך גוט אויס־געאַרבעט (רומקאָווסקי — דער פּרעזעס פון לאָדזשער געטאָ). אויף דער קאַרט אַכציק פעניק אַ ברויט, און אין דער גאַס — טויזנט אַכט הונדערט מאַרק! גיט מיר די קאַץ — איך האָב „פּלייצעס" (פּראָטעקציע) אין דער אַפּראָוויזאַציע (שפּייז־אַמט). נאָר — איך וויל האָבן אַ האַלב ברויט!

זאַבלודאָוויטש האָט איר געענטפערט, אַז ליידער געהערט נישט די קאַץ צו אים אַליין: עס איז שוין דאָ אַ שותּפטע.

האָט זי געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, פּאַניע זאַבלודאָוויטש, טאָ גיט איר מיר ביידע איין־פערטל ברויט. אָדער בעסער: איך גיב אייך שוין אויף דער האַנט אַ פערטל פון מיין ברויט, וואָס איך האָב היינט אַרויסגענומען, און גיט מיר די קאַץ. היינט איז שוין צו־שפּעט, די אַפּראָוויזאַציע איז שוין געשלאָסן, אָבער מאָרגן, באַלד אין דערפרי, נעם איך די פיס אונטערן אָרעם און איך ברענג אַ גאַנץ ברויט מיט הונדערט מאַרק, און אפשר נאָך מער! ווייל איך האָב דאָרט אַ גוטע „פּלייצע". איך וואָלט די וועש פון „גאָספּאָ־דאַזש" (באַלעבאָס) — קריגט איר צו די רעשט, אָבער דאָ וויל איך שוין האָבן אַ האַלב ברויט!

זאַבלודאָוויטש האָט זיך געטראַכט: אַזאַ געלעגנהייט גיט מען קיינעם נישט אַוועק. ער האָט טאַקע נישט קיין „פּלייצעס", אַז ער וועט אָבער קו־

מען אין דער אַפּראָוויזאַציע אַריין, ווען די קאַץ זיין די בעסטע „פּליצע״. די קאַץ טאָר איך נישט געטרויען, טאָמער נעמט זי זיך צו דאָס ברויט און גיט מיר גאָרנישט — וועל איך זי גיין קלאָגן צום ביראַט (יידן־ראַט)?!

האָט ער איר גאַנץ אַנטשלאָסן געענטפערט:

— ניין!

די פרוי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. זי האָט דוקא געוואָלט פאַר־דינען אַ שטיקל ברויט, איז זי צו אים נאָך שטאַרקער צוגעשטאַנען און געהאַלטן אין איין צוריידן. זי האָט דערווייל פאַרגעסן נאָך וואָס זי איז געקומען. זי האָט אים צוגערעדט, אַז ער זאָל פון איר נעמען דעם האַלבן קילאָ ברויט.

זאַבלודאָוויטש האָט שטאַרק געהונגערט. ווי לאַנג ער האָט זיך גע־פונען אין געטאָ, איז ער קיין מאָל נישט זאַט געווען. האָט ער געזאָגט:

— ברענגען זי אַריין אַ פערטל ברויט, נאָר אַן ערלעכע וואָג! וועלן זי נעמען די קאַץ און מאָרגן וועלן זי צוגעבן די רעשט. אַזוי וועלן זי איינע אַליין האָבן אַ גאַנץ האַלב ברויט און איך מיט דער שותפטע וועלן אויך נישט מער האָבן ווי אַ האַלב ברויט.

די פרוי האָט געזאָגט אַ צופרידענע:

— גוט, איך ברענג שוין אַריין! — און זי איז אַרויסגעגאַנגען.

אין דער היים האָט זי זיך מישב געווען: ברויט פון מיין קאַרט אַוועק־געבן אין פאַרויס? ניין, ברויט איז טייערער פון בריליאַנטן! פון דעם ברויט, וואָס איך האָב היינט אַרויסגענומען, מוז איך לעבן גאַנצע אַכט טעג. וואָס צו קאָכן איז נישטאָ, ניין! איך גיב נישט!

זאַבלודאָוויטשן האָט דער הונגער אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו דאָ־קוטשען. ער איז געווען זיכער, אַז אָט־אָט קומט די וועשין אַריין מיט דעם ברויט. אָבער ער האָט אומזיסט געוואַרט. זי איז נישט געקומען.

די קאַץ האָט דערווייל נאָך יאָמערלעכער געמיאַוקעט. זי האָט זיך גע־האַלטן אין איין שאַרן אין דער לענג און דער ברייט פון דער איינשיט. זי האָט געזוכט אַ וועג זיך צו באַפרייען.

* * *

דער אַלטער לאַנדע איז דאָ היינט דער קעסל־הייצער. ער איז פאַר־שמירט ווי אַ קוימענקערער. קליין, דאַר, איינגעשרומפּן ווי אַן אויסגע־טרוקנטער שוואָם. ער איז אַ געוועזענער רעסטאָראַטאָר. ער האָט געהאַט אַ געשעפט אין שענסטן פונקט פון לאָדזש — אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. מען רופט אים זולל־וסובא. נישט דערפאַר, וואָס ער עסט אַ סך, נאָר

ווייל ער רעדט אַ סך וועגן עסן: וואָס ער וואָלט אַלץ געגעסן, און וואָס ער האָט פֿאַר דער מלחמה געגעסן דאָ רעכנט ער אויס, וואָס ער האָט גע־געסן פֿון זונטיק ביז זונטיק — יעדן טאָג אַנדערע מאכלים וואָס ער האָט ליב צו עסן אין דער פֿרי, וואָס אויף דער נאַכט און וואָס שפּעט ביינאַכט; וואָס ער האָט אַלץ געגעסן אויף דער זומער־וואוינונג, אויפֿן דאָרף, און וואָסערע שנעפּסעלעך ער האָט אַלץ ליב. ער רעכנט אויס פֿאַר־שידענע קאָניאַקס, שאַמפּאַניער, בראָנפֿן, געמישטע ליקער — שטאַרקן און שוואַכן. אַז ער רעדט, זעט מען, אַז ער פֿילט דעם טעם פֿון דעם מאכל. מען זעט ממש, אַז עס רינט אים פֿון מויל.

אַז ער האָט דערהערט וועגן דער קאַץ, איז ער אין איין אָטעם אַריינ־געלאָפֿן צום וועכטער מיט דער ליולקע אין מויל, אָנגעשטאָפּט מיט קאַרשן־בלעטער. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרהוסט, ווי זיין שטייגער איז געווען — פּאַ־פּאַ־פּאַ, ע־כו, ע־כו, ע־כו... פּאַ־פּאַ־פּאַ־פּאַניע זאַבלודאָוויטש, ס׳קומט דאָך אייך מזל טוב! איר האָט דאָך טאַקע אַ קאַץ! אייך האָט אָפּגעגליקט... אַז אַ מענטש האָט מזל, איז גאָרנישט פֿאַראַן צו זאָגן... מיט אַ יאָר צוריק האָט מיך שיעור אויך געטראָפֿן דאָס גליק.

ער נעמט אַרויס די ליולקע פֿון מויל און דערציילט מיט אַ צופֿרידן שמייכעלע:

— איך האָב שיער געהאַט געכאַפּט אַ קאַץ. פֿון אונטער דער האַנט אַפֿיער איז זי מיר אַנטלאָפֿן! איך וועל אייך נישט זאָגן קיין ליגן, אַז איך אַליין בין דערביי געווען — ס׳זיינען געווען עטלעכע שותּפֿים. פֿון וואַנען, מיינט איר, איז די קאַץ? זי קומט פֿון דער שטאָט. זי האָט זיך אַריינגעגנבֿעט דורך די דראָטן. זי האָט אָפּגענאַרט די געטאָ־וואַך. די קאַץ מוז זיין פֿון אַן אונטער־אָפֿיציר. אָדער פֿון נאָך אַ העכערן פֿאַרשוין. נישט יעדער דייטש האָט היינט אַ קאַץ. זיי פּרעסן קאַצן־בראָטן. אוי, איז דאָס גוט. זאָל איך מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר! אַ קאַץ איז גאַנץ פֿעט, נאָר מען מוז דערצו מאַכן איין שנעפּסל, נאָך אַ שנעפּסל און נאָך אַ שנעפּסל. און דער־נאָך פֿאַרציען מיט אַ פּאַפּיראָסל, ווי גאָט האָט געבאָטן. נישט מיט אַזאַ מיסט! — גיט ער אַ צי אויס די האַנט מיט דער ליולקע. — אַ בראָך איז צו מיין קאָפּ! ס׳האַרץ ציט מיך אין דר׳ערד אַריין! כ׳מיין, אַז כ׳זינק איין! סשווינדלט מיר פֿאַר די אויגן, דער קאָפּ דרייט זיך ווי אַ קאַרוזעלע. כ׳האָב היינט אַריינגעצויגן פֿיר זופּן, זאָל איך אַזוי לעבן און איר אויך! ס׳איז וואַסער... עס איז מיר נאָך ערגער נאָך דער זופּ, ווי פֿאַר דער זופּ. ווען כ׳וואָלט כאָטש געקאָנט באַקומען אַ ביסל קאַרטאָפֿל־שאָלן! איר ווייסט נישט, אין וועלכער קיך עס איז היינט געווען קאַרטאָפֿל?... יאָ, האָב איך

איך געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי עס האָט מיך שיער אויך געטראָפן ס׳גליק. פאַר אַ יאָרן, ווען איך בין געווען אויף מאַרישין*) אין היים**) אויף אַפּרו, זיינען מיר אַזוי געזעסן אין דרויסן. דאָס איז געווען אין אַ פאַר־נאַכט. דעמאָלט בלאַנדזשען זיי, די קעץ. האָבן מיר טאַקע געזען: איבער די דראָטן קריכט זיך אַ קאַץ. האָבן מיר אַלע געבעטן: אוי, הלואי קריכט די קאַץ אַריין אין געטאָ. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי די קאַץ צו כאַפּן. איר קאָנט זיכער זיין, פאַניע זאַבלודאָוויטש, ווען די קאַץ קריכט אַריבער אין געטאָ אַריין — איז זי מיינע! איך הייס לאַנדע, פאַר־שטייט איר מיך, אין דער „אַפּראָוויזאַציע" די אמת׳ע „פּלייצעס"! די געווען ביי די דראָטן, האָט זי דער דייטש, ימח שמו, צוריקגעיאָגט, אַז ער זאָל דאָרט קריגן אַ האַרץ־אַטאַק, וואו ער געפינט זיך! איך האָב, פאַר־שטייט איר מיך, אין דער אַפּראָוויזאַציע" די אמת׳ע „פּלייצעס"! די אַלע גנבים האָבן ביי מיר, פאַרשטייט איר מיך, געפרעסן און געזויפן. איך האָב דאָך עפּעס געהאַט אַ רעסטאָראַן, מיט געבראָטענע פּיפּיקלעך, מיט געפילטע העלדזלעך, מיט געהאַקטע לעבערלעך מיט... וואָס זאָל איך אייך איצטער אויסרעכענען, וואָס איך האָב אַלץ געהאַט? פאָלגט מיך, פאַניע זאַבלודאָוויטש, מאַכט מיט מיר שותפות! גיט מיר די קאַץ, איך וועל ברענגען ס׳ברויט, וועלן מיר זיך טיילן — איך וועל אייך איינלייגן אַ טייערן משכון — זאָל איך אויסקרענקען דעם ביסן, וואָס איך וועל אייך צונעמען! איך הייס לאַנדע!

אָבער שלמה זאַבלודאָוויטש האָט אים גאַנץ אַנטשלאָסן געזאָגט — ניין, איך דאַרף נישט קיין שותפים.

— וואָס מיינט איר, פאַניע זאַבלודאָוויטש? אַז מען וויל רעכענען, געהערט די קאַץ צו אונדז אַלעמען, וואָס געפינען זיך איצטער אין פאַבריק. ווייל וואו האָט מען די קאַץ געכאַפּט? אין פאַבריק, האַ? זי דאַרף גע־הערן צו אַלעמען! אַלע דאַרפן זיין גלייכע שותפים; מיר אַלע דאַרפן גיין מיט דער קאַץ אין דער אַפּראָוויזאַציע, נעמען ס׳ברויט און זיך איינ־טיילן! ווייל היינט קען מען קיינעם ניט געטרויען קיין ברויט! דאָ איז אַ געטאָ, איר פאַרשטייט? נאָר אַזוי ווי איר זענט דאָך זאַבלודאָוויטש, פאַרגין איך אייך מיטן גאַנצן האַרצן, זאָל איך וואויל באַקומען!

---

*) מאַרישין — אַ פאַרשטאָט אין געטאָ.

**) היים — אַן אָפּרו־אָרט אויף צוויי וואָכן פאַר אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער, געפאָרן זיינען די, וואָס האָבן געהאַט פּראָטעקציע. דאָס האָט דער דייטש איינגעאָרדנט פאַר יענע אַרבעטער, אין וועלכע ער האָט זיך געניטיקט, זיי זאָלן אַרויסגעבן פּראָדוקציע.

דאָס האָט ער געזאָגט דערפאַר, ווייל ער דאַרף זאַבלודאָוויטשעס טובה: יענער באַזוכט אים ביים אַהיימגיין פון פאַבריק...

* * *

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. ס׳איז אָנגעקומען דער נאַכט־וועכטער — אַ הויכער, ברייטע־ביינ׳קער יעקע, דער זיידע זיינער האָט זיך געשמדט, האָט מען אים, דאָס אייניקל, אַריינגעשיקט אין לאָדזשער געטאָ. ער האָט דערהערט מיאָוקען די קאַץ, האָט ער זיך דערפרייט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— הערר זאַבלודאָוויטש, זי האָבן איינע קאַצע? פערקאָופען זי מיר! זי בעקומען פינפציג מאַרק, איך ווערדע אַם אַבענד מאַכען איין קאַצען־בראַטען.

— שעכטן די קאַץ? קיינמאָל אין לעבן נישט! איר זאָלט מיר אַפילו געבן צוויי ברויט! וואָס עפּעס אַ קאַצן־בראַטן?! מען זעט, אַז איר זייט נישט קיין ייד!

— זיכער בין איך קיין יודע! איך בין רייכס־דויטשע. מיין גראָס־פאָטער איסט געוועזן יודע! איך בין רייכס־דויטשע! און די דומע נאַ־ציס האָבן מיך איינגעזידלט אין געטאָ! דונער וועטער! — דאָ לאָזט ער אַראָפּ דעם טאָן און קלערט אויף אין דייטש, געמישט מיט אַ ביסל יידיש. ער גיט אים אַ גאַנצע וויסנשאַפטלעכע לעקציע, אַז אין פלייש געפינען זיך קאַלאָריעס און אין ברויט געפינען זיך וויטאַמינען; פלייש גיט מער ווי ברויט. איר זענט געשוואָלן, די ביינער זיינען קאַלכלאָז, מוזט איר עסן פלייש... „זי באַקומען פון מיר איינע האַלבע געבראַטענע קאַצע; דיזע האַלבע געבראַטענע קאַצע וועט זי געזונט מאַכן; איין קאַצע איז זייער געשמאַק, איין קאַצע איזט זייער זאַובער. מיינע פוס זיינען מיר אויך געשוואָלן. איין האַלבע קאַצע וועט מיך אויך געזונט מאַכן. קאַלאָריען! קאַלאָריען! דאָס איזט זייער וויכטיג פיר דעם קערפּער!”

זאַבלודאָוויטשן האָט אָנגעהויבן צו איבלען, האָט ער אויף אים גע־געבן אַ געשריי:

— מען זעט, אַז איר זענט נישט קיין ייד! איך וואָלט ביי דעם עסן געבראָכן!

נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת האָט זאַבלודאָוויטש אַריינגעטראָגן די קאַץ אין דער פאַרבערייַ. ער האָט זי אַנידערגעלייגט אין אַ ווינקל אויף אַ באַרג פאַרבלוטיקטע שמאַטעס, און איז אַהיימגעגאַנגען.

* * *

אויף די ליידיקע שטיקלעך ערד צווישן די ענגע מויערן, ווו די זון האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט, האָבן יידן געמאַכט גערטנער. ערד? — פון קוילן־שטויב, שטיקלעך ציגל, שטיינער, גלאָז. אַזאַ ערד האָט נישט געדאַרפט מעוברת צו ווערן...

אָבער — יידן האָבן אַריינגעלייגט אַזויפיל מי און מאַטערניש, ביז עס איז פאַרט אַרויסגעוואַקסן ערגעץ אַ צוויי בלעטלעך סאַלאַט, אַ ביסל קאָפּער, וואָס מען האָט געקאָנט איבערציילן די זאַנגען... יידן האָבן אַרויס־געריסן דעם ברוק, אַבי צו האָבן אַ פּיצל ערד. טייל יידן האָבן אויפן ברוק אַרויפגעשאָטן ערד.

פון אַלע זאָמען האָט מען אַממייסטן און אַמלייכטסטן באַקומען רעטעך. האָט מען איינגעזייט רעטעך, און די ערד האָט נאָר אַרויסגעגעבן אַ ביסל אָנעמישע רעטעך־בלעטער. האָט מען אָנגעהויבן צו עסן רעטעך־בלעטער.

אין דער גאַנצער וועלט זיינען בלעטער גרין; דאָ זיינען זיי געווען ווייס, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ קריש ערד, האָט איינגעזעצט רעטעך: אויף די טראָטואַרן, אין אַ קעסטל, אין אַ פלייש־פושקע, אין קינדער־וועגעלעך וואָס זיינען געבליבן נאָך דער „שפּערע" („שפּערע" איז געווען אַ גרויסע „סעלעקציע", וואָס האָט געדויערט זיבן טעג און זיבן נעכט — אין יאָר טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק; דעמאָלט האָבן די דייטשן צוגענומען כמעט אַלע אַלטע לייט און קינדער — צוזאַמען צוויי און צוואַנציק טויזנט פּערזאָן). יאָ, עס זיינען געבליבן קינדער־וועגעלעך, האָבן דאָרט יידן אַריינגעשאָטן זאַמד און פאַרזעצט רעטעך. מען האָט פאַרזעצט רעטעך אויך אין בלומען־טעפּ אויף די פענצטער. אין אַ פּאָר וואָכן האָט מען געהאַט רעטעך־בלעטער. און אַז מען האָט זיי אָפּגעשניטן, זיינען אין אַ פּאָר טעג אַרום פרישע רע־טעך־בלעטער אויסגעוואַקסן.

אויך קרויט האָט מען איינגעזייט ווייל פון דעם קרויט זיינען אויך אויסגעוואַקסן גרויסע, ווילדע בלעטער.

יידן האָבן געמאַכט פון די קרויט־בלעטער און פון די רעטעך־בלעטער די „בעסטע שפּייזן": פאַרשיידענע זופּן, ספּינאַק, סאַלאַט, לאַטקעס, אפילו פיש און פלייש.

ווי אַזוי האָבן יידן געמאַכט פלייש? מען האָט צעהאַקט די רעטעך־בלעטער אָדער די קרויט־בלעטער, מען האָט אַריינגעשאָטן אַ ביסל זאַלץ, פּאַפּריקע־ערזאַץ און מען האָט געפּרעגלט. אין דער פּאַטעלניע (פּאַן) האָט מען כסדר אַריינגעגאָסן טראָפּנס וואַסער, כדי עס זאָל נישט צוברענען, ווייל קיין שום געשמילץ איז נישט געווען. מען האָט זיך גענומען אין

זינען אַריין, אַז מען עסט פלייש — האָט מען שוין געפילט אַ טעם פון פלייש.

ווי אַזוי, ווידער, האָבן יידן געמאַכט פיש? מען האָט צעהאַקט די רעטעך־בלעטער אָדער די קרויט־בלעטער, מען האָט אַריינגעשאָטן אַביסל זאַלץ, אַביסל פּאַפּריקע־ערזאַץ, מען האָט צוגעטאָן אַ פּאָר סאַכאַרינקעס און מען האָט אָפּגעקאָכט. אין דער יויך האָט מען אויך אריינגעוואָרפן אַ פּאָר סאַכאַרינקעס, מען האָט זיך געגומען אין זינען אַריין, אַז מען עסט פיש — האָט מען געפילט אַ טעם פון פיש. פון שטענדיקן הונגער איז דער גומען אָפּגעשטאָרבן און מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן פון טעם ביז טעם.

איבערגעאַכט זיינען געשוואָלן געוואָרן די הענט, די פיס, דאָס געזיכט, דער בויך. יידן האָבן זיך נישט געקאָנט רירן, זיינען געבליבן ליגן אויף די שמוציקע געלעגערס. נאָך גרויס מי און מאַטערניש, אַז עס איז געלונגען אין איניקע טעג אַרום צו ברענגען אַ דאָקטאָר און אַז דער דאָקטאָר האָט געגעבן דעם ערשטן קוק אויף דעם חולה, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „עסט נישט קיין קרויט־בלעטער! עס נישט קיין רעטעך־בלעטער! פון דעם ווערט איר אַזוי געשוואָלן!"

האָבן יידן געענטפערט וויינענדיק: „טאָ גיט אונדז ברויט! גיט אונדז קאַרטאָפל! אָדער עפּעס אַנדערש! פּאַניע דאָקטאָזשע, וואָס זאָלן מיר עסן? אַז דער הונגער דאָקוטשעט אַזוי"...

די קראַנקע בלייבן ליגן אויף די געלעגערס, ווערן דאַר ווי די שטעקנס, עס בלייבן נאָר אויסגעמאַרכטע, אויסגעטריקנטע ביינער, איבערגעצויגן מיט אַ טויטער הויט; די אברים רינען אויס אין אייטער. זיי ליגן אַזוי ביז עס קומט דער גואל, דער טויט.

טייל ווערן פריער אויסגעלייזט; דער בויך פּלאַצט ווי אַ באַלון, עס פליסט אַרויס דאָס וואַסער און זיי פאַרשפּאַרן זיך לאַנג צו פּייניקן.

אַ סך מאָל האָט מען גענומען אַזאַ איינעם אין שפּיטאָל אַריין. עס זיינען געקומען דייטשע דאָקטוירים פון אויסערן געטאָ, געמאַכט אויף אים עקספּערימענטן ווי אויף אַ מייזל, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אונטער זייערע הענט.

אָבער נישט יעדער איינער האָט געהאַט זיינע אייגענע רעטעך־בלעטער אָדער קרויט־בלעטער. דער גרעסטער טייל האָט געמוזט קויפן. געלט האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט, איז די וואַליוטע געווען ברויט. אַז מען האָט שוין געהאַט די רעטעך־בלעטער, האָט מען געמוזט האָבן ביי וואָס אָפּצוקאָכן. קיין צוטייל פון האָלץ און קוילן איז נישט געווען, האָבן זיך מענטשן איינגעשטעלט ס׳לעבן. צוליב אַ שטיקל האָלץ זיינען אַ סך יידן

געשיקט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס אַריין: מען האָט צעריסן די שאַפעס, די פּלויטן, צענומען גאַנצע הייזער. מען האָט בײַ זיך אין שטוב אַוועקגעריסן די לייסטן פון די טירן, פענצטער, אַוועקגעריסן די פּאָדלאָגעס (דילן), פאַרברענט דאָס גאַנצע מעבל און אַלץ, וואָס איז נאָר געווען האַלץ. יעדע וואָך זײַנען די הויז־פּאַרוואַלטערס מיט פּאָליציי אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב קאָנטראָלירן, נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן. יידן האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן אַבי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס אָפּצוקאָכן דאָס ביסל רעטעך־בלעטער און קרויט־בלעטער.

* * *

איצט קערן מיר זיך אום צו זאַבלודאָוויטשן.

בײַ זיך אויפן הויף, קעגן איבער זײַן פענצטער, אויפן ברוק, האָט זאַבלודאָוויטש אַרויפגעשאָטן זאַמד און ער האָט זיך געמאַכט אַ „גאָרטן", גרויס פון אַ פיר מעטער. ער האָט געהאַט אַרויפגעשאָטן זאַמד אויף מער, נאָר די שכנים האָבן אים נישט פאַרגינען. זיי האָבן אים צוגענומען. „סטייטש", האָבן זיי געליאַרמט, „אַלץ פאַר איך! ? איר וועט צונעמען די גאַנצע ערד! ?"

פון איבערגראָבן דאָס „שטיק" ערד איז זאַבלודאָוויטש קראַנק געוואָרן. יעדער אבר האָט אים וויי געטאָן. ער האָט נישט געקענט נישט שטיין, נישט גיין, נישט ליגן. ער האָט געזען אַז ער שטאַרבט שוין. האָט אים אַ שכן אײַנגעריבן דעם גאַנצן קערפּער מיט ברען־שפּירט וואָס ער האָט זיך דורך ניסים פאַרשאַפט. נאָך אַ פּאָר טעג אָפּליגן אין בעט איז אים בעסער געוואָרן.

צוערשט האָט ער אײַנגעזעצט רעטעך און קרויט. דאָס קרויט האָט זיך צעשפּרייט, ווי מיט עלענבויגנס און פויסטן האָט עס אַוועקגעשאַרט די אַנדערע געוויקסן.

זאַבלודאָוויטש האָט געדיכט געזעצט. ער האָט אויסגענוצט יעדעס זעמדעלע: אונטערן קרויט האָט ער ס'ערשטע אײַנגעזעצט אַ רעטעכל, אונטערן רעטעכל אַ בוריקל, אונטערן בוריקל אַ מערל, אונטערן מערל אַ פּיעטרושקע, אונטער די פּיעטרושקעס האָט ער נאָכאַמאָל אַרײַנגעשמוגלט אַ רעטעכל. (און די געוויקסן זײַנען געוואָרן מאָדערנע מלאכות.) — זיי האָבן אַזוי לאַנג צווישן זיך געקעמפּט, ביז איינער דעם צווייטן האָט פולשטענדיק פאַרניכטעט.

די קרויט־בלעטער זײַנען ווילד געוואַקסן. יעדעס בלאַט האָט פאַרנומען אַ מעטער די לענג. און זאַבלודאָוויטשעס האַרץ איז אויס נחת מיטגעוואַקסן. ער האָט זיך געמאָלן אין זײַן פאַנטאַזיע, וואָס ער וועט

אַלץ מאַכן, ווען דאָס קרויט וועט זיין צייטיק: וועט ער מאַכן דאָס אמת׳ע שטיקל פלייש און פיש.

די קרויט־בלעטער, וואָס זיינען ביטער ווי גאַל האָט ער אויפגעגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, נאָר דאָ וואו עס האָט באַדאַרפט אַרויסוואַקסן דאָס ריכטיקע הייבטל קרויט האָבן זיך נעבעך אַריינגעכאַפּט ווערים.

ס׳ערשטע האָט ער געמיינט ,אַז פייגל עסן אויף דאָס קרויט, ווייל עס האָבן זיך געשאַפן קיילעכדיקע לעכערלעך אַזוי ווי פייגל וואָלטן אויסגעפּיקט, נאָר זאַבלודאָוויטש האָט אָנגעהויבן גוט נאָכצוקוקן, האָט ער געזען, אַז די אונטערשטע זייטן פון די בלעטער זיינען ווי באַרעגנט מיט קליינטשיקע ווערעמלעך, קוים מען דערזעט זיי מיטן אויג און דער זעלבער קאָליר ווי די בלעטער. פלוצלינג, דורך איין נאַכט, זיינען געבליבן סקעלעטן פון גאַנצן געוויקס, באַלייגט מיט גרינע שלאַנגען, מיט ברוינע, גאַלדענע און שוואַרצע פּאַסיקלעך. איז זאַבלודאָוויטש געפאַלן אויף אַ המצאה, ער האָט אַרויפגעשאָטן כלאָר, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. האָט ער געקרעכצט: נישטאָ קיין מזל! אַז עס איז באַשערט צו הונגערן העלפט גאָרנישט!

צום רעטעך האָט זאַבלודאָוויטש געהאַט מער מזל: אויסער די רעטעך בלעטער איז אויך אַרויסגעוואַקסן אַ רעטעכל. אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעריסן אַ רעטעכל, האָט ער גלייך אין זעלבן גריבל אַריינגעוואָרפן אַ זוימל רעטעך. אַזוי האָט ער אויסגענוצט די ערד דריי מאָל איבערן זומער. (שפּעטער האָט ער געזעצט גאַנץ געדיכט בלויז רעטעך כדי ער זאָל האָבן אַ סך רעטעך־בלעטער). אויף דעם רעטעך האָט ער אַרויפגעשאָטן אַ סך זאַלץ צו דעם צוגעטיילטן נויקעץ געקינצלט ברויט פון קוקורוזע און קאַשטאַן־מעל, האָט ער צוגעטרונקען אַ הייסן טאָפּ אומגעקאָכט געפּאַרבט וואַסער, דאָס האָט ער געקויפט אין אַ קאַווע־קיך, ווייל וועלכער ייד האָט זיך דאָס געקאָנט דערלויבן — אויף אַזאַ הולטאַיסטוואָ — צו מאַכן פייער אין דער היים? דאָס איז ביי אים געווען אַ באַל.

זאַבלודאָוויטש האָט געוואוינט אויף אַ הויכן פּאַרטער: אונטן, איבער דער גאַנצער לענג פון הויז, האָבן זיך געצויגן קעלערן. זומער איז דאָ געשטאַנען אַ מעטער וואַסער די טיף און ווינטער איז דאָ געווען איבער אַ מעטער אייז. דאָס שטיבל איז געווען שטענדיק פייכט.

זומער האָט מען זיך געקענט אויף דער פּאָדלאָגע אָפּקילן און אין ווינטער האָט די שטוב אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען אויפגעבויט פון אייז: סיי דער סופיט, סיי די ווענט, סיי די פּאָדלאָגע (דיל).

זומער זיינען די ווענט געווען פאַרשוואַרצט און אָפּגעשונדן. שלמה

זאַבלודאָוויטש האָט זיך אַליין אויפגעבויט אַ קעכל פון ציגל, אַ בלעך און אַ בלעכערנע רער. דאָס האָט ער אויפגעשטעלט אין אַ ווינקל ביי דער טיר. אין אַ צווייטן ווינקל איז געווען אַ הענגער מיט דעם ביסל אַלטע מלבושים. איין וואַנט איז געווען פאַרלייגט מיט יידישע ביכער, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער געטאָ און אויך צונויפגעזאַמלט פון די שטובן נאָך די „אויסגעזידלטע" (אַרויסגעשיקטע) יידן, כדי צו האָבן וואו אַריינצוקוקן.

אין איין ווינקל איז געשטאַנען די וואַליזע. דאָרט איז געלעגן דאָס גאַנצע ביסל שפּייז. אין דער מיט שטוב, אויף אַ פיר־עקעדיקן באַרג ציגל איז געלעגן אַ שווערע אייזערנע בלעך, צוגעדעקט מיט אַן אַלט אויסגעריבן טישטוך. דאָס איז געווען דער טיש. דערנעבן זיינען געלעגן בערגלעך ציגל, וואָס האָבן געדינט פאַר שטולן.

די צוויי שטרוי זעק זיינען געלעגן אויפן ליים פון דער אָראָפּגעריסע־נער פּאָדלאָגע. די לייסטן פון די פענצטער און טיר זיינען געווען אָראָפּגע־ריסן. אויך דאָס פענצטער־ברעט איז געווען אַרויסגעריסן. דאָס גאַנצע ביסל געהילץ האָט דאָס קעכל איינגעשלונגען נאָך פריער כדי אָפּצוקאָכן אַביסל וואַרעמס.

איצטער איז חנהלע, זיין ווייב, געשטאַנען אין דער פינצטער און ביים שיין פון דער לבנה האָט זי אונטערגעוואָרפן אויפן פייער די לעצטע שפּענד־לעך האָלץ פון דעם לעצטן שופלאַד, וואָס ס׳איז איר פאַרבליבן פון דער שאַנק, וואו זי האָט געהאַלטן דאָס ביסל וועש. זי האָט געקאָכט אַ זופּ פון רעטעך־בלעטער און געפּרעגלט פלייש פון קרויט־בלעטער.

זי האָט אויך צוגעגרייט אַ ניי מאכל — אַ צימעס פון קאַווע־מישונג, וואָס די געטאָ־יידן האָבן גערופן: קאַווע־מיסטונג. דאָס איז געווען גע־ברענטע גערשטן מיט פלעווער, פון וועלכן די דייטשן האָבן פריער אַרויס־געצויגן ס׳מעל אויף אַ כעמישן אופן. דאָס מיסט האָט יעדער „קאָפּ" באַ־קומען צו אַ האַלבן קילאָ אויף פופצן טעג. דער פּרייז — אַ טאָג אַרבעטס־לוין. יידן האָבן דאָס געגעסן פון די טאַרבעס מיט לעפל. עס האָט פאַרברענט די געדערים.

חנהלע האָט געבראַכט אַ רעצעפּט פון דער פאַבריק: זי האָט גענומען אַ ביסל קאַווע־מישונג, אַריינגעשאָטן אין אַ כלי, אַריינגעגאָסן אַ ביסל וואַרעם וואַסער, עטלעכע טראָפּן זשעפּאַק־אייל, אַ פּאָר סאַכאַרינקעס, אַ לעפעלע צוקער — און האָט געמאַכט אַ טייגל דערפון.

אַזוי ווי זאַבלודאָוויטש איז אַריינגעקומען אין דער שטוב, האָט ער דערציילט מיט גרויס פרייד פון דעם גליק וואָס האָט אים היינט געטראָפן: ער האָט אַ קאַץ!

— מאָרגן וועלן מיר, חנהלע, עסן ברויט צו דער זאַט!

זיי האָבן ביי דער לבנה־שיין אויפגעגעסן דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ פון די רעטעך־בלעטער און דאָס פלייש פון די קרויט־בלעטער. זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דאָס ברויט, וואָס ער וועט מאָרגן ברענגען פאַר דער קאַץ, זאָל ער נישט אויפעסן מיט איין מאָל, בעסער זיך איינטיילן אויף צוויי־דריי טעג.

— ביסט שוין אַזוי געשוואָלן, — האָט זי געזאָגט, — אַז מ'זעט קוים דיינע אויסגעלאָשענע אויגן אַרויס. גלויב מיר, שלמה, ווען איך קוק דיך אָן, פיל איך ,אַז ס'פלייש פאַלט פון מיר! וואָס וועט פון דיר זיין? אוי, ווען מיר וואָלטן געהאַט „פלייצעס"!

— דו ווייסט דאָך, — האָט זאַבלודאָוויטש געפּרוּווט שפּאַסן, — אַז קעפּ זיינען איבעריק אין געטאָ, דער עיקר זיינען פלייצעס... מען דערציילט, אַז עס האָט אַ פרוי געבוירן אַ קינד אָן הענט, אָן פיס און אָן אַ קאָפּ, האָט זי שטאַרק געוויינט. האָט זי דער דאָקטאָר געטרייסט: גענוג אַז דאָס קינד האָט פלייצעס, וועט עס האָבן פון אַלעם גוטן...

— אַזוי איז עס שלמה. איך, וואָס באַזיץ פיר שפּראַכן און האָב געפירט די קאָרעספּאָנדענץ אין דער גרעסטער לאָדזשער ביוראָ, מוז היינט זיין אַ צוויי־פיסיק פערד, שלעפּן אַ וואָגן...

— אַז איך קוק אויף דיר, — האָט זאַבלודאָוויטש געזאָגט, — שניידט מיר ס'האַרץ! וואו איז דיין קיילעכדיק פּנים? מיר זיינען נאָךביידע פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר און ווערן שוין „קלאַפּסידערס" (טויט־שאַרבנס). אָבער — די מלחמה קען זיך יעדע מינוט ענדיקן! און ס'וויכטיקסטע: מאָרגן, חנהלע, וועלן מיר עסן ברויט צו דער זאַט! ברויט!

דאָ האָט זי אים געוואָלט טרייסטן, האָט זי אים מכבד געווען מיט דער קאַווע־מיסטונג. ער האָט דאָס אויפגעגעסן אַזוי ווי אַ שטיק שאָקאָלאַד, דערנאָך האָט אים דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו טריקענען.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין טרייסטן אויפן קול:

— מאָרגן וועלן מיר עסן צו דער זאַט.

אויף דעם חשבון האָט חנהלע אָפּגעשניטן שטיקלעך ברויט פון די מאָרגנדיקע פּאָרציעס. זיי האָבן פאַרביסן און האָבן זיך געלייגט שלאָפן מיט אַזאַ צופרידנקייט ווי אַמאָל אין דעם האָניק־חודש.

זאַבלודאָוויטשן האָט זיך אין דער נאַכט גע'חלומט: ער קומט אַריין אין דער „אַפּראָוויזאַציע" אַריין מיט דער קאַץ. ער זעט אַ מאַגאַזין מיט זעק: מעל, צוקער, אַרבעס, גרויפּן גאַנצע שיכטן ברויט פון דער פּאַדלאָגע ביז צום סופיט. דער לייטער, הער שטשענשליווי, אַן אויסגעפּאַשעטער, מיט

אַ פעטן רויטן קאַרק, שטייט הינטערן טיש־קאַסטן. ער האָט געגעבן אַ הייב־אויף זיינע אויגן פון הינטער דיברילן. אַזוי ווי ער האָט דערזען די קאַץ, האָט זיך אויף זיין רונדיק פּנים צעגאָסן אַ שמייכעלע.

מיט גרויס פרייד האָט שטשענשליווי פון זאַבלודאָוויטשן אַ כאַפּ־אַרויס־געגעבן די קאַץ — און ער האָט אים דערלאַנגט אַ ברויט. האָט זאַבלודאָ־וויטש גלייך אָפּגעבראָכן אַ שטיק און געגעסן. ווען דער הער שטשענשליווי האָט דאָס דערזען, האָט ער אים געפרעגט: — אַזוי הונגעריק זענט איר? — דאָס זאָגנדיק, האָט ער אים דערלאַנגט נאָך אַ ברויט. אין איין אָטעם איז זאַבלודאָוויטש אַהיים געלאָפן צום ווייב. ער האָט פעסט געהאַלטן די צוויי ברויטן אונטער די אָרעמס, אין גרויס שרעק, אַז מען זאָל זיי ביי אים, חלילה, נישט אַרויסרייסן. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיין אינדערהיים. ער לויפט און לויפט. עס הייבט אים אַזש אויף אין דער לופטן. ביז — ער האָט געגעבן אַ פאַל־אַריין אין דער שטוב אויף דער פּאָדלאָגע. אַז ער איז אויפגעקומען, האָט ער געזען, אַז ער געפינט זיך אין בעט.

אין דער פרי, ווען די פרוי האָט זיך אָנגעטאָן צו גיין אין פאַבריק אַריין, האָט איר זאַבלודאָוויטש געזאָגט: — חנהלע, עס וועט היינט זיין אַ ברויט. איך האָב געהאַט גאָר אַ גוטן חלום. שטשענשליווי אַליין, דער וואָס פרעסט אונדז אויף לעבעדיקערהייט, ער אַליין האָט פון מיר גענומען די קאַץ און ער האָט מיר געגעבן נישט איין ברויט, נאָר גאַנצע צוויי! דו גלייבסט דאָך עפּעס אין חלומות, האַ, חנהלע?

זי האָט אים באַטראַכט און געזען ווי ער איז איבער נאַכט שטאַרקער געשוואָלן געוואָרן. עס האָבן זיך אים געשאַפן קישעלעך אונטער די אויגן. האָט זי אַ שווערן זיפץ געגעבן און אַ זאָג געטאָן: — טאַטע אין הימל! העלף מיר איך זאָל נאָך דערלעבן, אַז עס זאָל אויף מיין טיש ליגן אַ גאַנץ ברויט און מיר זאָלן קענען שניידן וויפיל מיר וועלן נאָר וועלן!

— וועסט זען, חנהלע, — האָט זי זאַבלודאָוויטש געטרייסט, — היינט וועלן מיר עסן ברויט צו דער זאַט.

זי האָט געוואונשן, אַז ער זאָל מצליח זיין, און איז אַוועק אין רעסאָרט (פאַבריק). אויף יענער זייט טיר האָט זי נאָך שטאַרקער באַקומען רחמנות אויף אים. האָט זי צוריק געעפנט די טיר און געזאָגט:

— שלמה, זאָלסט דיר נעמען פון מיין ברויט אַ שטיקל.

* * *

שלמה זאַבלודאָוויטש אַרבעט די צווייטע שיכט: פון צוויי נאָכמיטאָג ביז צען אָוונט. דערפאַר האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו שלאָפן אַ ביסל לענגער. אָבער היינט האָט ער נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. ער האָט

זיך גלייך נאָך דער פּרויס אָוועקגיין אַנגעטאָן און איז אַריבערגעגאַנגען קעגנאַיבער, אין „טיער־צוכט״. דאָס איז געווען אַ שטאַל פאַר קי, ציגן, שאָף און הינער, וואָס האָבן געגעבן מילך און אייער פאַרן „יודענראַט״.

דאָ האָט מען אַריינגעשיקט דאָס יונגע גרינצייג פון די ספּעקטען: מערעלעך, בוריקלעך, קאַרטאָפל, אַרבעס־שויטן, קאַלאַרעפּלעך און קאַלאַ־פּיאָרן. מיט דעם האָט מען געפיטערט די בהמות.

זאַבלודאָוויטש איז דאָ געווען אַן אָפּטער איינגייער. ער האָט פאַר דעם לייטער און אַרבעטער געבראַכט ידיעות פון דער געהיימער ראַדיאָ, וואָס ער האָט געהערט. ער פלעגט פון זיי אַמאָל באַקומען אַ ביסל גרינצייג אין זומער, און אין ווינטער — אַ ביסל שאָבעכץ פון קאַרטאָפל אָדער פון קילעריבן, וואָס מען האָט אַריינגעשיקט פון די קיכן. פון דעם האָט ער געשטעלט טשאָלנט.

אַזוי ווי עס איז נישט געווען מיט וואָס צו ברענען, זיינען יידן געפאַלן אויף אַ פּלאַן צושטעלן טשאָלנט: דער בעקער־איוון האָט געהאַלטן היץ פיר און צוואַנציק שעה. האָט מען נאָכן אַרויסרוקן ס׳ברויט אַריינגערוקט טשאָלנטער, דורך פיר שעה איז פאַרטיק געווען, האָט מען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַריינגערוקט. שפּעטער האָט מען געעפנט ספּעציעלע טשאָלנט־בעקערייען, וואו מען האָט געשטעלט דריי־פיר מאָל טעגלעך טשאָלנט פון רעטעך־בלעטער, קרויט־בלעטער און פון פאַרשידן שאָבעכץ. יאָ, איז זאַ־בלודאָוויטש דאָ אַריינגעקומען זיך טיילן מיט זיין פרייד.

אַז דער לייטער האָט דערהערט, אַז זאַבלודאָוויטש האָט אַ קאַץ, האָט ער געזאָגט: — ברענגט מיר נאָר די קאַץ. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב „פּלייצעס״ אין דער „אָפּראָוויזאַציע״, נאָר איך מוז האָבן אַ האַלב ברויט פאַר מיין טרחה. אַז אַ גאַנץ פרעמדער באַקומט איין ברויט, וועל איך זיכער ברענגען צוויי. גייט, ברענגט די קאַץ, באַלעמוטשעט נישט. אַ שאָד צייט! בעסער, אַז איך קויף זי ביי אייך פאַר אַן איי, איר באַקומט פאַר דער קאַץ אַ גרויס, שיין, פריש איי! וואָס זאָגט איר דערצו?

אין געטאָ האָט מען שוין געהאַט פאַרגעסן, ווי אַזוי אַן איי זעט אויס.

ווען זאַבלודאָוויטש איז אַרויס, האָט זיך צו אים צוגעשאַרט אויף אַלע פיר דער וועכטער. אים האָט מען גערופן קלעפּסידרע (נעקראָלאָג), ווייל ער האָט געהאַט אַ פּנים ווי אַ טויטן־שאַרבן. כאָטש עס איז דעמאָלט געווען תמוז, האָט אים געוואָרפן אין קעלט מחמת הונגער. ער האָט נישט געהאַט קיין בלוט אין זיך און ס׳האָט אים כסדר געקאַפּעט פון דער נאָז וואַסער. ער איז געקראָכן ווי אַ קליין קינד אויף אַלע פיר — אויף דער ערד אָדער ביי די ווענט. ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין דרייסיק יאָר. די לייז

האָבן געפּרעסן זיין לייב, די קליידער אויפגעפּרעסן פון דער בלאָטע, די שיך האָבן שוין נישט געהאַט קיין פאַדעשוועס.

אַט דער וועכטער, דוד קלעפּסידרע, האָט זאַבלודאָוויטשן איינגערוימט אין אויער: — איר באַקומט פון מיר אויף דער האַנט אַ האַלבן קילאָ ברויט! איך גיי גלייך אַרויסנעמען! נאַט, זעט די קאַרט!

איר זעט דעם נומער? — שטופּט ער אים די קאַרט אין די אויגן אַריין. — איך האָב אין דער „אַפּראָוויזאַציע" די ריכטיקע „פלייצעס!" מיר זאָלט איר ברענגען די קאַץ. איך האָב אַ ווייב מיט צוויי קליינע קינדערלעך. ס'האַרץ ווערט מיר צעשניטן, ווי זיי זיינען איבערנאַכט געשוואָלן געוואָרן! איך ווייס נישט צי פון די רעטעך־בלעטער, צי גלאַט פון נישט עסן, נאָר אַ שטיקל ברויט קען זיי ראַטעווען! איך באַדאַרף נויטיקער אַ שטיקל ברויט ווי דער לייטער, ער גיט זיך אַן עצה. געדענקט: די קאַץ געהערט מיר! איר הערט?

זאַבלודאָוויטש האָט זיך געטראַכט: אויף דוד קלעפּסידרעס קינדער איז טאַקע אַ רחמנות, אָבער איך בין דען ווייניג געשוואָלן? ווי זאָגט מיין פרוי? — וואָלסט געהאַט אַזאַ גרויס ברויט, ווי דו האָסט אַ געשוואָלן פּנים, — וואָלט דיר ס'געשווילעכץ אָפּגעפאַלן... זיי מיינען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ „פרייער". איך וועל זיי גיין געבן אַ ברויט גלייך אין מויל אַריין! וואָס, איך קען אַליין נישט טרעפן אין דער אַפּראָוויזאַציע אַריין? איך בין באַלעבאָס איבער דער קאַץ! אַז כ'וועל ברענגען ס'ברויט, וועל איך זיינע קינדער אַליין געבן צו שטיקלעך.

מיט דער מחשבה איז ער אַריין אין שטוב. ער האָט אויף זיך געכאַפּט דעם מאַנטל און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אין רעסאָרט (פאַבריק) אַריין.

שלמה זאַבלודאָוויטש האָט געהאַט צו גיין אַ גרויסן וועג. האָט ער דורך דער צייט, וואָס ער האָט זיך געשלעפּט מיט זיינע געשוואָלענע פיס, אַלצדינג באַטראַכט. אויפן וועג זיינען געפאָרן פול־אָנגעפּאַקטע אויטאָס מיט פאַר־טיקער סחורה פון די שניידערייען: מיליטערישע מונדירן, שינעלן און ציוויל־קליידער. מיט יעדן אויטאָ זיינען מיטגעפאָרן גמינע־באַאמטע מיט געל־ווייסע בענדער אויפן לינקן אָרעם, און אַ יידישער פּאָליציאַנט, ציוויל אָנגעטאָן, אין גלאַנציקע שטיוול, אין אַ גראַנאַטן קיילעכדיק היטל, מיט אַ צוויי־צענטי־מעטערדיקן אָראַנדזש־בענדל אין דער מיט „פרענטע". אויף דעם לינקן אָרעם — אַ געל־ווייסער באַנד מיט אַ טונקל־בלויען מגן־דוד. אויפן מגן־דוד— אַ מעטאַלענער נומער, און אין דער האַנט — אַ שטעקל. זיי האָבן געהיט די סחורה.

ווייטער האָבן זיך געצויגן גאַנצע צוגן: וועגעלעך מיסט, פעסער מיט „פעקאַליע", געשלעפּט פון טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, זיידעס, קינדער... די וועגעלעך און די פעסער זיינען געווען באַהאַנגען מיט טעפּ, אין וועלכע די צוויי־פיסיקע פערד האָבן געגעסן די צוגעטיילטע זופּן. די פעסער זיינען געווען לעכערדיק, האָבן זיי געלאָזט צייכנס אויפן גאַנצן וועג. אויף די פעסער זיינען געזעסן די גרעסערע קינדער און אין די וועגעלעך זיינען געלעגן די זויג־קינדער. לעבן די מאַמעס זיינען נאָכגעגאַנגען קינדער, זיך אָנגעהאַלטן אין די קליידער. טייל מאַמעס האָבן געהאַלטן אַ קינד אויף איין האַנט און מיט דער צווייטער געשטופּט דעם פאַס.

זייערע געזיכטער, די הענט, די פיס זיינען געווען באַשפּריצט מיט „פעקאַליע" (אָפּפלוס פון די בית־חכסא׳ס). זייערע קליידער — טראַנטעס — ווי איינגעטונקענע אין „פעקאַליע". איז שווערע האָלץ־שיך זיינען זיי געגאַנגען. די פיס אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. האַלב־נאַקעטע. זייערע גופים — אויסגעטריקנטע שוואָמען, אויסגעמאַרכטע, שאָטנס, סוף־זומער־דיקע פליגן... די תמוזדיקע זון האָט דערהיצט די בלעכענע קעסלען. די פעקאַליע קאָכט. פון דעם געשטאַנק קאָן מען דעם אָטעם נישט ציען.

יעדע ווייל ווערט די געדיכטע לופט דורכגעריסן פון אַ הוסטעריי. דאָס נעמט זיך פון די קראַנקע לונגען פון די „פעקאַליסטן".

אויפן טראָטואַר גייט נאָך דער אָנגעפּרעסענער באַלעבאָס פון וואָגן — דער, וואָס האָט אויף דעם אַ קאָנצעסיע פון די דייטשן. ער טרייבט אונטער די צוויי־פיסיקע פערד מיט קולות, וואָס פאַרהילכן די גאַס:

— שנעלער! שנעלער!

שלמה זאַבלודאָוויטשן איז איצט אויסגעקומען אַדורכצוגיין נעבן געטאָ־צוים פון ברעטער מיט שטעכעדיקע דראָטן. נעבן צוים האָט זיך געדרייט די וואַך באַהעלמטע סאָלדאַטן אין גרינע און גראַנאַטענע מונדירן, מיט ביקסן אויפן אָרעם, מיט שפּיזן, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף דער זון. זאַבלודאָוויטש האָט זיך דאָ געשאַרט מיט טויט־שרעק, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט מאַכן קיין פאַרוויילונג מיט אים דורך שיסעריי, ווי זיי מאַכן דאָס אָפט.

הויך אין דער לופט האָבן געקרייזט שווערע באָמבערס. סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט אויפן וועג איבערן צוים, מיט אַ געזאַנג: „אויף ענגלאַנד! מאָרגען געהערט אונדז די גאַנצע וועלט! — דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!"

עס האָבן אָפּגעהילכט האַרמאַטן־שאָסן פון די נאָענטע וועלדער, וואו עס האָבן זיך געאיבט סאָלדאַטן. אויפן וועג זיינען געפאָרן פויערים פון

די דערפֿער מיט פֿורן גרינצייג, פּרוכטן, עופות. דאָס האָט ביי זאַבלו־דאָוויטשן נאָכמער צערייצט דעם הונגער.

דערנאָך איז זאַבלודאָוויטש צוגעקומען צום ווינטער־פּאַלאַץ פֿון רומ־קאָווסקין. פֿון הויכן פּלויט אפֿער האָט ער נאָר געזען דעם דאַך מיט אַ שטיקל רויטן מויער. ער האָט באַטראַכט דאָס פֿעלד: ווי עס וואַקסן דאָ די קאַרטאָפֿל, בוריקעס, מערן, ציבעלעס, קנאָבל. דאָס פֿעלד האָט נאָר גע־האַט אַ צוים פֿון דראָטן. און פּאָליציילייט האָבן געהיט, אַז קיין הונגערי־קער זאָל נישט גנבענען. אַ ביסל ווייטער איז געווען אַ לאָנקע פֿון עטלעכע צענדליק מעטער די לענג, מיט נידעריק גרין גראָז. אינדערמיט איז צו אַ סלופּ געווען אָנגעבונדן אַ פֿעטע קו. ס׳האָבן זיך געפּאַשעט — אַ ציג מיט ציגעלעך. די ציגעלעך זיינען יעדע וויל אונטערגעשפּרונגען צו די צווייגן פֿון די יונגעביימעלעך און געפֿרעסן די בלעטער. די פֿי האָבן געהערט צום פּרעזעס פֿון לאָדזשער געטאָ — מרדכי חיים רומקאָווסקי.

אויף דער לאָנקע זיינען געלעגן לעבעדיקע מתים, מיט געזיכטער ווי טויט גראָז... זיי האָבן געריסן צו ביסעלעך גראָז און עס געפּרואווט אַריינ־לייגן אין די מיילער אַריין.

אַ איד אַ פּאַסטעך, מיט אַ פּאַלקע אין דער רעכטער האַנט, מיט אַ געלן באַנד אויפֿן לינקן אָרעם, וואָס פֿון זיין לינקער ברוסט און רעכטער זייט פּלייצע האָבן אַראָפּגעפּלעקט געלע לאַטעס אין פֿאָרם פֿון אַ מגן־דוד, האָט אַראָפּגעטריבן די מענטשן, שרייענדיק:

— איר ווילט, אַז מען זאָל מיך, צוליב אייך, אַרויסשיקן פֿון געטאָ? איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך, אַז די בהמות זאָלן האָבן וואָס צו פֿרעסן!

זאַבלודאָוויטש האָט אַלץ געטראַכט ווי גליקלעך ער איז, וואָס ער האָט אַ קאַץ.. היינט וועט ער עסן ברויט צו דער זעט...

אי־צט איז ער אָנגעקומען צו אַ שוי־פֿענצטער פֿון אַ „זשאַליקאָוויעץ", איי־נער וואָס האָט געלעבט פֿון אונטערשטיצונג. עס איז געווען אַ צייט, ווען אַ טייל פֿון די געטאָ־מענטשן האָט באַקומען פֿון דעם יודען־ראַט אונ־טערשטיצונג זיבן מאַרק אַ חודש. פֿון אַזאַ סומע איז זיכער נישט גע־ווען מעגלעך צו לעבן. אויסער דעם, האָט דאָס געדינט פֿאַר די דייטשן. זיי האָבן געזאָגט: די זאַשילקאָווצעס זיינען נישט פּראָדוקטיוו, מוז מען זיי „אויסזידלען"... און די דאָזיקע זיינען טאַקע געגאַנגען די ערשטע אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס... פֿאַר די זיבן מאַרק האָט מען נישט געקאָנט אויסקויפֿן די ראַציע (צוטייל). האָט אַזאַ איינער געהאַנדלט מיט זיין לעבן: ער האָט פֿאַרקויפֿט ס׳ברויט, האָט ער געהאַט אויסצו־

קויפן די „ראַציע". דערנאָך האָט ער פּאַרקויפט די „ראַציע" אַליין — האָט ער פֿאַר דעם זיך געקויפט קאָווע־מיסטונג און די וואַסערדיקע זופּן פון דער קיך, אויף דער קאַרט. ער האָט זיך אויך געקויפט איריסן, וואָס מען האָט גערופן „אַ שעה אין מויל". די איריסן זיינען געוואָרן אויסגע־אַרבעט אין געטאָ פון צוקער — פון דעם, וואָס די אַנגעשטעלטע האָבן אַרויסגעגנבעט פון די קאָאָפּעראַטיוון. די איריסן זיינען געווען געמישט מיט זאַמד און זיינען געלעגן אין מויל אַ צייט.

קינדער אין די גאַסן האָבן אויסגעזונגען מיט טרויעריקע שטימען: „איריסן! איריסן! גרויסע קלעצער! גאַנצע בעלקעס! אַ שעה אין מויל! פאַר צוויי מאַרק אַ שטיק! וועמען געבן? דאָס איז אַ רפואה די מלחמה איבערצולעבן! יידן האָבן געגאָגט די זאַמדיגע איריסן און געטרונקען וואַ־סער, ביז — זיי זיינען געשוואָלן געוואָרן און געפאַלן אויף די גאַסן. די „זאַשילקאָווצעס" זיינען געוואָרן „קלעפּסידרעס".

צו אַ געשעפט פון אַזאַ „זאַשילקאָוויעץ" איז עס שלמה זאַבלודאָוויטש איצטער צוגעקומען. דאָ איז געווען אויסגעסטראָיעט אַ שוי־פענצטער — איינס אין דער וועלט. אין שוי־פענצטער איז געלעגן אַ גאַנצע ראַציע, וואָס איז נאָר־וואָס אויסגעקויפט געוואָרן. קיין בעלנים צו קויפן פעלן נישט. נאָך אַ נס, וואָס דער רבונו של עולם האָט געשאַפן זאַשילקאָווצעס — אַז נישט וואָלטן די „ביירעטאָוצעס" (די יחסנים, וואָס האָבן געקראָגן אַ ספּעציעלן צוטייל (ביירעט), און די העכערע גמינע־באַאַמטע, חלילה, אויך געקאָנט ווערן „קלעפּסידרעס"...

די פליגן האָבן געהאַט „צוגעפעפערט" די שויבן, און דאָס ברעט איז געווען „אויסגעזאַלצן". די שפינען האָבן אויסגעצירט די ווינקעלעך פון פענצטער מיט שפינוועבעכץ, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דער זון מיט רעגנבויגן־פאַרבן. די מויער איז געווען אָפּגעשונדן. אויפן ברעט איז געלעגן סחורה — דער גאַנצער צוטייל אויף פופצן טעג: אַ שטיקעלע ברויט, וואָס איז רוי, און די זון דערבאַקט עס; אַ כוסעלע מעל, אַ כוסעלע מיט שטיקלעך ווערעמדיקע אַרבעס; אַ לעפעלע ברוינער צוקער; אַ שטי־קעלע קילעריב; אַ שטיקעלע קונסט־האָניק־ערזאַץ; אַ פּראַשעק פּאַ־פּריקע־ערזאַץ; אַ גלעזעלע קאַרענע פּאַרפּל; אַ קליינטשיק פּלעשעלע זשע־פּאַק־אויל; אַ טעלער קאָווע־מישונג. אויף אַ פּאַפּיר — אַ פּאָר סאַכאַ־רינקעס און עטלעכע איריסן, אַ טעלער רעטעך־בלעטער און אַ טעלער קרויט־בלעטער.

די פליגן האָבן דאָ אַרומגעטאַנצט אין אַ קאַראַהאָד.

ביים שוי־פענצטער, אין אַ בעט, איז געלעגן דער סוחר אין גסיסה. ער

איז געווען הויט־און־ביינער; די פליגן און לייז האָבן אים די רעשט אויפגעפרעסן. דאָס בעטגעוואַנט איז געווען באַרעגנט מיט פליגן און רויט באַפלעקט פון צעדריקטע וואַנצן...

אין דער שטוב איז געשטאַנען אַ ייִנגעלע — נאַקעט, ווי די מוטער האָט אים געבוירן. דאָס קינד איז נישט, חלילה, געווען אַזוי אָרעם ווי עס איז אַרויס פון דער מוטערס בויך. חס ושלום! וואָרים ווי קאָן עפּעס דער רבונו של עולם פאַרלאָזן אַ קינד? און דערצו אַ אידיש קינד! דאָס קינד האָט געהאַט סקראָפולען, וואָס האָבן זיך אים, קיין עין הרע, צעוואַקסן פון שפּיץ קאָפּ ביז שפּיץ פיס...

אינעם פּאָס זון, וווּ ס׳פליט שטויב, אַזוי ווי אין אַ קאַלך־מיל, איז דאָס קינד געשטאַנען און געוואָרעמט זיך.

שלמה זאַבלודאָוויטש האָט נישט געקאָנט קוקן. עס האָט אים פאַר־קלעמט ביים האַרצן — און ער איז ווייטער אַוועק אויף זיינע געשוואָלענע פיס. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די פאַרבעריי. אין די רינשטאָקן האָט ער דערקענט וואָס פאַר אַ קאָלירן מען פאַרבט היינט. אויפן טראָטאַור איז געלאָפן אַ יונגערמאַן און גע־שריגן:

— ס׳הונגערט מיך! ס׳הונגערט מיך! יידן, דערבאַרעמט אייך! גיט מיר עפּעס עסן! ס׳הונגערט מיך! ס׳הונגערט מיך!

ער האָט אויפגעהויבן אַ שטיינדל און האָט עס אַריינגעכאַפּט אין מויל אַריין. ער האָט געפּרואווט בייסן, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. האָט ער דאָס שטיינדל אַוועקגעשליידערט און איז ווייטער געלאָפן מיט אַ געשריי: „עס הונגערט מיך! עס הונגערט מיך! יידן, גוואַלד! — — —

זאַבלודאָוויטש האָט זיך נאָך אַ מאָל איבערצייגט ווי גליקלעך ער איז וואָס ער האָט אַ קאַץ — און ער וועט האָבן אַ ברויט...

דאָ לאָזן מיר זאַבלודאָוויטשן גיין נאָך דער קאַץ אין רעסאָרט אַריין און מען וועט זען וואָס אין רעסאָרט קומט איצטער פאָר.

* * *

אין דער „פּאָרטיערניע" (פּאָרהויז) שטייען די קעסלען זופּ, וואָס מען האָט געבּרענגט פון דער קיך און די צוויי „ווידזשעלאַטשקעס" (אויסטיילע־רינס) וואַרטן אומגעדולדיק.

אַן אויסטיילערין אין אַ קיך האָט מען נאָר געקענט ווערן, אויב מען האָט געהאַט אַ גוטע „פּלייצע" (פּראָטעקציע). אַן אויסטיילערין האָט דאָך נישט געהונגערט. אַ טייל „קאָנסומענטן" האָבן אונטערגעקויפט די אויסטיילערינס מיט גאָלד, בריליאַנטן, טייערע וועש, קליידער, שיך, אַבי

זיי זאָלן באַקומען אַ בעסערע זופּ. די אויסטיילערין האָט יעדן געקוקט אין פּנים פאַרן אָפּשעפּן דאָס ביסל זופּ. זיי האָבן זייער גוט אויסגעזען און זיינען געווען זייער חוצפּהדיק.

די פּאַרטיערניע איז אַן אַלטע הילצערנע בודע, וואו עס רעגנט אַריין. די ווענט זיינען אויסגעקלעפּט מיט פּאַפּיר, נישט כדי די קעלט זאָל נישט אַריינבלאָזן דורך די שפּאַרעס און לעכער, נאָר עס זאָל ביינאַכט, חלילה, נישט אַרויסשלאָגן קיין ליכט צוליב „לופט־שוץ" — כדי מען זאָל נישט ווערן פאַר דעם באַשטראָפט מיט אַרויסשיקן פון געטאָ אויף אַ זיכערן טויט, ווי דאָס טרעפט אָפט, פאַרן אַרויסשלאָגן אַ פאַסיקל ליכט.

ביים פענצטער וואָס עס גייט אַרויס אין הויף פון „באַטריב" (פאַבריק) שטייט אַ טיש און אַ צעבראָכענע שטול. דאָ זיצט דער פּאַרטיער. ביי דער וואַנט שטייט אַ לאַנגע צעבראָכענע באַנק, אונטערגעשפּאַרט פון שטיינער. פון איין זייט שטייט אַ פאַס וואַסער מיט צוויי עמערס, אָפּגעפּאַקאָסטירט אויף רויט. איין עמער מיט וואַסער און אַ צווייטער — מיט אַ פּלומפּל און אַ קישקע. דערנעבן שטייט אַ קאַסטן זאַמד. איבער דעם הענגט אויף דער וואַנט אַ ווייס צעטל מיטן אויפשריפט L. S. W. (לופט־שוץ־וואַכע). אַביסל העכער הענגט דעם געטאָ „קייסערס" בילד, רומקאָווסקי.

אינדערמיטן שטייט אַן אויוון מיט אַ פאַראָסטעטע קרומע רער מיט עטלעכע דראָטן צוגעצויגן צום באַלקן, כדי זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן. ווינטער, ווען מען הייצט דאָ איין, קען מען דעם אָטעם נישט ציען — ווען דער אויוון גייט אויס — איז דאָ קעלטער ווי אין דרויסן.

אויף דער וואַנט הענגט אַ רונדיקער זייגער, וואָס דעצידירט פאַר די אַרבעטער זייער לעבן: פאַרשפּעטיקט מען אַ פּאָר מינוט, לאָזט מען נישט אַריין אין רעסאָרט, באַקומט מען נישט די זופּ, מען הייסט אַ דעזערטער. פאַר דעם שיקט מען אַרויס פון געטאָ אויף אַ זיכערן טויט.

אויף דעם זייגער גייט מען עסן די זופּ, אויף דעם זייגער גייט מען אַהיים.

די אַרבעטער אין „באַטריב" האָבן איצטער אָנגעשפּיצט זייער גאַנצן געדאַנק אויף דעם זייגער פון „פּאַרטיערניע" אַז ער זאָל שוין ענדלעך הייסן קומען נעמען ס'ביסל זופּ.

שטייען דאָ איצטער די צוויי אויסטיילערינס אין ווייסע שירצן, מיט ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ. און זייערע אויגן אין די רונדיקע אויסגעפּאַשעטע פּנימער קוקן נערוועז אויפן זייגער און ציילן די מינוטן. זיי מוזן נאָך גיין היינט אין אַ סך „רעסאָרטן" אויסטיילן די זופּ.

ענדלעך האָבן זיך בײדע װײזערס צוזאַמענגעטראָפן אויף צװעלף און דער אַלטער קלאַק הײבט אָן קרעכצן.

כאַפּט דער פּאַרטיער דאָס פּאַרסאַדזשעטע אײזערנע רערל, ער עפנט אויף דאָס פענצטערל און ער קלאַפּט נערװעז מיטן גאַנצן כוח אין דער שטאָלענער רעלס, װאָס הענגט אויף אַ דראָט אין דרויסן אויף דער װאַנט — קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג! די אַרבעטער שיטן זיך אַרויס פון די טויערן פון „באַטריב" מיט די טעפּ אין די הענט.

יעדער װיל װאָס פריער באַקומען ס׳ביסל זופּ, פון װאָס ער טרוימט אַ גאַנצן מעת־לעת. זײ לויפן מיט אַלע כוחות, שפּרינגען אײנער איבער דעם צװײטן. אַ געשטופּערײ, אַ געשטויס, אַ גערודער, אַ געפילדער און אין אײן אויגנבליק שטײט אַ לאַנגע רײ. עס פליען שיסלען, טעפּ, מאַ־נאַשקעס, איבער די הענט, איבער די קעפּ, די אויגן בליצן װילד, מער־דעריש קריצן די צײנער. עס הילכן גװאַלטן: לאָז מיך צו!

— איך שטײ דאָ פריער פאַר דיר!

— אָבער איך בין הײנט אָן ברויט!

— און איך? איך האָב נאָך הײנט גאָרנישט אין מויל געהאַט!

— גײ אַװעק! איך פלעט דיר דעם קאָפּ מיט דײן אײגענעם טאָפּ!

— פּפו, פּפו, — גיט ער אים אַ שפּײ אין פּנים אַרײן און ער װאַקלט זיך צו צום סוף רײ װי אַ שיכור.

* * *

בײם פענצטערל:

אַ ײנגל, הויט און בײנער, אין צעריסענע שמוציקע מלבושים, אין שװערע טרעפּעס (האָלץ־שיך), רעדט מיט אַ קול פון אַ יונג הענדל:

— נעכטן האָבן זי מיר געגעבן צװײ זופּן, האָב איך געפונען מער ניט װי צװײ פּיצלעך קאַרטאָפל, גרויס װי ניסלעך. װען איך האָב זײ אײנגע־ביסן, האָב איז געמײנט, אַז איך װער פאַרגאַזט, אַזוי — האָבן זײ גע־שטונקען!

עס אָכצט אַן עלטערער ײד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, װאָס זי איז אַזוי אײנגעריכט, װי ער װאָלט זי נאָר װאָס אַרויסגענומען פון אַ בלאָטע. פון שװאַכקײט רעדט ער הײזעריק:

— איך בעט אײַך זײער, גיבן זי מיר אַ שײנע זופּ, דאָס איז מײן גאַנצער טאָג לעבן. אין דעם זכות װעט אײַך גאָט העלפן.

— נו, אַ סוף שוין! גיט אײַך שוין אַ ריר! לאָזט מיך אויך צו צו איר! — צעשרײַט זיך דער רויטער יאַבלאָנקע אויף גראַם — אוי, איז

דאָס אַ שיינע „ווידזשעלאַטשקע”, זאָג איך ענק, טיילט זי — אַזאַ יאָר שוין אויף מיר און טאַקע אויך אויף איר!

ער טראַכט מסתמא, אַז פּאָר אַזאַ קאָמפּלימענט, וועט זי אים געבן די ריכטיקע זופּ. אָבער פון וואַנען זאָל זי האָבן פאַר יעדן געדיכטע זופּן? סך־הכל איז אויף יעדן קאָפּ צוגעטיילט אַ פּאָר דעקאָ קילעריבן און טייל־מאָל אַ פּאָר דעקאָ קאַרטאָפל אויך.

דער רויטער יאַבלאָנקע בייגט זיין קאָפּ טיפער אין פענצטערל אַריין און זיינע אויגן ליגן אין קעסל: — פּאַני „ווידזשעלאַטשקע”, איך מיין נישט קיין געלאַכטער — שעפּן זי אַ ביסעלע טיפער און אַ ביסעלע געדאַכטער! — שנעל ווי אַ בליץ גיט ער אַ כאַפּ צוריק דאָס טעפּל. ער כאַפּט עס צו צום מויל. ער גיט אַ פּאָר מיט דער צונג פון אונטן אַרויף, עס זאָל חלילה נישט אַראָפּרינען די טרער זופּ, וואָס דער שעפּער האָט אַרויפגעוויינט ביים איינגיסן. דערנאָך גיט ער אַ לעק אַרום דעם ראַנד פון טעפּל און ער גיט עטלעכע טרונק. דאָס אַלץ געדויערט אַן אויגנבליק. דאַן נעמט ער דעם לעפל וואָס ער האַלט גרייט אין דער האַנט די גאַנצע צייט, ער שטעקט אים אַריין אין טעפּל און ער ציילט איבער די קאַרטאָפל. און ווי מען וואָלט אים פּלוצלינג אָפּגעבריט גיט ער אַ געשריי: — „אוי, די בראָך איז גרויס! ריין וואַסער! קילעריבן פּישעכץ! די קאַרטאָפל פּרעסן זיי אַליין אַרויס! אויפפּלאַצן זאָלן זיי!”

דער ניין־יאָריקער משהלע איז געפאַלן אויף אַ המצאה: אין טעפּל האָט ער אַריינגעזעצט נאָך איין באָדעם מיט לעכערלעך ווי אַ זיפּ, אין דערמיטן אַ שטעקעלע. ער גייט צו צום פענצטערל שטיל, ער רעדט קיין איין וואָרט נישט אַרויס. אַזוי ווי די אויסטיילערין גיט אים צוריק דאָס טעפּל, גיט ער אַ ציִ אַרויס דעם באָדעם און ער שטעכט איר די אויגן אויס. דער באָדעם אַליין רעדט שוין פאַר משהלען: נאַ זעסט ווי דו האָסט מיך באַגנבעט, — האָט זי דאָך נישט קיין ברירה, גיט זי אים צו אַ פּאָר פּיצעלעך קילעריבן, אָדער קאַרטאָפל.

דער קליינער בערענשטיין, וואָס אין דער „שפּערע” האָבן אים די דייטשן צוגענומען זיין גאַנצע משפחה און אים האָט זיך איינגעגעבן אויס־צובאַהאַלטן אין אַ פּאַס פּעדערן אויפן בוידעם, האָט אַ פילאָזאָפיע: אונטן אין קעסל מוז די זופּ זיין געדיכטער. האַלט ער אויס און ער גייט שטענ־דיק דער לעצטער. ווען ער נעמט צוריק דאָס טעפּל און ער מישט עס אויס מיטן לעפל, בלייבט ער אַנטוישט: קיין איין פּיצל קאַרטאָפל געפינט זיך שוין נישט, אַלץ איז אויסגעשעפּט. בעט ער די אויסטיילערין, זי זאָל אים כאָטש געבן אַ ביסל מער. זי קווענקלט זיך, זי אַליין באַקומט צוגע־

ציילטע פּאַרציעס, אָבער עס דערוועקט זיך אין איר אַ רחמנות אויף דעם זיבן־יאַריקן עלנטן יתומל, גיסט זי אים צו, אויף איר אייגענער אחריות, נאָך אַ האַלבע פּאָרציע. דאָס יאַטל גייט אַוועק אַ צופרידענער, ווי ער וואָלט איינגענומען די וועלט.

מען לויפט און מען טרינקט. יעדער זוכט זיך אויס אַ ווינקל און מען נעמט די טעפּ צווישן די פיס, מען ווישט אויס מיט די פינגער און מען לעקט אויס מיט דער צונג ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ טייער געבראַטנס.

אָפּלעקנדיק דעם לעפל, פאַרשטעקנדיק מיט איין האַנט דעם טאָפּ אונ־טער דער פּלייצע ציען זיך אַלע צו צום וואַך־הויז — אַזוי ווי קעץ — צו כאַפּן אַ קעסל, אויסצוקראַצן דאָס ביסעלע איבערבלייבעכץ אויף די ווענט און באָדעם.

ווען די אויסטיילערינס גייען אַוועק מיט די קעסלען, קלייבן זיך אַלע אַרבעטער צונויף אין איין ווינקל פון „באַטריב" און עס גייט דער טאָג־טעגלעכער שמועס: וועגן „ראַציעס" (צוטיילונגען), וועגן די טאָ־לאָנען, וואָס די „קעראַוווניקעס" טיילן אויס — ניין, נישט פאַר די וואָס אַרבעטן שווער, נישט פאַר די קראַנקע, נאָר פאַר „פּלייצעס".

דער רויטער יאַבלאָנקע ווילט זיך: „איך ווילט הערן אַ מעשה וועגן פּלייצעס? כ'בין געווען אין קאָאָפּעראַטיוו, האָט אַ קצב געגעבן אַ קניפּ אַ שיין מיידל אין געזעס, נו, נו, האָט איר באַדאַרפט הערן ווי זי האָט אויף אים געגעבן אַ געשריי: — וואָס קנייפּט איר מיר עפּעס אין דער פּלייצע?! — האָט ער איר געזאָגט: — דאָס איז דאָך נישט די פּלייצע! — האָט זי אים געענטפערט: — אַנטשולדיקט, דאָס זיינען מיינע פּלייצעס!

אַלע צעלאַכן זיך, יאַבלאָנקע אויך, און ער רייסט איבער דאָס לאַכן מיט די ווערטער: — איר לאַכט? פּלייצעס אַהין, פּלייצעס אַהער, עס איז שוין אוממעגלעך דעם הונגער איבערצוהאַלטן!

— אוי, — זיפצט אַ פרוי. — דער דאַאַטש וואָלט כאָטש אַראַנגעשיקט קאַרטאָפל־שולן, וואָלט מען געמאַכט לאַטקעס, באַבקעס, טשולנט!

די צוויי און צוואַנציק יאַריקע אסתר עסטרייך, וואָס איז אַריינגעשיקט געוואָרן פון זדונסקע־וואָליע אין לאָדזשער געטאָ, הערט נישט אויף צו וויינען נאָך איר גאַנצער משפּחה, וואָס די דייטשן האָבן אין אירע אויגן אויסגעקוילעט אויפן בית־עולם. זי האָט היינט געברענגט עטלעכע רע־צעפּטן, ווי אַזוי צו מאַכן פון קילעריבן־שאָבעכץ פאַרשיידענע סאַלאַטקעס, טאָרטן, טשאָלנט און ביפשטעק.

אַלע חלומען וועגן קילעריבן־שאָלעכץ. נאָר דער געלער יאַבלאָנקע, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ קראַנקן פּאָמידאָר און די הויט שיילט זיך אים, רייסט

איבער דעם חלום מיט די ווערטער: „צו די אַלע סאַלאַטקעס, באַבקעס, טאָרטן דאַרף מען צו טאָן אַ פּאָר סאַכאַרינקעס — האָט עס אַ טעם גן־עדן! דאָס קען מען פאַרשטיין?" יאַבלאָנקע אַליין האַנדלט מיט סאַכאַרין. ווו ער קומט רופט ער מיט אַן אייגענעם ניגון: סאַכאַרין! פיר פאַר איין מאַרק, סאַכאַרין!" און ער דערציילט, אַז זיין ווייב קאָכט אים רייז פון רעטעך, האָט דאָס אַ טעם — ווינטשט ער זיך גאָרנישט קיין בעסער יאָר!

ווערן אַלע נייגעריק — ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? — פרעגן עטלעכע מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זאָגט ער: איך קען אייך געבן די „רע־צעפּט". די יעקישע (דייטשע) יידן נעמען אַרויס די נאָטיץ־ביכלעך מיט די בלייפעדערס, די פּוילישע יידן פאַרגעדענקען אַלץ אויפן קאָפּ. יאַב־לאָנקע דערציילט: — מען נעמט רעטעך און מען שיילט אָפּ, ווייל די הויט איז האַרט, דערנאָך רייבט מען אויפן דיקן רייבאייזן און מען באַזאַלצט. מען שטעלט צו אַ טאָפּ וואַסער, ווען עס קאָכט — וואַרפט מען אַריין דעם רעטעך, מען לאָזט קאָכן אַ פופצן מינוט, מען גיט אויף אויפן טעלער, האָט מען רייז, ריכטיקן רייז! זאָל איך אַזוי די מלחמה איבערלעבן! און די יויך איז אַזוי ווי אַ טייערע הינער־יויך! ווער שמועסט אַז מען האָט נאָך דערצו אַ פאַרמלחמהדיקע פאַרציע צוקער־באַבעס? זאָג איך אייך, זאָל קיין שונא נישט וויסן דעם טעם!

פיניעלע מזיק: אַזוי רופט מען אים פאַר זיינע ווילדע שטיק, מען רופט אים אויך קילע־מאַן, ווייל ער וואַקלט זיך ווי אויף קוליעס. ער דאַרף האָבן וויגאַנטאָל צו שטאַרקן דעם מאַרך פון די ביינער, כדי ער זאָל קאָנען גיין. אַלט איז ער אין גאַנצן זעכצן יאָר און ער זעט אויס מיט זיין גאַנג ווי אַ זקן. אַז מען זאָגט אים: „קילעמאַן, באַדאַרפסט נע־בעך וויגאַנטאָל צו דיינע פיס", ענטפערט ער: „איך? לאָמיר שיקן די רויטע־אַרמיי וויגאַנטאָל, וועט זי שנעלער קומען און דעמאָלט וועל איך מיר שוין אויסהיילן מיינע פיס!" פיניעלע האָט אַ פּעך שוואַרצן קאָפּ, שוואַרצע אויגן, אַ לענגלעכע נאָז, אַ שיין געשניצט פּנים. ער גייט איינגע־בויגן, ער האָט אַ הויכע פּלייצע; דער פעלער איז אים געבליבן פון קוועטשן די באַנק. דערצו האָט ער לעצטנס באַקומען עטלעכע לעכער אין די לונגען. האָבן אים די דאָקטוירים געזאָגט, אַז ער דאַרף גוט עסן, פרישע לופט און טרינקען אַ סך טראַן־אויל. אָבער פון דעם קאָן ער נאָר חלומען. ער זינגט זיך אָפּט אונטער אַ שטיקל גמרא: „הכל שוחטין — אַלע מעגן שעכטן! איז דערפאַר טוען אונדז די דייטשן שעכטן?" — צעציט ער לאַנג זיין קלינגענדיקע שטימע אויס געוואוינהייט. ער האָלט אין איין טענהן: „די מלחמה האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אַפּיקורס. איך

בין מיט דעם הימל געוואָרן ברוגז. דאָס לעבן האָט מיך אין געטאָ גע־לערנט, אַז עס איז קיין גאָט נישטאָ! פאַר די גרעסטע זינד וועט אַ טאַטע אַזוי פּייניקן זיינע קינדער? מיר זיינען דאָך גאָטס קינדער! פון זיין שיינער וועלט האָט ער אַ ים פון מענטשן־בלוט געמאַכט, און זיינע קינדער האָט ער געהייסן איינער דעם צווייטן זאָל לעבעדיקערהייט אויפפרעסן!"

— פּיניעלע מזיק! בייס דיר אָפּ די צונג! פאַר אַזעלכע רייד זאָלסט דו געכאַפּט ווערן! — מוסרט אים אויס די אַלטע צירל. — ניין! — רעד ווייטער קילעמאַן — דו ביסט גערעכט! — גיט אים אונטער פּאַרע דער רויט־געלער יאַבלאָנקע.

אָט דער פּיניעלע מזיק האָט היינט געברענגט אַ נייע רעצעפּט. — הערט מיך אויס נאָר מיט קאָפּ! — צעזינגט ער זיך מיט אַ גמרא־ניגון — פון דער קאַווע־מישונג קען מען מאַכן די בעסטע מאכלים: צימעס, טאָרטן, באַבקעס, לאַטקעס!

— וואָס? פון קאַווע־מיסטונג? — שפּעט אים נאָך דער רויטער יאַבלאָנקע.

און פּיניעלע מזיק רעדט ווייטער: — וואָס דאַרף איך עסן די קאַווע גלייך פון דער טאָרבע? — גיט ער אַ דריי מיטן פינגער, ווי ער וואָלט געפרעגט אַ קשיא אין דער גמרא, און ער ענטפערט גלייך: — איך נעם אַ האַלב טעפּל קאַווע־מיסטונג, כ'גיס אַריין אַ ביסל וואַסער, אַ לעפעלע זשעפּאַק־אייל, אַ פּאָר סאַכאַרינקעס, טיילמאָל אַז איך האָב, שיט איך אויך אַריין אַ ביסעלע צוקער און עס איז דאָ אַ צימעס. איר קאָנט אויך אַריינרייבן אַ קאַרטאָפל, אויב איר האָט, אַ לעפעלע מעל, אויב איר האָט, און אויסבאַקן טייערע קיכלעך. ווינטער, אַז איר וועט האָבן אַ געפרוירענע קאַרטאָפל אָדער אַ געפרוירענעם קילעריב, קאָנט איר מאַכן פון דער קאַווע־מיסטונג די בעסטע טאָרטן. איך זאָג אייך, אַז קיין שונא זאָל נישט וויסן פון דעם טעם!

דער רויטער יאַבלאָנקע זאָגט, אַז די קאַווע־מיסטונג צעשטעכט אים די צונג, די קעל, די לונגען מיטן האַרץ און ס'גאַנצע לייב און לעבן!

זאָגט אים פּיניעלע מזיק, אַז ער איז יאָ אַזאַ איידעלער מענטש, האָט ער פאַר אים אַן עצה: זאָל ער עס דורכזיפּן.

ענטפערט אים יאַבלאָנקע: פאַר מיר, קילעמאַן, דאַרפסט דו נישט צו אַנטדעקן אַמעריקע — נאָכן דורכזיפּן בלייבט פון איין קילאָ נאָר צען דעקאָ און דאָס איבעריקע בלויז פּלעוועס, נאָר אויפן מיסט אַרויסצו־

וואַרפן. אָבער אַז מען זיפּט נישט אַדורך, גליטשט עס זיך אַראָפּ ווי אַ פעט געבראָטנס.

עס קומט אָן הופערט. זיין פּנים שיינט. ער איז אַ ייד פון פּראָג. היטלער האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייד און מען האָט אים פון פּראָג אַריינגעשיקט אין לאָדזשער געטאָ. הופערט גייט נאָך עלעגאַנט געקליידט. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ טאָג-צייטונג און דערנאָך אַ באַלעבאָס פון עטלעכע קינעמאַטאָגראַפן. דאָ אין געטאָ, טראָגט ער זיך אַרום מיט אַן אידעע: גלייך נאָך דער באַפרייאונג, לאָזט ער דרייען אַ פילם וועגן לאָדזשער געטאָ. ער האָט שוין אפילו באַשטעלט אַ סצענאַר ביים ליטעראַט, וואָס אַרבעט אין דער פאַבריק. עס זאָל אויך זיין פאַרפלאָכטן מיט אַ שיינעם ראָמאַן פון אַ יונג שיין מיידל. און ס׳זאָל דאָרט אויך זיין וועגן אים און זיין פראַו — הגם זי איז נישט קיין יידישע, דאָך איז זי מיטגעקומען מיט אים אין געטאָ און זי ליידט פּונקט ווי ער. הופערט גלויבט שטאַרק, אַז היטלערס מפּלה קאָן קומען יעדע מינוט.

ווען אַלע זיינען געלאָפן אָפּנעמען די זופּ, איז הופערט געלאָפן ברענגען די לעצטע נייעס פון לאָנדאָנער ראַדיאָ.

באַלד אין דער פרי, איידער מען שטעלט זיך צו דער אַרבעט, גיט יעדער ייד איין מאַרק, כדי הופערט זאָל גלייך ביים ערשטן קלונג אויף מיטאָג קענען לויפן ברענגען די נייעס פון אונטערערדישן ראַדיאָ. יידן ווייסן אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך געלט און מיט טויט-געפאַר, אָבער פאַר ידיעות איז דער געטאָ-ייד גרייט דאָס טייערסטע אָוועקצוגעבן.

אַזוי ווי הופערט איז אָנגעקומען, האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: ס׳איז גוט! ער גיט איבער אַ באַריכט פון מזרח-פראָנט און מערב-פראָנט, מיט אַלע איינצלהייטן, מיט די קאָמענטאַרן פון ספּיקער. אַלע באַוואונדערן זיין אייזערנעם מוח. דערנאָך גיט ער זיינע אייגענע קאָמענטאַרן. נאָך זיין ריידן האָט מען דעם איינדרוק, אַז מען האָט געלייענט אַ צייטונג. שפּעטער הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע פון די צוהערער — פּעסימיסטן און אָפּטימיסטן.

הופערט דערציילט גאַנץ געלאַסן:

— די דייטשן אַנטלויפן פון מזרח-פראָנט אין גרויס בהלה. זיי זיינען גערינגלט אין אַלע זייטן, וואו זיי טרעטן נאָר אַרויף איז די ערד אונטערגעמינעוועט!״

עס לעבט אויף אַ וואַרעמקייט און אַ האָפענונג אין די יידנס הערצער.

— גאַנץ דייטשלאַנד ווערט טאָג און נאַכט באָמבאַרדירט! גאַנצע שטעט

ווערן אָפּראַזירט! אין האַמבורג איז שוין נישט געבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין! דער מערב פראָנט ווערט אין קורצן געעפנט!

דאָ הייבט זיך אָן די דיסקוסיע: איין ייד דעם צווייטן יאָגט איבער מיט האָפּערדיקע קאָמענטאַרן:

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען אַלץ.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט?

— נאָר בטוחן! — זאָגט דער אַלטער ר' חיים זילבערבערג, אַ געוועזענער פאַבריקאַנט, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, נאָך היינט האָט מען פאַר אים דרך ארץ. ער ציט אויס מיט אַ גמרא ניגון יעדעס וואָרט — די מלחמה קען זיך יעדע מינוט ענדיקן. איטאַליע האָט דאָך שוין קאַפּיטולירט, יאָ? איז דאָך דער אַקס צעבראָכן, יאָ? קען אַ וואָגן גיין ווען דער אַקס איז צעבראָכן?

— עס וועט לאַנג נישט דויערן און מיר וועלן מיטן אויבערשטנס הילף אַהיימגיין! — שרייט אויס דער אַלטער לאַנדע מיט התלהבות.

דער רויטער יאַבלאָנקע קאָן נישט צוזען ווי אַלע זיינען אַריינגע־פאַלן אין קעלבערנע התפּעלות, גיט ער אַ שריי אויס: — מיטן מויל גייט עס ווי געשמירט! איך גלויב נישט ענגלאַנד גנב! — ער וויל אַז ביידע זאָלן אָפּגיין אין בלוט און דערנאָך מאַרשירן אויף זייערע קברים! און ממילא אויף אונדזערע אויך! דאָס איז נישט אויף אַזוי גיך ווי איר מיינט!

—וואָ־אָ־אָס? — גיבן אַלע אויף אים אַ פאַל אַרויף — איר ווילט אוודאי, אַז די מלחמה זאָל דויערן יאָרן?! איר האָט צייט צו וואַרטן? וואַרט! מיר נישט! אַזוי וואויל איז אייך?

— דאָס גאַנצע אומגליק טאַקע איז, — ענטפערט זיי יאַבלאָנקע גע־לאַסן, — ווייל מיר יידן קאָנען ניט וואַרטן. אָ, דער חלף ליגט אונדז שוין דאָ! — ווייזט ער מיט דער האַנט אויפן האַלדז. — איר גלויבט אַז דער מערב־פראָנט וועט זיך שוין עפענען? ענגלאַנד איז אַ קאַלטער מערדער: ענגלאַנד וועט זיך אַזוי לאַנג שלאָגן ביז צום לעצטן רוסישן זעלנער!

— אוי, יאַבלאָנקע, אַ הויקער וואַקסט אויך נישט ביז צום הימל! — שרייט אויס פּיניעלע.

— און אַ קילע וואַקסט נישט ביז צו די ערד! שרייט נאָך העכער לאַנדע. אַלע לאַכן און פּיניעלע פּילט זיך געטראָפן.

— ענגלאַנד וועט אים צעטרייבערן ווי אַ הערינג! — פּסקנט אָפּ דער אַלטער זילבערבערג. — און ער וועט די נאַציס אויסקאָרזשיעניען! און דאָס איז שוין די לעצטע מלחמה.

יאַבלאָנקע ענטפערט:

— יאָ, יאָ! דאָס איז טאַקע אמת, זעט איר, ווייל טשוירטשיל האָט אין זיין לעצטער רעדע דייטשלאַנד שטאַרק געדראָט.

דאָ ווערן אַלע שטאַרק נייגעריק, רינגלען אים אַרום, לייגן צו די אויערן. יאַבלאָנקע דערציילט אין איין אָטעם:

— ער האָט געדראָט: אויב זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן, וועט ער זיי שוין וויזן, וועט ער זיין געצוואונגען גאָר אין גיכן נאָך אַ מאָל צו רעדן!...

די לעצטע ווערטער האָט אַלעמען געטראָפן ווי מיט אַ פּאַמוניצע אי־בער די קעפּ. אַלע זיינען געבליבן געפּלעפט. און יאַבלאָנקע האָט ווייטער פאַרגעזעצט:

— ווייסט איר ווען דער מערב־פראָנט וועט זיך עפענען? ווען די רויטע אַרמיי וועט זיין הינטער בערלין. און נאָך קען איך אייך זאָגן: איר מיינט אַז זיי וועלן נקמה נעמען אין די נאַציס? ניין! ווייל דאָס איז נאָך נישט די לעצטע מלחמה, ר' חיים זילבערבערג. ניין! אַלע, אַלע וועלן זיי ביאַנטשען די נאַציס, ווייל זיי וועלן זיי דאַרפן צו נאָך מלחמות. האָ האָ נישט אַזוי גיך שולט מען אויס אַזעלכע מערדער!

די אַלטע צירל, וואָס איז געבליבן איינע אַליין פון איר גאַנצער משפחה, זי פאַרשטייט אַליין נישט ווי אַזוי עס האָט זיך איר איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן פון אַזוי פיל „סעלעקציעס". זי, די אַלטע צירל, קרעכצט: „אַ שאָד אונדזער מאָרדעקע! מיר וויגן אַ טויט קינד!"...

— איר ליידט, ווייל איר זייט יידן — רופט זיך אָן קראַוז, דער משמודס אייניקל. — וואָרום לייד איך? איך בין רייכס־דויטשע און די דומע נאַציס האָבן מיך איינגעזידלט אין געטאָ. דונער וועטער! איך בין קיין יודע איך בין רייכס־דויטשע! — שרייט ער היסטעריש.

— יאָ, יאָ, הערן קראַוז — רעדט צו אים זילבערבערג. — יאָ, היינט העלפט שוין אַפילו נישט אַז דער זיידע איז נאָר געווען אַ ייד, אַ משומד. דו האָסט פאַרלוירןביידע וועלטן: ביי אונדז ווילסטו נישט, קענסטו נישט זיין און ביי זיי וויל מען דיך נישט האָבן... מיר ווייסן כאָטש פאַר וואָס מיר ליידן. מען ברענגט אונדז אום ווייל מיר זיינען יידן!

פיניעלע מזיק צעקלינגט זיך מיט אַ גמרא־ניגון:

— אוי, יידן, וואָס טויג אונדז די אַלע פילאָזאָפיעס, אַז דער הונגער פייניקט, ס'וויכטיקסטע איז אַ שטיקל ברויט! די מלחמה קאָן זיך זיין מלחמה, נאָר מיר באַדאַרפן ברויט! אוי! זאָל זיך די מלחמה ענדיקן, איז די ערשטע זאַך לויף איך צו אַ בעקעריי כאַפּן אַ ברויט און איך וועל מיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאַט עסן!

— איך אויך! איך אויך! — שרייט מען אויף איין קול.

— אוי, קילעמאַן! — רייסט זיך אַרײַן יאַבלאָנקע — דו האָסט גאָרנישט קיין שכל, נעבעך: די היינטיקע מלחמה איז אַ מלחמה מיט יידן! ווייסן כאָטש אונדזערע יידן אין אַמעריקע ווי מיר ליידן? — גיט ער אַ שווערן זיפץ. — איך האָב אַ רייכן פעטער אין ברוקלין. און ס׳אַנדערע פון וואַנען ווייס איך, אַז אין אַמעריקע זיינען יידן היינט יאָ זיכער? כ׳האָב מורא, אַז אונדזערע ברידער אין אַמעריקע לעבן היינט אַליין אין שרעק. איך בין איבערצייגט, אַז זיי טוען אַלצדינג אונדז צו העלפן, נאָר די רשעות־דיקע וועלט לאָזט זיי נישט!

— דאָס קאָן מען נאָר מאַכן מיט אַ פאָלק, וואָס עס האָט נישט קיין אייגן לאַנד! — ענטפערט אים פיניעלע מזיק. — נאָך דער מלחמה, אויב מיר יידן וועלן נישט באַקומען אונדזער לאַנד, מעג שוין די גאַנצע וועלט אַ שוואַרצן סוף איינגעמען!

— קילערמאַן, ס׳קדחס קענסטו באַקומען, אַ לאָך אין די לונגען, אַ קילע! — שרייט צו אים יאַבלאָנקע — אָבער אַ לאַנד? אַ לאַנד מוז אַ פאָלק אַליין זיך אויסקעמפן!

דער אַלטער זילבערבערג טרייסט אים:

— דאָס איז אַ מלחמה — זאָגט ער פרום — קעגן יידישן גייסט! קעגן די צען געבאָט! קעגן גייסט פון אונדזערע נביאים! — ער אָטעמט אָפּ. ס׳איז שטיל. — גאָלד, גאָלד — זעצט ער פאָר — גאָלד! דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו גאָלד, וואָס מער מען לייטערט עס, איז עס בעסער, טייערער, לויטערער!

— כאָטש מען וויל אונדז שוין פון צוויי טויזנט יאָר אומברענגען, — ווענדט ער זיך צו פיניעלען, — דאָך זיינען מיר געבליבן אַ פאָלק! דער עיקר — בטחון, יונגערמאַן. עס איז שוין מלחמת גוג ומגוג! מען זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז די גאולה איז נאָענט. בטחון יידן! בטחון! די רויטע אַרמיי שניידן די נאַציס ווי גראָז!

די אַלטע צירל קרעכצט:

— דער וואָס וועט האָבן אַ שטיקל ברויט, דער וועט איבערלעבן, דער־לעבן משיחן.

— זאַבלודאָוויטש וועט דערלעבן משיחן — שרייט אויס דער אַלטער לאַנדע. — ער האָט אַ קאַץ, אַ, ער וועט שוין היינט האָבן אַ ברויט! — רעדט ער מיט קנאה.

— יאָ, יאָ, — באַשטעטיקט דער אַלטער זילבערבערג. — מיינס אַ קוזין האָט דערציילט, אַז ביי אים אין רעסאָרט האָט ער געהערט, ווי זיין פאָראַרבעטער האָט דערציילט, ווי איינער האָט געכאַפּט אַ קאַץ, האָט ער

די קאַץ אַהינגעטראָגן אין דער אָפּראָוויזאַציע אַריין און אויף דער האַנט האָט ער פאַר איר באַקומען אַ גאַנץ ברויט!

דאָ זיינען אַלע מקנא דעם „איינעם" און יעדער קלערט: וואו און ווי אַזוי כאַפּט מען אַ קאַץ. עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ גליק, אַ גאַנץ ברויט, מ'קען דאָך די מלחמה איבערלעבן. און עס גייט אַ שמועס וועגן קעץ. יעדער דערציילט וואָסאַראַ וואוינונג ער האָט געהאַט, וואָסאַראַ באַלעבאַטישקייט מען האָט ביי אים געפירט, ווי עס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קאַץ און וואָס די קאַץ האָט אַלץ באַקומען צו עסן: פליש און מילך און נאָך און נאָך, וואָס היינט קאָנען מיר וועגן דעם אפילו נישט חלומען.

דאָ זיינען אַלע מקנא דעם „איינעם" און יעדער קלערט: וואו און ווי האָט ער פאַר איר באַקומען אַ גאַנץ ברויט.

דער רויט־געלער יאַבלאָנקע זאָגט, אַז ער וואָלט געגעבן געהאַט היינט זיין עקזעמע אויסצוהיילן — בלויז מיט די פעטע זאַכן, וואָס זיין קאַץ האָט ביי אים אין קיך געגנבעט, אָבער וואו נעם איך דיך היינט, מיין טייערע קעצעלע? — זאָגט ער מיט האַרץ. — וואָלסט דו דאָך מיר אָפּגעצאָלט מיט אַ גאַנץ ברויט!

ער שטייט פאַרטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך צעלאַכט ער זיך און אַלע לאַכן מיט.

* * *

ווען זאַבלודאָוויטש איז געקומען אין דער גאַס, וואו עס געפינט זיך די פאַרבעריי, זיינען אים געקומען אויפן רעיון פאַרשידענע געדאַנקען: ווער ווייסט, צי די קאַץ איז נאָך דאָ? אפשר האָט דער יעקע זיך געמאַכט פון איר ביינאַכט אַ „קאַצן־בראַטן"? אפשר האָט די וועשערין אַרויסגעגנבעט די קאַץ? — ער האָט שווער געזיפצט. מיט די־אָ מחשבות איז ער אַצינד אַריינגעפאַלן אין פאַבריק. אויף דער שוועל איז אים אַקעגנגעקומען דער „גאַספּאַדאַזש" מיט אַ גוואַלד:

— פאַניע זאַבלודאָוויטש, טאָמער נעמט איר נישט צו די קאַץ די מינוט, לאָז איך זי גלייך אַרויס פון זאַק! ווי קאָן דאָס אַ ייד אַזוי פייניקן גאָט'ס אַ באַשעפעניש?! אַ גאַנצע נאַכט האַלטן אין אַ זאַק! אַ צער בעלי־חיים! איר זענט אַ מערדער! די קאַץ וועט פגרן! דאַכט זיך, זי איז שוין געפגרט! יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, זי איז שוין געפגרט! אַנשטאָט אַ ברויט, האָט איר אַ געפגרטע קאַץ!

זאַבלודאָוויטש האָט געפילט, אַז ס׳האַרץ שטייט אים אָפּ.

ער איז אַריינגעלאָפן אין פאַבריק אַ צעטומלטער. אַלע האָבן צו אים געקוקט און לאַנדע האָט געזאָגט סודותדיק: „איר׳ט געהערט? די קאַץ איז דאָ, ער האָט זי ערגעץ דאָ באַהאַלטן״. און דער אַלטער זילבערבערג האָט צוגעגעבן: „ער מיינט, אַז מיר וועלן זי אים לאָזן אַרויסטראָגן פון דאַנען.״

* * *

די פאַרבעריי איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער שאָפּע. עס זיינען געשטאַנען עטלעכע קעסלען אייזערנע און הילצערנע, און אויך אַ וואַנע. אַהער האָבן די אַרבעטער אַריינגעוואָרפן די פאַרבלוטיקטע וועש פון די אויסגעהרגעטע יידן, און זיי האָבן עס געמישט מיט שטעקנס, ביז עס האָט זיך איבערגעקאָכט און אָנגעפאַרבט. דערנאָך האָט מען די סחורה געפירט אין „טעפיך־רעסאָרט״. פון דעם האָבן יידן געמוזט וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן. איבערן גאַנצן דיל פון דער פאַרבעריי זיינען געלעגן די פאַרבלוטיקטע יידישע וועש... די גאַנצע פאַרבעריי איז געווען אָנגעפילט מיט אַ געדיכטן עיפּוש.

ווען זאַבלודאָוויטש איז אַריין אין דער פאַרבעריי, האָט ער דערזען די איינשיט ליגן אויפן זעלביקן באַרג פאַרבלוטיקטע שמאַטעס, וואו ער האָט זי אַנידערגעלייגט נעכטן, און ער האָט דערהערט מיאַוקען... איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קאַץ און אָנגעהייבן שפּרינגען מיט די געשוואָלענע פיס איבער די בערג פאַרבלוטיקטע שמאַטעס. דאָ האָט אים ביים אַקסל אָנגעכאַפּט דער אַלטער זילבערבערג. ער האָט צו אים גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון:

— פאַניע זאַבלודאָוויטש, איר וועט אַזוי גוט זיין נישט לויפן! מיר, וואָס אַרבעטן אין דעם זאַל, האָבן באַשלאָסן, אַז די קאַץ געהערט אונדז אַלעמען. איר קאָנט נישט האָבן קיין גרעסערן חלק פון אונדז. די קאַץ איז געכאַפּט געוואָרן אין דעם זאַל — יאָ? מיר האָבן געזען. עס איז דאָ אין דער גמרא: ווען איינער געפינט אַ מציאה, מוז ער זיך טיילן מיט די, וואָס זעען, אַז ער הייבט זי אויף. די קאַץ האָט דאָ נעכטן פאַרבלאָנדזשעט, און מיר האָבן געזען, ווי די פרוי האָט זי געכאַפּט. וועט איר מוחל זיין, אַזוי גוט זיין און צוואַרטן. אַלע אין איינעם וועלן מיר גיין מיט דער קאַץ אין דער אַפּראָוויזאַציע אַריין. קיין ברויט געטרויט מען היינט קיינעם נישט. ס׳איז געטאָ!

באַלד זיינען צוגעשטאַנען עטלעכע אַרבעטער. מ׳האָט זיך געאַמפּערט. זאַבלודאָוויטש האָט מיט געוויין געשריגן: „ניין, איך וועל נישט געבן די

קאַץ! דאָס איז מיין קאַץ!״ די פרויען האָבן געקוויטשעט. פלוצלינג איז אָנגעקומען דער אינזשיניר. האָט זיך יעדער צוגעשאַרט צו זיין אַרבעט און זאַבלודאָוויטש האָט זיך אַרויסגעשאַרט מיט דער קאַץ.

* * *

זאַבלודאָוויטש איז געגאַנגען אין דער אַפּראָוויזאַציע אַריין. די קאַץ האָט זיך געוואָרפן און געמיאַוקעט. פון דער איינשיט איז זאַבלודאָוויטש פאַרפעדערט געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים די קאַץ, חלילה, ניט אַרויסרייסן, האָט ער זי פעסטער צוגעדריקט אונ־טערן אָרעם. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָכגעקוקט מיט בייגיריקייט און קנאה, געוויזן מיט די פינגער:

— אוי, אַ קאַץ! ער וועט האָבן אַ ברויט!

קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען און געשריגן:

— אַ טאַץ, אַ טאַץ! אַ ביויט, אַ ביויט!

ער האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן.

ביי דער אַפּראָוויזאַציע האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע קופּע בעל־קנאה־ניקעס. דאָס געסל איז שוואַרץ געוואָרן. זאַבלודאָוויטש האָט זיך געטראַכט, אַז עס אז אַ סכנה דאָ איצטער אַרויסצוקומען מיטן ברויט.

ווי אַ בלינדער איז ער אַ פאַל אַריין געגעבן אין פאַרט־הויז פון דער אַפּראָוויזאַציע.

— וואו לויפט איר דאָ ווי אַ משוגענער? — האָט ער דערהערט אַ געשריי. עס האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר סעקונדן, ביז ער האָט וועמען דערזען.

— איך דאַרף צום קעראָווניק (אָנפירער) הער שטשענשליווי, אָדער צום גאָספּאָדאַזש, — האָט זאַבלודאָוויטש געזאָגט אַ צעטומלטער.

— דער „גאָספּאָדאַזש״? — דאָס בין איך! וואָס ווילט איר?

— איך האָב געבראַכט אַ קאַץ.

— נו, וואָס ווילט איר פאַר איר?

— סטייטש וואָס איך וויל? אַ ברויט!

— כאַ־כאַ־כאַ! אַ ברויט? גיט מיר אַ ברויט, וועל איך אייך געבן צוואַנציק קעץ! ווער דאַרף קעץ? אונדז פעלן קעץ? מיר האָבן גענוג קעץ, פיר־פיסיקע און צוויי־פיסיקע! צען מאַרק קאָן איך אייך געבן פאַר איר. ווילט איר?

זאַבלודאָוויטש האָט געפילט, אַז ער זינקט איין. ער האָט געבעטן, אַז די ערד זאָל זיך אונטער אים עפענען.

אַרויסגיין איצטער מיט דער קאַץ? ווען אים די מענטשן, וואָס וואַרטן אין דרויסן, מאַכן דעם אמתן מי שבירך. נעמען די צען מאַרק? וועט אים די שותפטע ניט גלויבן. זי וועט אים באַשולדיקן, אַז ער האָט געגומען אַ ברויט. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער לייטער (אָנפירער) פון „טיער־צוכט" האָט אים צוגעזאָגט אַ גרויס, שיין, פריש איי. וויפיל יאָר האָב איך שוין, קיין איי ניט געזען פאַר מיינע אויגן? — האָט ער געטראַכט. פאַר אַן איי וועל איך מיר שוין שאַפן אַ שטיקל ברויט, און דער וועכ־טער, דוד קלעפּסידרע, האָט מיר צוגעזאָגט אַ האַלבן קילאָ ברויט. ער וועט איינעם פון זיי פאַרקויפן די קאַץ, זאָלן זיי דאָ אַהערקומען — זיי האָבן דאָך „פּלייצעס"! און צום „גאָספּאָדאַזש" האָט ער געזאָגט:

— פּאַניע גאָספּאָדאַזשו, איך האָב צו אייך אַ גרויסע ביטע. איר זאָלט אַזוי העפליך זיין, מיך אַרויסלאָזן דורך אַ צווייטן אַרויסגאַנג אויף דער אַנדערער גאַס, ווייל דאָ — ווייזט ער צו דער טיר, פון וואַנען ער איז אַריינגעקומען — איז שוואַרץ די גאַס פון מענטשן, וואָס וואַרטן אויף מיר מיט דער קאַץ...

דער גאָספּאָדאַזש האָט אים צוליב געטאָן.

* * *

ווען שלמה זאַבלודאָוויטש איז אַריין צו זיך אין שטוב, האָט ער אויפגעבונדן די איינשיט און אַרויסגעלאָזט די קאַץ. ער האָט זי באַ־טראַכט: אַ שיינע פעל, ווייס ווי שניי, מיט שוואַרצע און ברוינע פלעקן. שיינע ווייסע וואָנצן, העל גרינע אויגן, אין דער מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך. זי האָט זיך איינגעצויגן. פון רוקן איז געוואָרן אַ באַרג, אַזוי עטלעכע מאָל. ער האָט אויף איר רחמנות באַקומען. ער האָט אויפגעשלאָסן די וואַליזע, אַרויסגענומען אַ גרויסע טאַרבע, וואָס איז געווען שטאַרק איינ־געוויקלט און אפשר צען מאָל אַרומגעבונדן. פון דאָרט האָט ער אָפּגע־שניטן אַ „פּראַבקע" ברויט פון זיין נעבעכדיקער פּאַרציע. ביים שניידן האָט ער די פּאַרציע געוואויגן אין דער האַנט און צו זיך געזאָגט: „צוליב דער קאַץ האָבן מיר נעכטן אויפדערנאַכט זיך באַגנבעט די פּאַרציעס..."

די קאַץ האָט באַשמעקט דאָס פּיצעלע ברויט און ניט געגעסן.

— אַ בראָך איז צו מיר. איך האָב די קאַץ קראַנק געמאַכט! — האָט ער צו זיך געזאָגט. — אַ גאַנצע נאַכט זי געהאַלטן אין דער איינשיט...

ער האָט זיך אָפּגעפּוצט פון די פּעדערן און איז געלאָפן אַרויסנעמען די ראַציע (צוטייל) וואורשט. ער איז אָפּגעטראָטן אין „טיער־צוכט" און געזאָגט דעם וועכטער, אַז ער האָט שוין געבראַכט די קאַץ. האָט אים דער וועכטער געזאָגט, אַז ער זאָל די קאַץ שוין אַריינברענגען, וועט ער אַ לויף

געבן אין דער אַפּראָוויזאַציע ברענגען ס׳ברויט, וועלן זיי זיך טיילן. ווייל ווער גיט דאָס היינט ברויט פּאַראויס ? נו, איז זאַבלודאָוויטש אַריינגעגאַנגען צום לייטער נאָך אַן איי. אָבער ער האָט געהערט פון אים דעם זעלבן ענטפער...

זאַבלודאָוויטש האָט אַהיימגעבראַכט צוואַנציק דעקאַ (200 גראַם) פערד־ווואַרשט. דאָס איז געווען אַ צוטייל אויף אַ חודש — צען דעקאַ אויף אַ „קאָפּ". ער האָט גענומען אַ פּעניץ ברויט מיט אַ פּיצל וואורשט ס׳האַרץ צו דערכאַפּן. דער קאַץ האָט ער געגעבן ס׳שטיקל הויט, זי האָט עס באַשמעקט און ניט געגעסן. אַ בראָך! איך האָב זי טאַקע קראַנק געמאַכט! — האָט ער געטראַכט.

אין פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זון. די קאַץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענצטער — האָט זיך געוואַשן און געוואַרעמט. זאַבלודאָוויטש האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן: ער האָט אָפּגעשניטן נאָך אַ „פּראָבקע" ברויט און נאָך אַ פּיצעלע וואורשט. ער האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען אַזוי ווי אַ קאַפּסול. ער גיט אַ קוק אויפן זייגער: עס איז שוין האַלב צוויי. ער האָט זיך געאיילט צו דער אַרבעט, האָט ער שנעל צוריק אַריינגעלייגט ס׳ברויט אין דער וואַליזע, דעם וואורשט גוט צוגעבונדן אין לייווענטענעם טאָרבעלע, געפרייט זיך, אַז די פרוי וועט היינט מאַכן אַ גוטן גוליאַזש, און געלאָזט ליגן אויפן טיש. ער האָט געכאַפּט דעם עמער און איז אַרויסברענגען וואַסער. האַלטנדיק די האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר, האָט ער נאָך אַ מאָל באַטראַכט די קאַץ. זי איז טאַקע אַ זויבער באַשעפעניש. ווי פיין זי וואַשט זיך!

צוריק גייענדיק מיט דעם וואַסער, האָט ער באַמערקט, אַז די קאַץ זיצט נישט אויפן פענצטער. אַזוי ווי ער האָט געעפנט די טיר האָט ער געטראָפן די קאַץ אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי ביים אַוועקגיין.

ער שטעלט אַוועק דעם עמער וואַסער, ער וואַרפט די אויגן אויפן טיש— אַ בראָך! דאָס טאָרבעלע איז צעהאַקט און עס פעלט אַ העלפט וואורשט.

עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. ער איז צוגעלאָפן צו דער קאַץ און מיט טרערן אין די אויגן געשריגן: אַזוי, ביסטו גאָר אַזאַ גנב ?! ניט אַנדערש נאָר דו קומסט פון אַ רייך הויז, ביסט געוואוינט נאָר פלייש צו פרעסן! אַבי איך האָב געמיינט, אַז כ׳האָב דיך קראַנק געמאַכט!

מיט איין האַנט האָט ער די קאַץ געשלאָגן און מיט דער צווייטער געוויזן אויפן וואורשט: וואָס האָסטו געטאָן ?!

די קאַץ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק. ער האָט מיט דעם מעסער שיין אַרומגעשניטן דעם וואורשט און אַריינ־

געלייגט אין דער וואַליזע, טרייסטנדיק זיך: אַבי מיין פּרוס פּאַרציע איז דאָ! מילא, זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז רומקאָווסקי האָט ניט געגעבן קיין וואורשט אַלס צוטייל. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נעכטן אויף דער נאַכט אויפגעגעסן דאָס היינטיקע שטיקל ברויט, און ער מוז איצטער גיין צו דער אַרבעט אָן אַ ביסן. אַ קאַץ, אַן אומגליק! — האָט ער אויס־געגרופן, צוגעהאַקט די טיר און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט מיט די געשוואָ־לענע פיס צו דער אַרבעט.

* * *

ווען זאַבלודאָוויטש איז אַריינגעקומען אין פאַבריק האָבן אַלע אַרבע־טער מיט דער שותפטע בראש געוואַרט מיט גרויס נייגעריקייט: וואָס האָט ער געבראַכט פאַר דער קאַץ?

זאַבלודאָוויטש האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת.

— מען האָט מיר פאַר דער קאַץ ניט געוואָלט געבן מער ווי צען מאַרק, האָב איך זי אַהיימגעטראָגן צו מיר.

ער האָט דערציילט, ספּעציעל פאַר דער שותפטע, זי זאָל ביי אים ניט מאָנען קיין האַלב ברויט. פאַר די אַרבעטער האָט ער ניט מורא געהאַט. זיי האָבן זיך באַלד פון אָנהויב ניט גערעכט, אַז ער וועט זיך מיט זיי טיילן.

— ברויט טאָר מען היינט קיינעם ניט געטרויען, עס איז געטאָ, — האָט די שותפטע געזאָגט. — גיט מיר צוריק די קאַץ. ווי איך בין שוואַך, ווי איך קאָן קיין טריט נישט שטעלן, וועל איך זי שוין אַליין פאַרקויפן. אַ מאַנספּאַרשוין טויג ניט צו אַזעלכע זאַכן. איר וועט זען, איך וועל ברענגען ס׳ברויט און מיר וועלן זיך טיילן, — האָט זי אַרויסגעקרעכצט.

עס איז געבליבן, אַז מאָרגן ברענגט ער די קאַץ און ער גיט זי איבער אין אירע הענט.

דאָ איז אַריינגעקומען דער אַלטער לאַנדע, איינגעריסט ווי אַ קוימענ־קערער, פּיפּטשענדיק די ליולקע מיט קאַרשן־בלעטער, שטאַרק פאַרהוסט זיך, ווי זיין שטייגער, און אַרויסגעלאָזט אַ ברייטן: „אַ־אַ־אַ! גוט מאָרגן, פּאַניע זאַבלודאָוויטש! נו, ווי איז אייך דערגאַנגען מיט דער קאַץ? ס׳ברויט שמעקט גוט? כאָטש אַ גוטע וואָג? בלויז אַ ברויט, צי עפּעס געלט אויך?"

פאַר זאַבלודאָוויטשן איז יעדעס וואָרט געווען זאַלץ אויף די וואונדן. ס׳האָרץ האָט אים געשניטן פון דעם וואורשט, וואָס די קאַץ האָט אים אויפגעפרעסן, און פון דעם ברויט וואָס ער האָט נעכטן אויפגעגעסן. דער־

פאַר זיצט ער אַצינד טויט־הונגעריק און ער שעמט זיך דאָס צו דערציילן. האָט ער אים געגעבן אַ בייזלעכן ענטפער:

— פאַניע לאַנדע, לאָזט מיך צורו! מען האָט מיר פאַר דער קאַץ ניט געוואָלט געבן מער ווי צען מאַרק! פאַרדרייט מיר ניט מיין מוח! גייט אייך געזונטערהייט!

— וואַ־אָס? צע־ען מאַרק?! ווען גייט איר אָפּנאַרן פאַר צען מאַרק באַקומט מען היינט צוויי סאַכאַרינקעס! אַ ברויט קאָסט טויזנט אַכט הונדערט מאַרק! פון וועמען גייט איר חוזק? אַזוי איז עס היינט: אַז מען האָט אַ ברויט ווערט מען אַ גאַנצער יאַ־טעביע־דאָם! איר האָט מורא, אַז איך פאַרגין אייך ניט! עסט געזונטערהייט! ווען אייך טרעפט ניט דאָס גליק, וואָלט איך זאָט געוועז? נאָר איין זאַך בעט איך אייך: איר זאָלט מיך ניט מאַכן פאַר קיין משוגענעם! איך הייס לאַנדע, פאַרשטייט איר מיך!

— איך זאָג אייך, פאַניע לאַנדע, — האָט זאַבלודאָוויטש געטענהט, — אַז די אַפּראָוויזאַציע דאַרף ניט קיין קעץ. זיי האָבן גענוג קעץ פיר־פּי־סיקע און צוויי פּיסיקע! — אַזוי האָט געזאָגט דער גאַספּאָדאַזש.

—אָ, זעט איר: צוויי פּיסיקע קעץ האָבן זיי שוין צופיל! אַ קליינע קאַץ איז שטשענשליווע? און ריינגאָלד? מען רופט אים שוין ריינשמאַלץ, קיי־לעכדיק איז ער שוין ווי אַ פעסל! און די אַנדערע גנבים?! זיי פרעסן אונדז אַלע אויף לעבעדיקערהייט! זאָל נאָר קומען די מינוט, ווען די דראָטן וועלן ווערן אויפגעריסן, דעמאָלט וועט מען זיך שוין אָפּרעכענען מיט די צוויי פּיסיקע קעץ, מיט די בלוטזייגער! אָבער פיר פּיסיקע קעץ פעלן זיי טאַקע! די קויפן זיי יאָ! און מאַכט מיך ניט צו נאַר! איך בין מיט איין מינוט עלטער פון אייך! איך האָב פיינט פאַנטאַזיעס.

* * *

אין אָוונט האָט זיין פרוי געבראַכט זאַבלודאָוויטשן אַ ביסל זופּ. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז אַזוי הונגעריק, אַז ער קאָן זיך שוין ניט דער־וואַרטן ביז נאָך דער אַרבעט; ער האָט דאָך היינט קיין ברויט ניט געגעסן. זי האָט דאָס באַמערקט, ווען זי האָט אַריינגעקוקט אין דער טאַרבע, וואָס איז געלעגן פאַרשלאָסן אין דער וואַליזע. (שטענדיק, ווען זי האָט גע־בראַכט ס׳ברויט פון קאָאָפּעראַטיוו, האָט זי עס צעשניטן אויף אַכט חלקים — אויף אַכט טעג). זי האָט איצט זאַבלודאָוויטשן דערציילט וואָסער קלוג באַשעפעניש די קאַץ איז: אַזוי ווי זי האָט נאָר געעפנט די טיר, איז די

קאַץ צו איר צוגעלאָפן, געמיאַוקעט, געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, ביז זי האָט זי צוגעפירט צו דער וואַליזע. זי האָט געדראַפּעט די וואַליזע, קוקנדיק איר אין די אויגן און געוויינט, ווי זי וואָלט געזאָגט: „עס הונגערט מיך, דאָ ליגט עסן, גיב מיר, איך בעט דיך.“ זי האָט געעפנט די וואַליזע. זי האָט איר געגעבן אַ פּיצל ברויט. די קאַץ באַשמעקט עס און וויל ניט עסן. האָט זי איר געגעבן אַ שטיקל הויט פון וואורשט, האָט זי עס אויך באַשמעקט. זי האָט געוויינט, געקוקט איר אין מויל ווי זי עסט, האָט זי, די פרוי זאַבלודאָוויטש, אויף איר באַקומען רחמנות און געגעבן אַ פּיצעלע וואורשט. נו, ביסט עפּעס אַ מבין, וואָסער קלוגע קאַץ דאָס איז?

זאַבלודאָוויטש האָט געזאָגט, אַז עס ווייזט זיך אויס, אַז די קאַץ קומט פון אַ גאַנץ רייך הויז, אָדער פון אַ קצב. און געטראַכט האָט ער ביי איר האָט זי כאָטש געבעטן, אָבער מיך האָט זי פּשוט באַגנבעט. אויפגעפרעסן מיין גאַנצן וואורשט. אַ קאַץ, אַן אומגליק! — זאָלסט וויסן, חנהלע, — האָט ער אויסגעשאָסן, — אַז די אַפּראָוויזאַציע דאַרף ניט קיין קעץ. זיי האָבן מיר נאָר געוואָלט געבן פאַר איר צען מאַרק, ניט מער!

* * *

ווען זאַבלודאָוויטש מיט זיין פרוי זיינען אַהיימגעקומען האָבן זיי די טיר געטראָפן אויפגעבראָכן. ס'ערשטע זיינען זיי צוגעלאָפן צו דער וואַליזע, זען צי דאָס ביסעלע שפּייז איז נאָך דאָ.

זיי האָבן אַלץ געטראָפן אין אָרדענונג, נאָר — די קאַץ האָט מען אַרויסגעגנבעט.

זיי האָבן זיך פריער ניט געקאָנט לייגן שלאָפן, ביז דער שלאָס וועט פאַרריכט ווערן. ווי קאָן מען דאָס לאָזן די שטוב אין געטאָ ניט צוגעשלאָסן? אַ גאַנצן טאָג איז מען ביי דער אַרבעט און אַפילו ביינאַכט? עס פעלן דען בעלנים, וואָס לויערן אויף דעם ביסעלע שפּייז?

זאַבלודאָוויטש האָט געבראַכט אַ שלאָסער. דער שלאָסער האָט זיך ניט געוואָלט פריער צורירן צו דער אַרבעט, ביז מען וועט אים באַצאָלן מיט צען דעקאָ ברויט — קיין געלט נעם איך ניט! געלט האָט היינט ניט קיין ווערט! איך וויל ניט מער פאַר מיין אַרבעט, נאָר צען דעקאָ ברויט! — האָט ער געטענהט און ער האָט אַרויסגענומען אַ האַנט־וואָגל פון זיין רענצל.

זאַבלודאָוויטש האָט אים דערציילט פון זיין אומגליק: מען האָט אים אויפגעבראָכן די טיר נאָר צוליב דער קאַץ. נאָך אַ נס, וואָס מען האָט אים דאָס ביסעלע שפּייז ניט אַרויסגעגנבעט.

ווען דער שלאָסער האָט דערהערט דאָס וואָרט: קאַץ, האָט ער זיך צעבייזערט: — גוט אויף אייך! הײַנט, אַז מען האָט אַ קאַץ לאָזט מען זי איבער אַליין?! אַ קאַץ איז אַ ברויט! גיט מיר אַ קאַץ, מאַך איך אייך פּופּציק שלעסער! אַ קאַץ דאַרף מען היטן ווי ס׳אויג אין קאָפּ!

מיט געוויין האָט זאַבלודאָוויטש אָפּגעשניטן און אָפּגעוואויגן צען דעקאָ ברויט. ביי יעדן שניט מיטן מעסער, האָט ער געפילט ווי ער גיט זיך אַ שניט אין אייגענעם האַרץ.

* * *

צומאָרגנס, ווען זאַבלודאָוויטש איז געקומען אין רעסאָרט (פאַבריק), האָט די שותּפטע געוואָרט אויף דער קאַץ.

ער האָט איר דערציילט וועגן דער גנבה. זי האָט אים ניט געוואָלט גלויבן. אַלע האָבן געזאָגט: ער האָט באַקומען אַ גאַנץ ברויט, ער וויל זיך ניט מיט איר טיילן, האָט ער אויסגעטראַכט אַ מעשה.

דער אַלטער זילבערבערג האָט געזיפצט: כ׳האָב מיר אין לעבן נישט פאָרגעשטעלט אַז זאַבלודאָוויטש זאָל זיין אַזאַ שווינדלער. אַזאַ קאָמבינאַ־טאָר. די רעווינדענטקע איז צוגעלאָפן צו זאַבלודאָוויטשן מיט די פויסטן און היסטעריש געשריגן: „איר האָט אויפגעפרעסן ס׳ברויט פון מיינע אומגליקלעכע יתומימלעך! מערדער!

און דער אַלטער לאַנדע האָט אַלעמען איבערצייגט וואָס פאַר אַ ייד אַ חכם ער איז. — נו? — האָט ער געפרעגט, — ווער ס׳איז שיין, אָבער איך בין קלוג. ברויט טאָר מען היינט קיינעם ניט געטרויען. עס איז אַ געטאָ!

ס׳איז געבליבן, אַז זאַבלודאָוויטש איז אַ שווינדלער און אַ קאָמבינאַטאָר. אומזיסט האָט זאַבלודאָוויטש זיך געשוואוירן: כ׳זאָל אַזוי זוכה זיין צו דער־לעבן היטלער׳ס וויסטע מפּלה! די קאַץ האָט אים באַגנבעט, דערנאָך האָט מען די קאַץ אַליין צוגעגנבעט, און איצט קוקט מען נאָך אויף אים ווי אויף אַ מיאוסן ליגנער.

ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ ווינקל, קיינער זאָל ניט זען, און האָט זיך שטיל, שטיל צעוויינט...

שטאָקהאָלם, 1947, ניו־יאָרק, 1951.

בערעלע אין געטאָ

אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה תש״ב, טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק, האָט דער „קייסער״ פון לאָדזשער געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, גערעדט צו די יידן אויפן פייערלעשער־פּלאַץ:

„מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! אַלס „עלטסטער־דער־יודען״ ווענד איך מיך צו אייך און איר זאָלט מיך פאָלגן; איר ווייסט אַז איך בין אַ טאַטע פון יתומים, און אַז די זקנים און די קינדער זיינען מיין גאַנץ לעבן. אַצינד איז, אָבער, געקומען אַ צייט, אַז איך מוז אַוועקגעבן דאָס וואָס ס׳איז מיר אַמטייערסטן — אַלע מיינע קינדער און זקנים. (רומקאָווסקי האָט שטאַרק געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין געטאָ, אַפילו די מענטשן — איז זיין אייגענטום, דערפאַר האָט ער אויף אַלץ געזאָגט: „מיין״). דעריבער ווענד איך מיך צו אייך, אַז איר זאָלט מיטן גוטן ווילן אַוועקגעבן די קינדער און די עלטערן, זיי וועלן גענומען ווערן אויסערן געטאָ. אזוי וויל דאָס מלכות. און מען טאָר נישט גיין קעגן מלכות״.

די טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם פּלאַץ, צווישן זיי אויך דער ניין־יאָריקער בערעלע, זיינען אַנידערגעפאַלן מיט אַ יאָמער־לעכן געוויין. בערעלע האָט געוואָרפן אַ קללה אויף רומקאָווסקין און ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה: ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן ארויסשיקן פון געטאָ.

בערעלע איז צוזאַמען מיט דער אויפגעברויזטער מאַסע שנעל אַראָפּ־געלאָפן פון פּלאַץ. און אַזוי ווי אַלע האָט ער געמאַכט פּלענער, ווי צו באַהאַלטן זיך.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: די געשטאַפּאָ האָט כלומרשט אָנגעג־פרעגט רומקאָווסקין וואָס ער וויל: צי זאָלן זיי אַדורכפירן די „אַקציע״ אָדער, ער, רומקאָווסקי, וויל אַדורכפירן; רומקאָווסקי האָט געוואָלט אויס־מיידן בלוט־פאַרגיסונג, האָט ער זיך אונטערגענומען אַליין אַדורכצופירן די „אַקציע״.

צוויי טעג זיינען יידישע פּאָליציי און יידישע דאָקטוירים געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, דער הויז־וועכטער האָט געברענגט דאָס הויז־בוך, און די פּאָליציי האָט קאָנטראָלירט צי אַלע איינוואוינער געפינען זיך.

קינדער אונטער צוועלף יאָר און עלטערע פון זעכציק יאָר אָן האָבן זיי גלייך צוגענומען. די איבעריקע האָבן די דאָקטוירים אונטערזוכט — די אַרבעטס־פעאיקע האָבן זיי איבערגעלאָזט, און די קראַנקע און שוואַכע מיטגענומען.

די „אַקציע״, ווי די דייטשן האָבן עס אָנגערופן, האָבן זיי געפירט לויט די פאָרשריפטן פון די דייטשן.

די דייטשן האָבן געזען אַז די „אַקציע״ גייט צו פינקטלעך און צו פאַמעלעך, האָבן זיי דעם ערשטן טאָג ראש השנה אַליין איבערגענומען די „אַקציע״.

די געשטאַפּאָ האָט דורך פּלאַקאַטן מודיע געווען אַז זיבן מעת־לעת טאָרן נישט די יידן פאַרלאָזן די שטובן. עס איז אַ „שפּערע״.

יידן האָבן תפילה געטאָן: גאָט זאָל צונעמען זייערע נשמות, — זיי האָבן געוואָלט קומען צו קבר ישראל. איבערן גאַנצן געטאָ האָט זיך געטראָגן אַן איבעררייס אין געוויין. מאַמעס זיינען געלאָפן איבער די גאַסן צעטוליענדיק זייערע עופעלעך שרייענדיק: וואו באַהאַלט איך דיך?! אַ סך מאַמעס זיינען משוגע געוואָרן. מאַמעס מיט קינדער אין די הענט זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די הויכע שטאָקן. כדי אַנצוואוואָרפן נאָך אַ גרעסערע מורא, — האָבן די דייטשן אין מיטן מאַרק אויפגעהאַנגען אַכצן יידן אויף איין תליה. די קדושים האָבן געהאַנגען דריי טעג. און מען האָט געזאָגט: ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן קינדער און אַלטע לייט וועט אויפגעהאַנגען ווערן.

בערעלע איז געבליבן אין געטאָ אַ קיילעכדיקער יתום. זיין טאַטן, זיין מאַמען, דריי עלטערע שוועסטער מיט אַ יונגער ברודערל, האָבן די דייטשן דעם צווייטן טאָג ראש השנה אין יאָר 1942 „אויסגעזידלט״ (דאָס הייסט צוגענומען פון געטאָ און אוועקגעפירט אין א טויטן־לאַגער פאַרגאַזט צו ווערן).

יענע וואָך איז געווען די שוידערלעכסטע צייט אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ (לאָדזש). זי איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „די שפּערע״. „געשפּערט״ הייסט אויף דייטש געשלאָסן. גאַנצע זיבן טעג און נעכט האָט קיין ייד נישט געטאָרט אַרויסגיין פון שטוב. קיין שפּייז האָט קיינער נישט געהאַט אָנגעגרייט. די יידן האָבן שוין לאַנג נישט געגעסן צו דער זאַט. ביים צוטייל האָבן זיי אויך סטאַביל געהונגערט. אַז מען האָט געאַרבעט, האָט מען באַקומען א זופּ מיט א „שטיקל קינצלעך ברויט״.

די „רעסאָרטן״ (פאַבריקן), די קאָאָפּעראַטיוון און אַלע אַמטן זיינען געווען געשלאָסן.

די געשטאַפּאָ מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי, פּייערלעשער, קוימענקערער און דער „ווייסער גוואַרדיע״ (מעל־טרעגער) האָבן געפירט די „אַקציע״. דערפאַר זיינען זייערע ווייבער, קינדער און עלטערן באַפרייט געווען פון דער „אויסזידלונג״.

זיי זיינען געגאַנגען פון הויף צו הויף. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן עטלעכע מאָל און אויסגעשריגן:

— אַלע אַרונטער!

אַלעמען האָבן באַהערשט טויט־אַנגסטן. דער גרעסטער טייל יידן זיינען אַליין אַראָפּגעגאַנגען מיט די פּעקלעך גרייט אין וועג אַריין. אַ סך יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. זיינען די משרתים מיט העק אין די הענט, מיט די געשטאַפּאָ־לייט, געגאַנגען אין יעדן ווינקל, אויפגעריסן טירן, דילן, געזוכט אויף די בוידעמער און אין די קעלערן.

די, וואָס מען האָט געטראָפן באַהאַלטן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן כלומרשט געזאָגט די יידן, אַז זיי זוכן נאָר עלטערע מענטשן און קינדער. עלטערע מענטשן קענען דאָך סיי ווי נישט אַרבעטן, ווייל מען זיי שיקן אין „דערהאָלונגס לאַגערן״. דאָס הייסט, פּלעצער, וואו זיי וועלן געזונט ווערן. אויסגעלאָזט אָבער האָט זיך אַנדערש. וועמען דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט געוואָלט, דעם האָט ער גענומען: אַלטע לייט, קינדער, קראַנקע יוגנטלעכע, געזונטע און אַפילו גאַנץ קרעפּטיקע. די יידן האָבן נישט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי, אָבער מען האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז מען נעמט זיי צום טויט.

די מעשה איז געווען אַזוי:

בערעלעס משפּחה איז אַליין נישט אַראָפּגעגאַנגען אין דרויסן. די פּאָליציי האָט זיי אַלע אַראָפּגעפירט מיט די גרייטע פּעקלעך אין די הענט.

בערעלע אַליין האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ לאַנגן פאָרהאַנג. הינטער אַ בלינדער טיר. אַזוי ווי די פּאָליציי האָט געטראָפן גרייט צו גיין די גאַנצע משפּחה, האָט זי שוין נישט געזוכט, און עס וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז הינטער אַ פאָרהאַנג וועט שטיין באַהאַלטן אַ יידיש קינד.

בערעלע איז געשטאַנען אין טויט־שרעק. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

די פּאָליציי איז אַוועק מיט בערעלעס משפּחה. ער איז געבליבן איינער אַליין. עס האָט פון אים געגאָסן אַ שוויס. ער האָט זיך צוגעגנבעט צו אַ פענצטערל און מיט אַ האַלב פּנים אַרויסגעקוקט אין דרויסן. ער האָט געזען:

אונטן, אויפן הויף, זיינען יידן געשטאַנען ביי דער וואַנט אין אַ ריי. דער געשטאַפּאָ־אָפיציר שמידט, האָט געקליבן די יידן. זיין פינגער, ווי אַ גיפטיקער־צונג פון אַ שלאַנג, האָט געוויזן:

— רעכטס! לינקס! רעכטס! לינקס!

מיט דער צווייטער האַנט, וואָס ער האָט אין איר געהאַלטן אַ פּאָר ווייסע הענטשקעס, האָט ער געגעבן אַ צייכן; איז אונטערגעפאָרן אַ וואָגן מיט אַ פּאָר פערד און מען האָט די יידן געטריבן אויפן וואָגן, ווי בהמות צו דער שחיטה.

די יידן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט און שרעקלעך געוויינט. די געזונטע האָבן געפּרוּווט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, אָבער די פּאָליציי האָט אַלעמען גוט געהיט.

בערעלע האָט געזען ווי זיין יונגער ברודערל, שמחהלע, איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן. ער איז געבליבן ווי צוגעקלעפּט צו דער ערד. דער פּאָליציאַנט האָט אים געשלאָגן, ער האָט זיך נישט געוואָלט אויפשטעלן. אַ צעהרגעטן, אַ צעבלוטיקטן האָט ער אים צוריק אַריינגעוואָרפן אין וואָגן.

פאַר אַ ברויט האָט די פּאָליציי יאָ אַראָפּגעלאָזט פון וואָגן. פאַר גאָלד, בריליאַנטן האָט די פּאָליציי אַפילו פון זאַמל־פּונקט (וואו מען האָט פאַר־לאָדנט די קרבנות) באַפרייט.

טייל פּאָליציאַנטן האָבן זיך געמאַכט אוועקקוקן און געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען.

בערעלע האָט דורכן פענצטערל אויך געזען ווי מען פירט אַ וואָגן מיט קליינע קינדער. זייער געוויין האָט געשניטן די הערצער. מאַמעס זיינען נאָכגעלאָפן נאָך די קינדער מיט אַ גרויס געוויין, זיי האָבן געשריגן:

— מיין איינציקער אוצר! מיין איינציק לעבן! ווי קען איך דיך ראַ־טעווען?!

אַ סך מאַמעס זיינען אַליין מיטגעגאַנגען מיט זייערע קינדער. אַ סך מאַמעס האָט די געשטאַפּאָ נישט געלאָזט מיטגיין, מען האָט זיי געטריבן און געשלאָגן, ווייל זיי האָבן נאָך געטויגט צו דער ארבעט.

בערעלע האָט אויך געזען ווי עס זיינען דורך דער גאַס אַדורכגעפאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט קינדער פון יתומים־הויז. די קינדער זיינען געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן, אויסגעצוואָגטע מיט פעקעלעך עסן אין די הענט, און זיי האָבן געזונגען אַ פריילעך קינדער ליד. זיי זיינען גע־פאָרן אין דער זעלבער ריכטונג ווי אַלע פורן: צום זאַמל־פּונקט פון די קרבנות. אַ סך יונגע מענטשן זיינען אַליין מיטגעגאַנגען מיט זייערע קראַנקע און שוואַכע קרובים.

אַזוי איז בערעלע געשטאַנען נעבן פענצטערל און אַלץ געזען, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. עס האָט אים פאַרקלעמטביים האַרצן און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

בערעלעס אַ מומע האָט געוואוינט אויף דעם זעלבן הויף. איר איז געלונגען צו בלייבן. אָבער זיי זיינען ביידע געגאַנגען אויף די פעלדער אָפּרייסן אַ ביסל גראָז. דאָרטן האָבן זיי געטראָפן אַ סך יידן, וואָס האָבן געריסן גראָז. איז אָנגעקומען די געשטאַפּאָ אויף אויטאָס און מיט מאַשין־ביקסן געשאָסן אויף די הונגעריקע. די מומע האָבן זיי געכאַפּט און בערעלען איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער האָט אַהיינגעברענגט אַ ביסל גראָז, פון דעם האָט ער זיך דערנערט.

אַצינד האָט בערעלע געקלערט ווי אַזוי ווייטער זיך אויסצובאַהאַלטן. איז ער געפאַלן אויף דעם פּלאַן אַנטלויפן קיין „שישקאָוויצע".

מיט דעם נאָמען „שישקאָוויצע" האָבן די געטאָ־יידן באַקליידט דעם געגנד, וואו עס האָבן געוואוינט די „שישקעס"... דאָס איז געווען די פאַרשטאָט מאַרישין: כדי די יידן זאָלן האָבן א וועג צום בית־עולם, האָבן די דייטשן צוגעגעבן די פאַרשטאָט מאַרישין צום געטאָ. און אויך כדי צו מאַכן אַ דירעקטע באַן־ליניע צו די טויטן־לאַגערן. פאַר דער מלחמה איז דאָרטן קיין באַן־ליניע נישט געווען. אַצינד אין דער „שפּערע" זיינען די קרבנות טראַנספּאָרטירט געוואָרן אויף דער באַן־ליניע מאַרישין. אין „שישקאָוויצע" האָט דער קייסער געהאַט זיין זומער פּאַלאַץ מיט אַ גאָרטן. אַלע איינוואוינער האָבן געהאַט גערטנער און דאָרטן זיינען אויך געווען די יתומים־הייזער. אָבער עטלעכע טעג פאַר דער „שפּערע" האָבן די דייטשן ליקווידירט די יתומים־הייזער. אין דרויסן זיינען געשטאַנען הויכע גרויסע לאַסט־אויטאָס פאַר בהמות און וואַגאָנען. די „ראַל־קאָמאַנדע", הויכע אויסגעפּאַשעטע דייטשן, ציוויל געקליידעטע, זיינען געשטאַנען אין אַ זייט און זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי גרופּעס קינדער, אויסגעבאָדענע, מיט אַריינגעפלאָכטענע בענדער אין די שיין פאַרקעמטע האָר, אָנגעטוענע אין די יום־טובדיקע מלבושים, מט פּעקלעך עסן אין די הענטלעך, זיינען אַרויפגעלאָפן אויף די אויטאָס מיט שמחה זינגענדיק אַ ברייטלעך פּויליש קינדער ליד:

„יעדזשע פּאָציאָג ד'דאַלעקאָ, אַני כ'ווילי ניע טשעקאָ.
קאָנדאָקטאָזשע לאָסקאָווי, זאַוויעזש נאָס דאָ וואַרשאַווי."

אָט די געוועזענע יתומים־הייזער האָט רומקאָווסקי אין דער „שפּערע" פאַרוואַנדלט אין דערהאָלונגס־היימען פאַר די קינדער און די עלטערן פון די „שישקעס": לייטערס, קאָמיסאַרן און „ביוראָטאָווצעס", וואָס דער אָמטס־לייטער האַנס ביבאָוו ימח שמו האָט באַפרייט פון דער אויסזידלונג.

צו עסן איז דאָרטן געווען פון כל טוב און די קראַנקן שוועסטער פון די ליקווידירטע שפיטעלער האָבן דאָרט די קינדער און אַלטע לייט באַ־דינט. עס איז איבעריק צו דערציילן וואָס פאַר אַ קנאה און שנאה דאָס האָט אַרויסגערופן. די יידן האָבן די אויסדערוויילטע גערופן: „ביבאָווס קינדער" און „ביבאָווס עלטערן".

יאָ, האָט בערעלע באַשלאָסן און אזוי געטאָן. ער האָט זיך ביינאַכט צוגעגנבעט צו אַזאַ דערהאַלונגס־היים, ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוי־דעם און דאָרטן האָט ער זיך באַהאַלטן אונטער אַ פּאַס.

נאָך זיבן טעג האָט זיך פאַרענדיקט די „אַקציע" און באַלד נאָך דעם האָבן גרויסע פּלאַקאַטן אַראָפּגעשריגן פון די ווענט: „אויפגע־הייבן די שפּערע"! איך פאָדער אויף אַלע יודען זאָלן גיין צו דער אַרבעט און זיי זאָלן צויאָגן די פּראָדוקציע פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן נישט געאַרבעט! — אַמטס־לייטער, האַנס ביבאָוו."

צומאָרגנס האָבן די יידן געזען אין די אַריינגעשמוגלטע דייטשע צײַ־טונגען בילדער, ווי „די יידישע מאַמעס אין לאָדזשער געטאָ וואַרפן אַוועק זייערע קינדער און די עס־עס דערבאַרעמען זיך איבער די יידישע קינדער".

איצט איז בערעלע געבליבן איינער אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. פריער, ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, איז געווען גרינגער, כאָטש דער הונגער איז געווען גרויס. ער פלעגט זיך שפּילן מיטן קליינעם ברודערל און האָט אים זייער ליב געהאַט. זיי פלעגן זיך ביידע טיילן מיט שטיקלעך ברויט און מיט דער וואַסערדיקער זופּ.

בערעלע האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין וויינען. אַ שכנטע, וואָס אירע צוויי קינדער זיינען געשטאָרבן פון טיפוס און, וואָס די דייטשן האָבן פון איר צוגענומען איר מאַן, האָט בערעלען אַריינגענומען צו זיך. זי האָט אים אַדאָפּטירט.

ביסלעכוויז האָט זיך בערעלע צוגעוואוינט צו זיין נייער מאַמען. די שכנטע האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. זי האָט בערעלען אַוועק־געגעבן איר גאַנצע ליבע, ווייל זי איז דאָך אַליין אויך געווען עלנט ווי אַ שטיין.

בערעלע איז איצט אַלט געווען ניין יאָר. רעכט צו אַרבעטן האָבן נאָר געהאַט קינדער פון צוועלף יאָר און עלטער. און נאָר די, וואָס האָבן גע־אַרבעט האָבן זיך געמעגט געפינען אין געטאָ. האָט די שכנטע פאַרשריבן בערעלען אויף דרייצן יאָר.

ווינטער. אין געטאָ ברענט דער פראָסט אין די שטובן, ווי אין דרויסן.

מען האָט ספּעציעל די יידן אַריינגערוקט אין אַ נאַסן געגנט. קיין ברען־מאַטעריאַל איז נישטאָ. די שטובן זיינען נאַס, סיי זומער, סיי ווינטער. זומער פוילן די ווענט. עס וואַקסט אויף זיי שוואָמען. דער ווילגאַטש שטינקט. ווינטער גלאַנצן מיט ווייסן שניי די ווענט, דער סופיט און דער דיל. אין יעדער כלי וואו עס געפינט זיך אַ טראָפּן וואַסער, איז אייז. די פענצטער זיינען פאַרקאָוועט מיט אַ דיקן שיכט אייז און שניי. און פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלער קאָלדרע — צוליב „לופט־שוץ" — וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַראָפּגענומען, ווייל ווען מען גייט אַוועק צו דער אַרבעט איז נאָך פינצטער און ווען מען קומט אַהיים פון דער אַרבעט איז אויך פינצטער.

יעדן טאָג האַלב זעקס אינדערפרי מוז בערעלע אויפשטיין. די קעלט שוידערט אים. ער דערוואַרעמט זיך קיין מאָל נישט. אַז מען הונגערט, איז קאַלט. זינט בערעלע געפינט זיך אין געטאָ, איז ער נאָך קיין מאָל נישט זאַט געווען.

איינגעקאָרטשעט וויל ער נאָך אַ ביסעלע ליגן אונטער דער דעק. אָבער ער מוז זיך אָנטאָן און גיין צו דער אַרבעט. וואָס הייסט אָנטאָן? צוליב דער קעלט שלאָפט ער אין אָנטועכץ. אַז אין שטוב איז קאַלט ווי אין דרויסן, וועט ער זיך אויסטאָן אין אַזאַ פראָסט? נאָך אין דער פינצטער שלעפּט בערעלע אַרויף אויף זיך די שווערע „טרעפּעס" (הילצערנע שיך) מיטן מאַנטל און גלייך קלאַפּן זיינע שווערע „טרעפּעס" אויף דעם גליטשיקן צע־ריסענעם טראָטואַר. ער איז באַהאַנגען מיט אַ טאָפּ מיט אַ שטריק איבערן האַלדז, איילנדיק זיך צו דער אַרבעט מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן צום „רעסאָרט" (פאַבריק).

דער ווינט דרעשט בערעלעס גוף. דער פראָסט שניידט זיין פּנים און שטעכט אונטער די נעגל. פון טונקעלן בלויען הימל לייכטן אַראָפּ אַ פולע לבנה און צעוואָרפענע שטערן. אונטער בערעלעס פיס שפּילט דער שניי.

קליפּ־קלאַפּ, הילכט אַ געקלאַפּעריי פון „טרעפּעס". עס דערטראָגט זיך אַ סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און דאָס טראַסקען פון די פאָרנדיקע וואַגאָנעס. עס קרייעט איין האָן, אַ צווייטער ענטפערט. עס הערט זיך אַ בילעריי פון הינט. דאָס דערמאָנט בערעלען, אַז נישט ווייט איז דאָ אַ וועלט און פריי לעבן. אין זיין האַרצן נאָגט אַ בענקעניש צו דער פריי־הייט, אָבער ער טרייסט זיך אַז נישט אייביק וועט דאָך די מלחמה דויערן און ער וועט זיין צוריק מיט זיינע עלטערן.

בערעלע שטעלט טריט מיט מורא, אַז די דייטשן וואָס האַלטן וואַך

ביי די דראָטן, זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרווילן מיט דערשיסן אים, ווי זיי טוען דאָס אָפט מיט די יידן.

בערעלע מוז קומען אין פאַבריק צו דער צייט. זיבן אַ זייגער מוז שוין יעדער זיין ביי דער אַרבעט. און צו דער אַרבעט האָט בערעלע זייער ווייט צו גיין — אַז נישט, באַקומט מען אַ שטראָף: מען נעמט צו די זופּ. פון וואָס איז באַשטאַנען די זופּ? אַ זיבעציקסטל פון אַ ליטער פאַר דער־וואַקסענע (אַ פופציקסטל פאַר קינדער) וואַסער, וואו עס זיינען אַרומגעשוואו־מען אַ פאָר שטיקלעך אויסגטרוקנטע קילעריבן. פרישע קילעריבן איז שפּייז פאַר בהמות, אָבער, אַז מען צעשניידט די קילעריבן און מען טרוקנט עס אויס, ווערט פון דעם האָלץ. די זופּ — דאָס איז געווען דער פונדאַ־מענט פון טאָג־לעבן.

* * *

בערעלע האָט געאַרבעט אין אַ קינדער־שניידער־פאַבריק. דאָרטן האָבן געאַרבעט בלויז קינדער. איין דערוואַקסענער מענטש, דער אינסטרוקטאָר, האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט. אין דעם הויז איז ביז דער „שפּע־רע" געווען אַ קינדער־שפּיטאָל. צום דריטן יאָרטאָג פון דער מלחמה־אויסברוך האָבן די דייטשן ליקווידירט אַלע שפּיטעלער אין לאָדזשער געטאָ. די געשטאַפּאָ איז פאַרפאָרן מיט אויטאָס, זיי האָבן אַרומגערינגלט די שפּיטעלער און זיי האָבן די קראַנקע, סיי דערוואַקסענע, סיי קינדער, אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער ווי לופּעס האָלץ. די קרעפּטיקערע וואָס האָבן געפּרואווט אַנטלויפן, זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אין דער „שפּערע" האָבן די דייטשן פון די בנינים געמאַכט זאַמל־פּונקטן פאַר די קרבנות. און נאָך דער „שפּערע" האָט מען פון די געוועזענע שפּיטעלער געמאַכט פאַבריקן. אָט אין די זאַלן פון געוועזענעם קינדער־שפּיטאָל, זיינען געשטאַנען צוויי רייען מאַשינען. יעדעס קינד האָט גענייט אַ טייל פון אַ זעלנערישן בגד. טייל קינדער מיט די הענט, טייל אויף מאַשינען, טייל האָבן געפּרעסט.

די קינדער האָבן אַרויסגעגעבן ערשט־קלאַסיקע אַרבעט, זיי האָבן פון זיך די נשמות אַרויסגעיאָגט ביי די טויזנטער מונדירן פאַר דעם דייטשן מיליטער. זיי האָבן געהאַט אַ ציל וויפיל פּראָדוקציע אַרויסצוגעבן. זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן בגד פּונקט ווי די דערוואַק־סענע. יעדער קלענסטער דעפעקט האָט ביי די דייטשן געהייסן „סאַבאָ־טאַזש". ווען אַ דייטשע קאָמיסיע איז געקומען באַזוכן די קינדער־שניי־דער־פאַבריק, זיינען זיי דערשטוינט געוואָרן פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון די יידישע קינדער.

בערעלען האָט מען גערופן „קלעפּסידרע" (נעקראָלאָג), ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ טויטן־שאַרבן. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע דינע פּיסלעך און ער האָט זיך קוים באַוואויגן.

ווען אַ דייטשע קאָמיסיע איז געקומען אין פאַבריק האָט זיך בערעלע באַהאַלטן צוליב זיין שלעכטן אויסזען.

* * *

בערעלע האָט איין מאָל אָרגאַניזירט אַ סטרייק. עס איז דעמאָלט געווען אין געטאָ אַ שרעקלעכער הונגער. אויסער דעם שטיקל געקינצלט־ברויט מיט דער וואַסערדיקער זופּ, האָט מען מער גאָר נישט באַקומען. די קינדער, ווי די עלטערע, זיינען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. זיי האָבן נישט געקענט אַרויסגעבן די אָנגעוויזענע פּראָדוקציע.

האָט דער אינסטרוקטאָר פון פאַבריק פאַראָרדנט צו צונעמען דאָס ביסל זופּ. האָבן די קינדער געטענהט:

— אַז איר נעמט פון אונדז צו די זופּ, וועלן מיר נישט קאָנען אַרויס־געבן די אַרבעט.

דער גרעסטער טייל קינדער זיינען געווען אַריינגעצויגן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון אַלע פּאַראייניקטע פּאַרטייען אין געטאָ.

בערעלע האָט אויך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. מען האָט די קינדער דערציילט די געשיכטעס פון העלדן וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט. און געשיכטעס פון אונטערדריקטע, וואָס האָבן אַליין זיך אויסגעקעמפט די פרייהייט. די קינדער זיינען געוואָרן באַהויכט מיטן גייסט צו קעמפן פאַר זייער רעכט. בערעלעס טרוים איז געווען צו ווערן אַ יהודה המכבי.

בערעלעס עלטערן זיינען געווען סאָציאַליסטן, דערפאַר האָט ער גע־וואוסט ווי אַזוי אָנצופירן אַ סטרייק.

דער אינסטרוקטאָר האָט געזען אַז די קינדער האַלטן זיך אייניק, האָט ער געוואָלט צווישן זיי אַרויסרופן קנאה און שנאה. איז ער געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: ער האָט אויסגעטיילט פּופצן טאַלאָנען אויף זופּ פאַר אי־בער הונדערט קינדער. איז בערעלע אַ שפּרונג אַרויף געגעבן אויף אַ באַנק, האַלטנדיק אין דער האַנט דעם טאַלאָן. מיט זיין שוואַכער שטימע האָט ער געברענט און געצונדן די הערצעלעך פון די קינדער ווי אַ נביא·

— חברים! מיר מוזן זיך פאַראייניקן מיט די, וואָס האָבן נישט באַקו־מען קיין זופּ, וואָס זיינען מיר בעסער פון זיי? זיי הונגערן נישט ווי מיר? מיין עצה איז, אַז קיינער זאָל נישט נעמען די זופּ, ביז אַלע וועלן קריגן פּאַרציעס. איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן אַלע קינדער אויסגעשריגן מיט צאָרן און פרייד.

ווען מען האָט געבראַכט די קעסלען זופּ האָט זיך קיין איין קינד נישט צוגערירט צו דעם. כאָטש אַלע זיינען געווען שרעקלעך הונגעריק. דער גרעסטער טייל קינדער האָט שוין נישט געהאַט געגעסן פון נעכטן אָן.

די קעסלען זיינען געשטאַנען אָפן. די פּאַרע האָט געזעצט. עס האָט זיך צעטראָגן איבערן זאַל אַ געשמאַק פון זופּ, וואָס האָט גערייצט דעם מאָגן.

די אויסטיילער האָבן נישט געקענט באַגרייפן, וואָס עס איז מיט די קינדער געשען. יעדן טאָג ווערט מען דערהרגעט ביים אָפּנעמען דאָס ביסל זופּ, יעדער רייסט זיך צו באַקומען זיין פּאָרציע וואָס פריער, און היינט איז שאַ — שטיל, קיין קינד נעמט נישט זיין פּאָרציע... זיי האָבן נישט געוואוסט אַז דאָס איז בערעלעס אַרבעט.

* * *

דער לייטער פון דער פאַבריק האָט גלייך טעלעפאָנירט צום „קייסער" פון געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער משוגענער (אַזוי האָבן אים די יידן גערופן) איז געקומען צופליען אויף זיין דראָשקע.

ס'ערשטע האָט ער אויסגעפּאַטשט אַ פּאָר יינגלעך, כדי אַנצוואוואַרפן אַ מורא אויף די קינדער. דערנאָך איז ער אַרויפגעפאַלן אויף איין יינגל — מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן די ברילן און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער דאָס יינגל געפּאַטשט און ער האָט געשריגן אויף זיין ליטווישן אַקצענט:

— זשאָג ווער זשיינען די בונטאָווטשיקעס?!...

דאָס יינגל האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

דעם „קייסער" איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. דער הויכער שטערן־האָט זיך געקנייטשט, די זילבערנע פילאָזאָפישע פּאָלקע האָט זיך געטרייסלט. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ צווייטן און אויף אַ דריטן יינגל. ער האָט געשלאָגן און געקאָפּעט מיט די אָפיצירישע שטיוול און ספּאַזמאַטיש געשריגן:

— זשאָגט ווער זיינען די בונטאָווטשיקעס! וואָרן איך וועל אייך אַלע ממיתן!

די קינדער האָבן געשוויגן.

דער „קייסער" האָט שווער אָפּגעאָטעמט, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די קינדער וואָס ער האָט נישט געשלאָגן:

— זשאָגט מיר, קינדער, איר זיינט דאָך מיין גאַנץ לעבן (דעם פרע־

זעסעס באַליבט וואָרט), ווער זשיינען די, וואָס לאָזן אייך נישט עסן דאָס ביסל זופּ? — מיט אַ חניפה שמייכעלע האָט ער יעדן קינד געקוקט אין די אויגן אַריין. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. האָט דער „קייסער" אַ געשריי געגעבן מיט גרויס כעס:

— איר זאָגט צי נישט? וואָרים איך וועל אייך אַלע הייסן געבן שמיץ! (אין געטאָ האָט מען געשמיסן פאַר יעדער קלענסטער זינד).

די קינדער האָבן געשוויגן.

— קינדער מיינע, — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט חניפה און מיט אַ טאָן ווי מען דערציילט אַ סוד — ווער עס וועט מיר זשאָגן ווער ס'זיינען די בונטאָווטשיקעס, דעם וועל איך געבן אַ גאַנץ ברויט מיט אַ פּערטל קילאָ וואורשט. נו, ווער זשאָגט דער ערשטער?

אַזאַ מתנה איז אין געטאָ געווען ווי אַ באַגנעדיקונג פאַר אַ פאַר־משפּטן, וואָס שטייט שוין אונטער דער תליה. מיט דעם, איז דער פּרעזעס געווען זיכער, אז ער האָט געכאַפּט דעם פויגל. אָבער ער איז געבליבן אַנ־טוישט. האָט ער מיט גרויס רציחה אויסגעקליבן צען ייִנגלעך: — דו! דו! דו! איר באַקומט דריי טעג „פּעקאַליע"! (אויסשעפּן מיט האַנט־עמערס די אָפּטריטן, איינשפּאַנען זיך אין פאַס און פאָרן פון גאַס צו גאַס איבערן גאַנצן געטאָ). און היינט באַקומט איר אַלע אַ קדחת (דעם פּרעזעס באַליבסטע וואָרט) ניט קיין זופּ! און דאָ אין רעסאָרט וועט איר אַלע ליגן ווי די הינט, ביז ניין אַזייגער ביינאַכט! קיין שום שפּייז וועל איך צו אייך ניט צולאָזן! נאָר אַ קדחת! — האָט ער געוויזן אַ פייג.

די קינדער האָבן אויפגענומען די שטראָף מיט שווייגן.

ווען דער אַלטער איז אַוועקגעפאָרן האָט בערעלע דער ערשטער אָנ־געהויבן צו זינגען און אַלע קינדער מיט אים:

אונזער פּרעזעס חיים
איז דאָך זייער אַ גוטער,
מען וועט נאָך ביי אים עסן
זעמעלעך מיט פּוטער...

רומקאָווסקי חיים האָט גוט געטראַכט,
ער אַרבעט שווער ביי טאָג און ביי נאַכט;
ער האָט געמאַכט אַ געטאָ
מיט אַ דיעטע
און ער שרייט אַז ער איז גערעכט!

רומקאָווסקי חיים, דער עלטסטער יודע,
ער איז געשעצט פון די געשטאַפּע
ער איז טאַקע אונדזער ברודער
און באַזאָרגט אונדז מיט פּאַפּע...

שטאָקהאָלם 1946.

אַנדערע ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

„יונג-גרין-מאַי" — לידער, לאָדזש, יוני 1939.

ס'איז גרייט צום דרוק דאָס בוך „אין תהום" — דערציילונגען.